STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05195

SHTUME FRAYNT

Moses Stavi

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה סטאַווסקי

שטומע פריינט

דערציילונגען

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

128050
Apr. 21, '32

ySt29s

M. Stawski — „Sztume frajnd“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno



איך און מײַן קאַץ

I

אָנשטאָט אַ הקדמה

מיין נאָמען, יחוס, חברים און דרכים.

איך הייס מאיר־נח רחל־לאהס פון די קאַטיוקעס (אַזאַ צו־נאָמען ביי אונז אין שטעטל). איך גיי אין אַ קאָרטעגעם גאַר־ניטור מיט האַלבע הויזן, שיך מיט גומעלאַסטן, אַ היטעלע אין אַכט קאַנטן, פונוואַנען עס קוקן אַרויס אַפּאָר גלאַטע פּאהלעך, וועלכע איך פאַרגלייך און שער־צו קעגן שפּיגל יעדן פרייטיק נאָכן צוואָגן.

די מאַמע איז אַ קרעמערקע און דער טאַטע לערנט אין בית־מדרש „תורה לשמה". און ווייל די קינדער זענען נאָך קליין, קומט ער אין קראָם אַריין אין אַ יריד אָדער אין אַ גרויסן מארק־טאָג עפּעס צוהעלפן. און היות ווי ער קאָן נישט קיין וואָרט גוייש און ווייסט נישט ווו עפּעס ליגט, באַשטייט זיין הילף אין דעם, וואָס ער האַלט אַ שטעקעלע אין האַנט און שלאָגט די גויים איבער די הענט, אַז זיי זאָלן זיך צו קיין זאַך נישט צורירן.

אָפטמאָל טרעפט זיך איין איינגעגעסענער גוי, וואָס וויפל מען זאָל אים נישט שלאָגן איבער די הענט, קריכט ער אַלץ מיט דעם ברויט איינצוטונקען אין דעם ליאַק פון פאַס הערינג.

אַן אַנדערער שטייט צו, אַז מען זאָל אים צושיטן צום אָפּגעמאָסטענעם טאָפּ זאַלץ, און וויפל מען זאָל אים נישט

צושיטן, וועט ער נישט אויפהערן צו בעטן, קלאַנטשען, נודען און זיך איינעסן:

„נו, כאַזיאַינקאַ, נו, סאַקאַליקאַ, אַנו פּריקין, אַנו פּריסיפּ כאַט טראַשקו, כאַט זמיענקו", און עס העלפט נישט קיין שלאָגן און נישט קיין שטופּן. נעמט דער טאַטע צו הילף זיין קליינעם אוצר, וואָס ער פאַרמאָגט אין גוייש:

„שוויניאַ ק טשאָרטו מאַטערי". דערהערט די מאַמע דעם טאַטנס קולות, פאַרשטייט זי, אַז ער איז אין אַ סכנה, קומט זי אים צו הילף, שטופּן זיי ביידע דעם גוי פון קראָם אַרויס און מען בוכעט אים מיט פיר הענט אין פּלייצע, וואָס איז אָנגעטון מיט אַ פּעלץ און אַ צענדליק סערמיגעס, אַזוי לאַנג ביז מען האָט אים שוין אויף יענער זייט טיר.

הערט זיך דער גוי איין צום בוכען, שמייכלט און גייט אַוועק אין אַ צווייטער קראָם ווידער נודיען און זוכן עפּעס צום גנבהנען.

איך לערן אין אַ בעל-הביתיש חדר חומש מיט רש"י און שוואַרבע (עשרים-וארבע). און פון זינט איך האָב אָנגעהויבן גמרא, זאָגט דער טאַטע, אַז איך טאָר נישט טראָגן אום שבת, ליידיקט ער מיר אויס די קעשענעס יעדן פרייטיק פאַרנאַכט, — טאָמער קום איך מחוץ לעירוב. און אויב דער עירוב איז צעריסן, נעמען מיר מיט רבקהלען, דאָס קליינע שוועסטערל, אַז זי זאָל אונז נאָכטראָגן די סידורים, דעם חומש מיטן טלית אין שול אַריין.

ביים דאַוונען האַלט מיך דער טאַטע לעם זיך, איך זאָל דאַווענען פון סידור אַרויס און ענטפערן „אָמן, ברוך הוא — ברוך שמו".

און אויב עס האָט זיך מיר בייצייטנס נישט איינגעגעבן אַרויסצוגנבענען זיך פון שול ביים „אויסנעמען", קאָן איך שוין זיכער זיין, אַז איך וועל די גאַנצע קריאת-התורה אָפּשטיין לעם טאַטן איינגעקלאַמערט צווישן זיינע קני, נישט צו כאַפּן דעם אָטעם און צוהערן מיט אים פון איין חומש, אין דער צייט, ווען דאָס האַרץ פאַלט מיר אַרויס און חלשט צום דרויסן.

דעם לעצטן שמחת־תּורה בין איך שוין אַרויס פון „כּל הנערים“, און ווען מען האָט מיך אָנגערופן מיטן נאָמען: „יעמוד החתן מאיר־נח...“ און געמאַכט מיר אַ „מי שברך“ און דער טאַטע האָט מנדר געווען „חצי־ח״י גראָשן“, האָבן אַסך יינגלעך גע־קוקט מיט קנאה און געגעסן מיך מיט די אויגן. ווען איך בין אַראָפּגעגאַנגען, האָט מען פון מיר געצופּט שטיקער און גע־ריסן די ציצית פון טלית.

דאָ נישט לאַנג האָט מען מיך אַרײַנגענומען אין „חברה שיר־השירים“. מיר זענען זיך נוהג, צונויפצוקומען יעדן פֿרײַ־טיק נאָכן חדר אין בית־מדרש אַרײַן, מען נעמט אַרויס פון „אָרון־קודש“ דעם געשריבענעם שיר־השירים מיט די שיינע „עץ־החיימלעך“ און מען לייענט פון בּימה אַראָפּ פּסוק בײַ פּסוק, יינגל נאָך יינגל, מיטן טראָפּ און מיט אַ שיינעם ניגון.

און נאָך זאַכן, וועלכע פּאַסטן פאַר אַ יינגל פון מײַן שטייגער, מיט וועלכן די רביים באַרימען זיך און מאַמעס שטעלן פאַר אַ בײַשפּיל, נאָר די אייגענע מאַמע איז קיינמאָל נישט צופרידן און שעלט שונאי־ציון מיט טויטע קללות, אַלץ קעגן אַ גוט־אויג און כּדי אַ קינד זאָל זיך נישט איבערנעמען און גרויסהאַלטן.

דאָס איז פון איין זײַט — און פון דער צווייטער זײַט איז מען: „נער עם בני בלהה וזלפה“, איז מען חבר־לאַפּ מיט אַלע שקצים פון גאַס — הן מיט יידישע, הן מיט גויישע, להבדיל.

הן אין רייסן אַרבעס־סטרוטשעס פון די גערטנער און הן אין גנבענען רויע באַרעלעך פון אַ סאָד.

הן אין אַרויסשלעפּן „זאַטיטשקעס“ פון וועגן — כּדי דער ראָד זאָל זיך פאַרלירן און הן אין רייסן סטרונעס אין מאַרק פון אַ גויישן פערד־עק, פון וואָס בײַניש געמבע איז געבליבן אָן אַן אויג און איז צוליב דעם אַרויס פון פּריזיוו.

הן אין שטעלן לאַוושקעס פאַר וואָראָבייטשיקעס. דאָס באַשטייט פון דריי ציגל אויסגעלייגט דרייקאַנטיק, אויבן אַ

פערטער—אונטערגעשפּאַרט מיט אַ שפּרונג-העלצל. הן אין אַריינ־לייגן אַ פּאַמפּע און הן אין אַוועקשטעלן האַרמאַטן.

ווי אַזוי לייגט מען אַריין אַ פּאַמפּע, און ווי אַזוי שטעלט מען אַוועק האַרמאַטן? — אַט וועל איך אייך דערציילן:

נאָך מעריב. דער עולם הייבט אָן ביסלעכווייז צעגיין. אין בית-מדרש בלייבן נאָר אַפּאָר נאַכט-לערנער. אַ פּרוש, וואָס עסט טעג, אַ בעל-הבתיש יינגל, וואָס חתנט זיך. עס איז שטיל און טונקל. נייגט דעם קאָפּ צום דרימל, ראַנגלט מען זיך מיט דעם שלאָף, הייבט מען אָן די סוגיא יעדער מאָל פון דאָס ניי — ביז דער שלאָף איז גובר, און מען דרימלט איין מיט אַן אָפענעם מויל איבער אַן אָפענער גמרא.

און ווי נאָר עמעצער איז איינגעשלאָפן, נעמען מיר אַ שטיקל ביבול-פּאַפּיר, מען דרייט דאָס צונויף אין אַ ליולקע, מען שטאָפּט אָן מיט אַלטער וואַטע פון עמעצנס אַ פוטערל, די וואַטע שיט מען איבער מיט קעפּלעך פון שוועבעלעך און מען שטעקט דאָס אַריין אין די נאָזלעכער, מען צינדט אָן די וואַטע און מען אַנטלויפט. און אַז יענער ציט דעם אָטעם, רייבערט זיך די וואַטע, ווערט אַן עיפּוש און אַ קנאַקעריי דערשטיקט צו ווערן. כאַפּט זיך יענער אויף מיט אַ הוסט, ווי איינער, וואָס האַקט האָלץ, מיט שטיקער האָרץ און גרינער גאַל, און לויפט אַרויס אין דרויסן זיך אָפּצואָטעמען. און סאַפּעט און שעלט און פּלוכט ביזן צענטן טאַטן אַריין.

אַ האַרמאַט שטעלט מען אַזוי:

מען נעמט אַ שליסל, אַ געוויינלעכן שליסל, נאָר מיט דעם תנאי, ער זאָל זיין געלעכערט — דאָס איז דער עיקר. אין לעכל שיט מען אָן קעפּלעך פון שוועבעלעך און מען פאַרקלאַפּט דאָס שטאַרק מיט אַ העלצל פון אַ בעזים. דערנאָך נעמט מען אַריין דאָס אייערל פון שליסל אין אַ שפּרייז-העלצל. עס זאָל נישט היצן אין האַנט. מען לאָזט דאָס וואַרעמען איבער אַ ליכט. דערהיצט זיך דער שליסל, צינדט זיך אָן אינעווייניק דאָס שוועבל, זעצט אַרויס דעם שטאָפּער מיט אַ שאָס

ווי פון אַ האַרמאַט. אפשר קלענער פון אַ האַרמאַט, נאָר מיר האָבן דאָס אַ נאָמען געגעבן „האַרמאַט".

אָדער צי מ׳גנבעט צו ביי לייזער חלומס,–אַ ייד, וואָס איז, לא עלינו, אויף דער עלטער בלינד געוואָרן,–דעם יאַמשענעם שטעקן, אָן וועלכן ער האָט נישט געקאָנט מאַכן אַ טראָט, דער־פילט ער, אַז דער שטעקן איז נישטאָ, ווערט אַ געזוכעריי: צוערשט ער אַליין, טאַפּנדיק בלינד פאַר זיך, און דערנאָך אברהמל דער שמש, אַ בייזער ייד, וואָס צווישן אים מיט אונז איז אַ שטענדיקע שנאה — און נאָך זיי אַ האַלבער בית־מדרש יידן מיט טליתים אויף די קעפּ און „של־ידן" אויף די הענט. דרייען זיך אַרום איבערן בית־מדרש, קוקן אין אַלע ווינקעלעך, שעלטן און וואַרפן כעסדיקע בליקן אין אונזער זייט. ביז עס דערבאַרעמט זיך איינער פון דער חברה און מאַכט זיך העלפן זוכן און נישט וועלנדיק פאַרבלאָנדזשעט ער אַזוי הינטערן אויוון צווישן דעם האָלץ — און כך הוה, ווי עס וואָלט אים אַ נבואה אַרויס פון מויל: — „אָט איז דער שטעקן!".

ווייטער האָט אַזאַ תכשיט ווי איך געקאָנט אַראָפּקומען מיט אַ גרויסן גוואַלד־ריס אין די הויזן און אַ פולן בוזים מיט רויע באַרעלעך. איז די באַרעלעך באַהאַלט מען אויפן בוידים אין דעם היי, אַז זיי זאָלן זיך אויסליגן און ווייך ווערן, און מיט די הויזן דרייט מען זיך אַרום, צוערשט אין דרויסן, ביז עס ווערט טונקעלער, דערנאָך כאַפּט מען זיך אַריין אין שטוב, אַזוי מיט אַ זייט צווישן טאָג און נאַכט, צוהאַלטנדיק מיט דער האַנט, ווו מען דאַרף... מען זעט צו זיין סטאַטעטשנע, ביז מען קומט איבער די וועטשערע, קריאת־שמע, און אין בעט אַריין.

און אינדערפרי, לאַנג לעבן זאָל די מאַמע, ווי דאָס האַרץ וואָלט איר געזאָגט, פאַלט איר איין אַ קוק צו טון צום אָנטון, און זי שטויסט זיך גלייך אָן אויף די הויזן. איז אין אָנהייב ווערט אַוועקגעלייגט די תוכחה. איך הער יעדער וואָרט און מאַך זיך שלאָפן. דערנאָך ווערט אויפגעזוכט אַ נאָדל שוואַרץ־פאָדים, אַ שטיקל צייג פון דעם זעלבן, (די מאַמע, אַז זי נייט

עפּעס, באַהאַלט זי שטענדיק די שטיקלעך על כּל צרה שלא תבוא), און ביז איך קלויב מיך אָנצוטון, זענען שוין די הויזן אין בעסטן אָרדענונג.

און חוץ די אַלע זאַכן האָט מען געהאַט גרויסע געשעפטן מיט הינט און מיט קעץ.

למשל: אַזאַ יינגל ווי איך האָט געקאָנט האָבן חלקים און שותּפותן אין אַסך הינט מיט קעץ.

דאָס שותּפות איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיר, עטלעכע יידישע יינגלעך, האָבן געמאַכט אַ קבלת-קנין מיט סימאָנקעס שייגעץ, וואָס האָט געוווינט אַרויף אין אונזער גאַס, בזה הלשון: — אנחנו — מיר, שלשה — דריי יידישע יינגלעך און ער, להבדיל, אַ גוי, זענען גלייכע שותּפים אין זייער שוואַרצן הונט המכונה „באַרסאַק” און האָבן רשות צו קומען צו זיי אויפן הויף, גלעטן אים און געבן עסן, ווען אונזער האַרץ גלוסט, בלי שום טענה ומענה ועיכּוב מצדו.

אָדער מען חנפנט צו אַ וואַליוושטשן הונט און מען גיט אים אַוועק דאָס ברויט מיט שמאַלץ פון דעם „מיט זיך” שותּפות מיט נאָך יינגלעך. מען מאַכט פאַר אים אַ געלעגער ביי עמעצן אין שטאַל אָדער שפּייכלער און עס גייט אַוועק אַ לערנען, ווער עס לערנט אים געבן „שלום” און ווער „סלוזשען” און ווער עס לערנט אים טראָגן אַ היטל. רייצט מען אים אָן אויף אַלע חזירים אין גאַס און אויף יינגלעך פון דער צווייטער האַלבער שטאָט, מיט וועמען מיר האַלטן שטענדיק מלחמה.

זומער-צייט טוט מען אים אָן אַ שטריק און מען גייט מיט אים אַרויס הינטער דער שטאָט צום טייכל אים לערנען שווימען, ביז עס דערבאַרעמט זיך איבער אים אַ מאַמע און גיט אים אַ גיס אָפּ מיט אַ טאָפּ אוקראָפּ, ווערט אַ געשריי און אַ קוויטשעריי ביזן הימל. און ער מאַכט פּיס, אַז ער פאַרגעסט, ווי די גאַס האָט אויסגעזען.

אָדער מען קויפט אָפּ ערגעץ אַ קליין הינטל נאָך ביים זייגן און מען דערצייילט און מען באַרימט זיך און מען פירט

יינגלעך ווייזן — זאָלן זיי מקנא זיין. כאָטש מיר האָבן גע־ווּוסט, אַז ביז ער וועט דערלעבן אויפצוּוואַקסן וועט ער אַכצן מאָל פגרן. פאַרוואָס זאָל ער עפּעס פגרן? איז שוין אַזוי דער דרך-העולם, אַז קליינע הינטלעך און קעצלעך פגרן.

און אויב ער וועט נישט פגרן, וועט דעם שייגעצס פאָקערלאָ אָדער ברודערלאָ זיך גאָרנישט רעכנענדיק מיט אונ־זער אָפּמאַך אים אַוועקגעבן אַ „קומא״, צי אַ שכן, אָדער גאָר צובינדן אַ שטיינדל צום האַלז און אַריינוואַרפן אין סאַזשלקע.

און אויב ער וועט זיך אויסהאָדעווען און מ׳וועט אים נישט דערטרינקען און נישט אַוועקשענקען און אונזער אָפּמאַך בלייבט אָפּמאַך, האָבן מיר געוווּסט, אַז עס זענען נאָך נישט געבוירן געוואָרן אַזעלכע מאַמעס, וואָס זאָלן לאָזן ברענגען אַ הונט אין שטוב אַריין, און לאָזן חדר-יינגלעך האָבן צו טון מיט הינט.

מער האָפענונג האָבן מיר שוין געקענט האָבן אויף אַ קאַץ. אַ קאַץ איז אַ יידישע זאַך. און אָט וועגן דעם וויל איך דערציילן.

II

מיינע חלומות וועגן אַ קאַץ, דער טאַטע איז אַ געגנער, עס גייט אויף אַ דרך, לאָזט זיך אויס מיט גאָרנישט.

פון זינט איך קען זיך דערמאָנען, איז ביי אונז אין שטוב קיינמאָל קיין קאַץ נישט געווען. און אַז איך בין אונטערגעוואַקסן און צו מיין קינדערישן שכל געקומען, האָב איך זיך דערפון שטאַרק צום האַרצן גענומען און האָב מקנא געווען מיינע חברים, די בעל-ביתישע קינדער, וואָס האָבן געהאַט אייגענע קעץ, און האָב באַדויערט מיין מזל: פאַרוואָס זאָל מיין חלק זיין געמינערט פון אַלע און פאַרוואָס זאָל איך נישט האָבן דאָס פאַרגעניגן פון אַן אייגענער קאַץ אין שטוב מיט קליינע קעצעלעך, און אַלע יינגלעך זאָלן קומען אַ קוק טאָן, און אַרומרינגלען און זיך ציען מיט די הענטלעך און בעטן, איך זאָל זיי לאָזן אַ גלעט טאָן, און צוזאָגן כל הון דעלמא פאַר איין גלעט? פאַרוואָס איז דאָס מיר נישט באַשערט?

און מיינט איר אפשר, אַז ביי אונז אין שטוב איז אַ קאַץ נישט נויטיק געווען און דעריבער האָט מען זי נישט איינגעפירט? איז גיט אַ קוק אויף דער מאַמעס ווינטערדיקער פאַטשיילע, האָט איר פונקט אינמיטן, ווי זי ליגט זיך צונויף איבערן קאָפּ, אַ גרויסע צערע מיט ווייסע ביינוול...

און פון זינט איך געדענק האָט דעם טאַטנס לייב-פוטער

אין סאַמע שפּיגל-פּלייצע געהאַט אַ ווייס לאַך, פונוואַנען מיר האָבן געשלעפּט וואַטע אויף פּאַפּיראָסן...

אויסער דעם, אַז עס וועט אייך אַמאָל אויסקומען צו זיין ביי אונז אין קיך און זיך צוקוקן צו די גריפּן. וואָס די מאַמע ברענגט אַריין פון שפּייכלער, וועט איר באַמערקן שוואַר-צע קייקעלעך אין די גריפּן. — פרעגט די מאַמען, זי ווייסט שוין פון וואָס דאָס איז...

און אַז עס טרעפט זיך אַ סיבה מיט אַ לעבל ברויט, איז וויפל די מאַמע זאָל דאָס ברויט נישט אַרומשניידן און אַרומפּוצן, קומט ער נאָר אַרויף אויפן טיש, דערקענט מען באַלד, אַז מיט אים איז עפּעס געשען, און עס הויבט זיך אָן צווישן אונז אַזאַ שמועס:

— צירעלע, ווען דו עסט אויף אַ שטיקל אַט פון דער זייט, האָסטו קיין מורא נישט צו גיין אַליין ביינאַכט!

— מאירל, כאַפּסטו נאָר אַפּאָר ביסן, ביסטו בטוח נישט צו שטאַרבן פון אַ דונער!

— רבקהלע, שטעק נאָר אַריין דיינע שיינע ציינדעלעך אַט אין דעם פּעניצל, וועלן דיר קיינמאָל די ציין נישט ווי טאָן.

און אַזוי הין און צוריק, ביז מען בעט דאָס לעבל ברויט מחילה פון טיש אַראָפּ און ער בלייבט וואַרטן אויף אַ גליקלעכערער געלעגנהייט.

און אָפּטמאָל אין אַ ווינטערדיקן אָוונט, אין שטוב איז שטיל, דער טאַטע איז נאָך נישט צוריק פון מעריב, די מאַמע זיצט ביים וואַרימען אויוון און שיילט אַ קאַרטאָפל צום מאָרגנ-דיקן קרופּניק. און אַזוי זיצנדיק מיט אַ קאַרטאָפל אין איין האַנט און אַ מעסער אין דער צווייטער האַנט שלאָפט זי איין. נאָר רבקהלע, אַ קליין מיידעלע מיט אַפּאָר פאַרפלאָכטענע צעפּעלעך, זיצט לעבן טיש ביי אַ קליין לעמפּעלע און שאָקלט מיט די פיסעלעך אונטערן טיש. שרייבט נאָך די שורות, וואָס יידל דער שרייבער האָט פאַר איר מיט זייער אַ שיינער האַנט-שריפט אָנגעשריבן:

„זאַלץ איז ביטער, צוקער איז זיס, האָניק איז זייער זיס".

אָדער:

„לכּבוד אהובתי העלמה העדינה בת שועים אין על עפר משלה, מרת מלכּה גיטלה שתּחי׳״.

איז פּלוצלינג אַזוי זיצנדיק און איבערשרייבנדיק, דער־הערט זי אַ שטיל פּישטשען איבער דער שטוב, ווערט זי בלייך, וואַרפט אַוועק די פּעדער, כאַפּט אַרויף די פּיסלעך אונטער זיך און מאַכט אַזעלכע קולות, אַז די מאַמע כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, און די שכנה, וואָס וווינט אין אַלקער, רייסט איבער אין מיטן דאָס קינד־זויגן, און מען כאַפּט זי אַרום און מען טוליעט זי און מען שפּרעכט זי אָפּ און מען בלאָזט אָפּ און מען שפּייט אויס אויף דער שוועל ניין מאָל, אַז עס זאָל רוען אין וויסטע וועלדער און פּוסטע פעלדער און חורבות. אין פאַרשאָטענע ברונעמער און אויף אַלע וועגן, ווו קיין מענטשנס פוס טרעט נישט. — ביז מען באַרויקט זי און זי קומט צו־זיך.

געקומען האָט זיך דאָס דערפון, וואָס דער טאַטע, זייער אַ נערוועזער און אַ שרעקעדיקער ייד, האָט נישט געקענט ליידן און שטאַרק מורא געהאַט פאַר אַ קאַץ.

אַ קאַץ, זאָגט ער, איז אַ מזיק, אַ דורס, אַ טמא זאַך, איז דעם מענטשן אַ דם־שונא. און בייטאָג, ווען זי זיצט אַזוי און דרעמלט, טראַכט זי נאָר שלעכטס אויפן מענטשן — אַז ביינאַכט, ווען ער וועט איינשלאָפן, וועט זי אים, חלילה, מזיק זיין. נאָר גאָט האָט מקדים געווען די רפואה פאַר דער מכּה און האָט איר געגעבן אַ קורצן זכּרון, אַז אַלץ, וואָס זי טראַכט בייטאָג, זאָל זי ביינאַכט פאַרגעסן.

און יעדן אָוונט פאַרן שלאָף, שוין האַלב־נאַקעט, אין אַ יאַרמלקע מיט אַ ווייסן טלית־קטן, גייט דער טאַטע אַרום אי־בער דער שטוב, לייענט קריאת־שמע, קושט אויס אַלע מזוזות: — אי, אָ, נו! און קוקט זיך צו אין אַלע ווינקעלעך, צי עס האָט זיך נישט פאַרקליבן ערגעץ אַ קאַץ אין שטוב.

אָפּטמאָל דערפילט מען אין מיטן נאַכט, אַז אַ קאַץ איז אין שטוב, ווערט אַן אָבלאַווע, נאַקעטע פון די בעטן אַרויס

כאַפּט מען וואָס עס קומט אין האַנט, און מען יאָגט זי פון שטוב אין אַלקער און פון אַלקער אין שטוב און פון שטוב אין קיך. און עס טראָגן זיך קולות: „אָט איז זי", „אָט איז זי דורכגעלאָפן", „אָט איז זי אַרונטער אונטערן בעט", „סאַרע רוצחישע אויגן זי האָט, מיט אַ גרין פייער, ימח שמה וזכרה".

און די אָרעמע קאַץ, נעבעך, טוליעט זיך ערגעץ אין אַ ווינקל, דרייט זיך צונויף און גיעגטשעט רחמנותדיק — איר קעצישער מוח קען נישט באַנעמען, וואָס מען וויל האָבן פון איר. ביז זי פאַלט אויף אַ שכל און גיט זיך אַ כאַפּ אַרויס דורך דער טיר, וואָס איז שוין פון אַ שעה געשטאַנען אָפן צו דער גאַס און אַ פולע שטוב מיט קעלט אַנגעיאָגט. און אַ לאַנגע צייט נאָכדעם, וויפל נאָר אַ קעצישער זכרון קען טראָגן ווייכט זי אויס אונזער שטוב.

דער טאַטע אין אַזאַ נאַכט קאָן שוין מער נישט איינ־שלאָפן, דרייט זיך אויפן געלעגער און וואָרטשעט, לסוף זעצט ער זיך אויף, העגנט אַראָפּ די פיס פון בעט, גיסט אָפּ נעגל־וואַסער און הייבט אָן זאָגן תהילים פון אויסנווייניק, ביז עס נעמט גרויען אויף טאָג.

ז

איך פון מיין זייט האָב דאָס נישט געקאָנט משיג זיין: ווי אַזוי האָט דאָס אַ גרויסער ייד, אַ טאַטע, מורא פאַר אַ קאַץ? און פלעג אים וועלן אויפווייזן מיט ראיות און מופתים: „אַז לא כן", אָט שלאָפט דאָך מיין חבר לייבל מיט אַ קאַץ און זי האָט אים קיינמאָל, מען זאָל זאָגן, אַפילו אַ דראַפּע געטון.

נאָך מיין שכל איז אַ קאַץ אַ שטילע און אַ געטרייע זאַך, אַ צירונג אין שטוב. אַ שטוב אָן אַ קאַץ איז גאָר קיין שטוב נישט.

און ווען עס האָט זיך נאָר געמאַכט, אַז ביי עמעצן פון די חברים האָט זיך אַ קאַץ אָפּגעקעצלט, בין איך געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך איינס אָפּגעקליבן. זייענדיק פעסט אין דער האָפענונג, אַז אַ קליינע וועט מען לאָזן. וואָס איז דאָ מורא צו האָבן פאַר אַ קליין קעצעלע? פאַרבונדן איר אַ רויט

סטענגעלע אויפן האַלז פאַר אַ סימן, און אָפּגעשטעלט דעם דער מאַמען, ביז זי וועט צוּוואַקסן. און יעדן מיטאָג און פאַרנאַכט געלאָפן אַ קוק טון, וואָס זי מאַכט, און געטראָגן פון דער היים עסן פאַר דער מאַמע-קאַץ און געהאַלטן דאָס פאַר דער שטוב בסוד-סודות ביז גאָט האָט געהאָלפן, עס איז אונטערגעוואַקסן און האָט שוין אַליין אָנגעהויבן צו עסן.

האָב איך זי איינמאָל מיטאָג-צייט גענומען אונטער דער פאָלע און מיט איר זיך אַריינגעגנבעט אין שטוב, זי אַוועק-געשטעלט לעם זיך און געגעבן איר פון מיין עסן, געקוקט איר אין די אויגן און געבעטן גאָט, אַז עס זאָל זיין שטיל, ביז זי וועט זיך צוגעוווינען.

איז פּונקט ווי אויף צו-להכעיס געפעלט איר נישט קיין זאַך. וואָס איך גיב איר. פאַרבענקט זי זיך אין דער מינוט נאָך איר מאַמען און לאָזט אַרויס אַ רחמנותדיקן מיאַ-אַ-וּ.

דערהערט מיין מאַמע אין קיך, אַז אַ קאַץ איז אין שטוב — איך ווייס, איך בין זיכער, אַז איר אַרט דאָס נישט, פאַרקערט, אַז עס כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אַ פרעמדע קאַץ אין שטוב, וועט זי נאָך איר עפּעס אונטערוואַרפן. נאָר זי האַלט שטאָל און אייזן מיטן טאַטן. אַ מאָדנע יידענע די מאַמע מיינע — דעם טאַטן האַלט זי ציטעריק, ווי אַ פּיצל קינד, און זאָגט ער עפּעס, איז דאָס ביי איר קודש-קדשים, ווי פון באַרג סיני. דערהערט זי דאָס קעצעלע ניענטשען, הייבט זיך אָן אַ סדרה:

„שאַ, דאָס קינד האָט שוין אַ קעצעלע געבראַכט”.

ווייל איך איר איינרעדן און דערמאָן איר אָן דעם אָפּגע-גריזשעטן קעזל, האָט זי אויף דעם נישט וואָס צו ענטפערן, און זאָגט, אַז אַ קאַץ הייסט: אַ גרויסע קאַץ.

ווי איז אָבער דער דין, — זאָג איך, — אַז אַלע גרוי-סע קעץ האָבן שוין זייערע הייזער און זייערע בעל-ביתטעס?

ענטפערט זי, אַז עס זענען דאָ גענוג וואַליושטשע קעץ.

— און וואָס וועסטו זאָגן, אַז זי וועט אַנטלויפן?

— וועט מען איר—זאָגט זי—צובינדן צו אַ פיסל פון טיש.

— און אויב מען וויל, קאָן מען דאָך דרינגען, אַז אַ צוגעבונדענע קאַץ טויג אויף אַ כּפּרה?

דערהערט זיך פון אַלקער דעם טאַטנס קול:

— שאַ, דער גמרא-בחור האָט זיך צעפּילפּולט פון קעץ.

בלייבן מיר שטיל. און איך הייב זיך אָן קלויבן אין חדר אַרײַן און געזעגן זיך מיט בענקענדיקע בליקן מיט דעם קע־צעלע, וואָס שטייט אויף דער באַנק מיט דעם רויטן סטענגע־לע אויפן האַלז, קוקט מיר נאָך, ציטערט און האָט מורא, זי זאָל נישט אַראָפּפאַלן.

טויזנט חנען האָט זי איצט ביי מיר אין די אויגן.

— גאָט זאָל זיין מיט דיר און געבן חן און לייטזעליקייט אין די אויגן פון דער גוטער מאַמען, און אַביסל רחמים און גענאָד אין האַרצן פון מיין שלעכטן טאַטן, וועלכער איז איינגנטלעך גאַרנישט אַזוי שלעכט, נאָר ער קען נישט קיין קעץ און ווייסט נישט, ווי מען גייט אַרום אַ קאַץ.

און גייענדיק אין חדר, וויל איך מיך באַרויקן, אַז גע־וויס וועט מען זי אָפּשטעלן אין שטוב. די מאַמע מיט אירע קלוגע רייד וועט אים מסתמא איינרעדן. געוויס וועט זי אים איינרעדן.

און דעם גאַנצן טאָג זענען אַלע מיינע געדאַנקען אַרום דער קאַץ, איך שטעל מיר פאָר און מאָל מיר שיינע גליק־לעכע טעג מיט איר. און זי ווערט מיר היימיש און טאָפּל טייער. איך קלער שוין פאַר איר אַ נאָמען, אַ שיינעם נאָמען, אַז אַלע ייִנגלעך זאָלן מיך מקנא זיין. אוי, האָב איך ליב, ווען מ׳איז מיך מקנא, ווען זיי רינט די סלונע פון מויל! אוי, זענען זיי נישט קיין פאַרגינערס!

און אַזוי פאַרגייט דער טאָג און עס קומט אָן די נאַכט. איך דערלעב קוים די מנחה אָפּצוכאַפּן און איך לויף אַהיים אין איין אָטעם.

נאָר ווען איך קום צו דער שטוב, איז שוין פון דעם קעצעלע מיט דעם רויטן סטענגעלע אויפן האַלז לאַנג קיין זכר נישטאָ.

III

א סוד פאַר גאַנץ בראָד, דער טאַטע פאָרט קיין אמעריקע, מען שמועסט מיט מיר, ווי מיט אַ גרויסן, אָוועקגעפאָרן.

אין אָנהויב האָט מען דאָס געהאַלטן בסוד־סודות. טאַטע־מאַמע האָבן זיך וועגן דעם געשושקעט אין אַלקער, פונוואַנען זיי פלעגן אַרויסגיין מיט פאַרזאָרגטע פנימער.

דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן רעדן דערפון שבת בײַם טיש אויפן וווגק. און די קינדער האָט מען אָנגעזאָגט: אַז מען טאָר נישט אַרויסטראָגן פון שטוב, אַז קליינע קינדער טאָרן זיך נישט צוהערן, וואָס גרויסע רעדן. און אויב עמעצער פרעגט עפּעס, דאַרף מען ענטפערן: „מיר ווייסן גאָרנישט"...

אָבער אין אַפּאָר טעג אַרום — איך ווייס נישט ווי אַזוי און פונוואַנען איז דאָס געוואָרן באַוווּסט אין דער גאַנצער שטאָט. אַלע האָבן דערפון גערעדט און זיך געוווּנדערט און נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי אַזאַ ייִד, ווי מײַן טאַטע, וואָס אויסער דעם דאַוונען און זײַן חוק־לישראל און זײַן בלאַט גמרא ווייסט ער פון קיין זאַך נישט, קען קיין איין וואָרט גוייש נישט און טויג נישט אַ קאַץ אַן עק צובונדן... אַזאַ ייִד זאָל זיך אונטערשטעלן צו פאָרן קיין אַמעריקע.

און כּדי צו ווייסן ריכטיק, וואָס עס טוט זיך בײַ אונז, האָט מען זיך נישט געפוילט אין בית־מדרש מיך אָפּצורופן אין אַ ווינקל, אַז דער טאַטע זאָל נישט באַמערקן, און אויספאָרשן

און נאָכפּאָרשן און אויספרעגן וועגן אַלץ, וואָס עס טוט זיך בײַ אונז אין שטוב, וועגן וואָס מען רעדט בײַ אונז, וואָס שרייבט דער פעטער יואל פון אַמעריקע, צי עס איז שוין אָנגעקומען די שיפסקאַרט, ווען איז געווען בײַ אונז די מומע דאָבריש און פאַרוואָס איז די מאַמע דעם שבת געגאַנגען דאַ־ווענען אָן די פּערל אויפן האַלז און נאָך און נאָך...

מיר האָט זיך אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט פון אַזויפיל פראַגן. און איך בין געווען צופרידן, וואָס דווקא מיין טאַטע פאָרט קיין אַמעריקע. און מיט קיין יינגל רעדן נישט דער־וואַקסענע מענטשן, ווי מיט מיר.

און שפּעטער, ווען ליבע דער ראַזנאָסטשיק האָט צוגע־טראָגן צו אונזער קראָם אַ גרויסן קאָנווערט, וואָס איז אָנגע־קומען פון אַמעריקע, האָט די מאַמע האַלב פאַרמאַכט די קראָם און איז אַוועקגעלאָפן אין אַפּטייק אַריין צו זען וואָס עס טוט זיך אין קאָנווערט. און פון דאָרט איז זי אַרויס אַ וויינענדיקע און אין האַנט דעם פעטערס בריוו, אַ שיפסקאַרט און אַן אָנ־ווייזונג אויף פופצן דאָלער. האָבן אַלע געוווסט, אַז דער טאַטע פאָרט קיין אַמעריקע. און פאָרן פאָרט ער באַלד—תיכף נאָך פּסח.

*

פון זינט די שיפסקאַרט איז אָנגעקומען האָט די שטוב געקראָגן אַן אַנדער אויסזען, פון אַלץ האָט געשמעקט אַמעריקע, וואָס מען זאָל נישט רעדן און וואָס מען זאָל נישט טאָן האָט זיך געפילט אַמעריקע.

דער טאַטע האָט נאָך מער געשוויגן און האָט געדאַוונט מיט אַ שטילן אומעטיקן ניגון, דעם טלית איבערן קאָפּ און דאָס פּנים צו דער וואַנט. און אויף זיין חוק־לישראל איז אים צוגעקומען אַ צען קאַפּיטלעך תהילים, וואָס ער פלעגט זאָגן יעדן טאָג נאָכן דאַווענען מיט אַ שווער, געבראָכן האַרץ.

און די מאַמע האָט נאָר געוויינט, אויף אַלץ געוויינט. ליייגט די קינדער שלאָפן, קושט זיי און וויינט, — זי האָט אונז קיינמאָל נישט געקושט, — שטעלט בוראַקעס אויף פּסח און

װיינט, באַקט מצה אין פּאָדראַד און װיינט, כּשרט די כּלים און װיינט, באַשמירט אַ קינד אַ שטיקל ברויט מיט פּאָװידלע און װיינט.

דעם סדר האָט זי פאַרפלייצט מיט טרערן, און אחרון-של-פּסח, אַז עס איז געקומען צו הזכרות-נשמות און אין שול איז געװאָרן אַ גרויס געװיין, האָט די װייבערישע שול איבער-געשטיגן און העכער פון אַלעמען האָט זיך געהערט דער מאַ-מעס קול.

זי האָט געװיינט און געטענהט מיט אַ ביטער האַרץ: „פאַרװאָס האָט דער, װאָס זי איז נישט װערט זיין נאָמען צו דערמאָנען, אויסגעגאָסן אויף אונז זיין צאָרן, אַז מיר זאָלן זיין נע-ונד, צעשפּרייט אויף אַלע זיבן ימים, און פאַרװאָס זאָל זיך מער נישט הערן דעם טאַטנס זיסער קול ביים לערנען?"

װייטער האָט זי געבעטן, אַז גאָט זאָל זיך אָננעמען איר קריװדע פון שלעכטע מענטשן, װאָס רייסן אַרויס ביי אירע קינדער דעם ביסן ברויט פון מויל, און אירע שונאים זאָלן חלילה אין איר קיין נקמה נישט זען.

*

באַלד נאָך פּסח איז אָנגעקומען אַ בריװ מיט אַ ידיעה פון אַגענט אויפן נאָמען פון סוב-אַגענט עזרא דער קאָטליער.

דער טאַטע האָט דעם בריװ פאַר אַלעמען פאָרגעלייענט בזה הלשון:

„די פינף פּעקלעך דאַרפן אַריינגעשיקט װערן לא יאוחר מוצש"ק פּרשה אחרי-מות-קדושים כּפי המדובר" (די פינף פּעק-לעך האָט מען געמיינט: דעם טאַטן, לייב באַלמאַט, אַנטאָן איגנאַץ, צירל דעם גלעזערס און נאָך אַ מיידל, װאָס בענדעט דער שוסטער האָט זי אַרויסגערופן צו זיך קיין אַמעריקע). װייטער שרייבט ער, אַז דריי פּעקלעך דאַרפן װעגן צו זעקס-און-דרייסיק פונט (דער מיין איז, אַז דער טאַטע, צירל און דאָס מיידל, װאָס פאָרט צו בענדעטן, דאַרפן האָבן מיט זיך יעדער איינער צו זעקס-און-דרייסיק רובל) און צװיי פּעקלעך

דאַרפֿן וועגן צו זיבעציק פונט (דאָס מיינט מען דעם שייגעץ און לייב באַלמאַטס).

די כלה-מתנות (ד. ה. דער באַגאַזש, די קישנס מיט די פּערענעס) זאָל מען אָפּשיקן למקום המוגבל (אין באָד).

די מחותנים זאָלן מיט זיך מיטנעמען וואָס ווייניקער פּעקלעך, אויפֿן וואָקזאַל וועט זיי באַגעגענען אַ געלער יונגער-מאַן, וואָס וועט זיי אָנרופֿן דעם נאָמען פֿון דער כלה (די שיף מיט וועלכער זיי וועלן אָפּפֿאָרן פֿון האַמבורג), דאַרפֿן זיי גיין, וווּהין ער וועט זיי פֿירן, ווייל ער איז אויסן נאָר זייער טובֿה.

און ביז דעם שבת, נאָך וועלכן דער טאַטע האָט געדאַרפֿט אַוועקפֿאָרן, איז שוין אַלץ געווען איינגעפּאַקט און אַוועקגעשיקט. און אויף דער אַלטער קאַנאַפּע איז שוין גרייט געלעגן איינגעפּאַקט אַ ביי זאַלץ-זעקל אין וועלכן עס זענען געווען: טרוקענע סוכאַרעס געווייקט אין ביר, מאָן-קיכלעך, האָניק-טייגלעך, אַפּאָר העמדער, אַ טלית-קטן, אַ בינטל ציצית אויף זאַפּאַס, אַ פּלעשל מיענטע און יום-כּיפּור-טראָפּנס — ווער ווייסט, וואָס עס מאַכט זיך אין וועג, — עטלעכע ספֿרים, אין וועלכע עס איז גוט אַריינצוקוקן פֿאַרנדיק.

*

דעם לעצטן שבת איז דער טאַטע זייער פֿרי אויפֿגעשטאַנען, האָט מיך אויפֿגעוועקט און איז מיט מיר אַרויס שפּאַצירן צו דער סאַזשלקע. ער איז געווען בלייך, צעטומלט און האָט גערעדט מיט מיר אַזוי ווי מיט זיינס אַ גלייכן.

ער האָט מיר דערציילט, אַז די צייטן זענען שלעכט. אין קראָם איז נישטאָ קיין פּרנסה. דעריבער מוז ער אַוועק פֿון דער היים און זיך לאָזן פֿאַרוואַלגערן איבערן ים. ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זיין אַ מענטש און איך זאָל באַגערן לערנען. און איך זאָל שטיין אויף זיין שטאָט אין בית-מדרש ביים דאַווענען, ווייל עס איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל אויף מיר אַכטונג געבן. און אַז איך בין זיין איינציקע האָפֿענונג, און פֿאַר וועמען איז זיין גאַנצע האָרעוואַניע, אויב נישט פֿאַר מיר? און צוליב וועמען לאָזט ער זיך איצט אַוועק

איבער דער וועלט, אויב נישט צוליב מיר? און איך זאָל אַכטונג געבן אויף די קינדער. און איך זאָל אַוועקוואַרפן די קינדע-רישע שפּילערייען, ווייל איך בין שוין נישט קיין קליין יינגעלע; דעם שבת-נחמו וועל איך ווערן עלף יאָר — ביז הונדערט-און-צוואָנציק — און איך זאָל פאָלגן דער מאַמען, ווייל אַז דער טאַטע איז נישטאָ אינדערהיים, איז די מאַמע דער טאַטע.

איך בין געגאַנגען ביי דער זייט מיט שטאַט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן און איך האָב מיך איינגעהערט אין יעדן וואָרט. און אין דער מינוט איז ער מיר מאָדנע טייער געווען און אַ גרויס רחמנות האָט זיך ביי מיר דערוועקט צו אים. זינט איך לעב האָט נאָך דער טאַטע מיט מיר נישט גערעדט ווי אין יענעם פרימאָרגן.

דערנאָך האָבן מיר געטרונקען די שבתדיקע טיי, זיך אָנגעטאָן און זענען געגאַנגען דאַווענען. שטיל זענען מיר אַריינגעגאַנגען אין גאָטס הויז. דער טאַטע איז באַלד צוגעגאַנ-גען צו דער וואַנט און אַזוי איז ער אָפּגעשטאַנען דאָס גאַנצע דאַווענען — דאָס פּנים צו דער וואַנט און דעם טלית איבערן קאָפּ, פונוואַנען עס האָט זיך געהערט אַ שטיל געבעט און אַן איינגעהאַלטן כליפּען.

און ווען מען האָט אים אויפגערופן צו דער תורה און ער האָט אָנגעהויבן די ברכה, האָט אים דאָס קול געציטערט. אין בית-מדרש איז מאָדנע שטיל געוואָרן, אַלע האָבן איינגע-האַלטן דעם אָטעם, איינגעהערט צו די ברכות און געענטפערט „אמן".

אויף אַלע פּנימער איז געווען אויסגעגאָסן אַ דאגה און אַ פאַרדראָס, ווי אַ גאַנצע עדה יידן וואָלטן געקומען צום כביכול מיט תרעומות: פאַרוואָס ער האָט גוזר געווען אויף אַ יידן, אַ למדן, צו זיין נע-ונד איבער ימים, ווייט פון ווייב און קינד, פון זיין שטאָט און זיין עמוד אין בית-מדרש, „למקום שאין מכירין אותו".

נאָך הבדלה האָט מען זיך אָנגעהויבן צונויפצוקומען צום געזעגענען און באַלד איז פול געוואָרן אין שטוב; שכנים און באַקאַנטע, אייגענע און פרעמדע, משפחה און פריינט און שונאים. איינער האָט נישט געוווּסט פון דעם אַנדערן. אַלע האָבן גערעדט און געטומלט און געפרעגט און געענטפערט און געגעבן עצות.

דער טאַטע איז געזעסן אויף זיין אָרט אויבנאָן. דאָס פּנים ווי קאַלעך און האָט נישט געוווּסט, וואָס מען רעדט צו אים און וואָס ווילן אָט די אַלע יידן האָבן פון אים.

די קינדער האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער דער שטוב מידע, שלעפעריקע, זיך געפּלאָנטערט צווישן די דערוואַקסענע און נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיך.

לאַנג האָט מען אַזוי אַרומגעבלאָנקעט, ביז מיר האָבן זיך צוגעשלאָגן צו דער אַלטער קאַנאַפּע. אַרויפגעקראָכן, זיך צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע צווישן די פּעקלעך און אָנגעהויבן איינצודרימלען.

נאָר איידער מיר האָבן באַוויזן איינצודרימלען, איז פּלוצלינג ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואָקסן אונזער שכנה אסתּר־חיה אין געשטאַלט פון אַ פאַרזאָרגערקע און האָט אונז אָנגעהויבן פּייניקן און וועקן און רייסן און מינטערן: — אפשר ווילן מיר עפּעס עסן, אפשר ווילן מיר חלה מיט פּוטער, אפשר חלה מיט איינגעמאַכטס, אפשר אַ שטיקל קיכל.

איך האָב נישט געקענט עפענען די אויגן, עס האָט מיר געברוישט אין קאָפּ. און איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך ביי אונז אין שטוב און פונוואַנען קומען צו אונז אַזויפיל מענטשן און וואָס וויל האָבן אָט די איינגעגעסענע יידענע און פאַרוואָס רייסט זי פון מיר שטיקער און פאַרוואָס באַלעבאַטעוועט זי אַזוי ביי אונז אין שטוב.

צום סוף זענען מיר אַלע איינגעשלאָפן צווישן די פּעקלעך און נישט געהערט ווי ער איז אַוועקגעפאָרן.

נאָר אַזוי ווי אין חלום געדענקט זיך מיר, אַז מען האָט מיך מיט געוואַלד אויפגעוועקט. איך האָב געוויינט און אַלע קינדער

האָבן געוויינט. דערנאָך האָט מיך דער טאַטע אַוועקגעשטעלט און האָט מיך צוגעהאַלטן איך זאָל נישט אומפאַלן. ער האָט מיר אָנגעטאָן דאָס היטל אויפן קאָפּ און עפּעס גערערט צו מיר. איך האָב אַ וואָרט נישט פאַרשטאַנען. דערנאָך האָט ער מיך צוגעדריקט צו זיך, שטאַרק געדריקט און געקושט מיט אַ סך באָרד. איך האָב געפילט די באָרד זיינע און דאָס פּנים איז מיר נאַס געוואָרן. איך בין שטייענדיק געשלאָפן און האָב געוווסט אין שלאָף, אַז דאָס איז דער טאַטע, מיין טאַטע, וואָס פאָרט ערשט אַוועק פון אונז און וויל זיך מיט מיר געזעגענען, אָבער איך האָב נישט געקענט עפענען דאָס מויל צו זאָגן „פאָר געזונט".

און ווען ער האָט מיך אָפּגעלאָזן און צוריק אויף דער קאַנאַפּע אַוועקגעלייגט, האָב איך מיטן אַרבל אָפּגעווישט דאָס פּנים, צונויפגענומען די פיס צום האַרצן, זיך אין-זיך איינגעטוליעט און ווידער איינגעשלאָפן.

און אויף מאָרגן איז שוין גאָרנישט געווען — נישט דער טאַטע און נישט דאָס נייע זאַלץ-זעקל, וואָס איז אַ גאַנצע וואָך אויף דער קאַנאַפּע געלעגן, און אין שטוב איז מאָדנע שטיל געווען. שטיל און שווער. און אין דער שטילקייט האָט אָפּגעקלונגען מיט אַ מאָדנע קלאָרקייט איין און איינציק וואָרט — אַ – מ – ע – ר – י – ק – ע.

IV

נאַכן צווּעקפּאָר, נײַע סדרים, איך הויב אויף
דעם קאָפּ, אַ קאָץ אין שטוב, די מהומה, ברוגז.

שוין די דריטע וואָך, אַז דער טאַטע איז פון דער היים. עס איז געווען אַ קאַרטל פון האַמבורג און ערשט וואַרט מען אויף אַ בריוו פון אָרט.

איבער דער שטוב טראָגט זיך אַרום אַ מאָדנער אומעט און אַ שטילער ווײ פון פאַריתומטקייט. אָט דאָ איז ער געשטאַנען, אָט דאָ איז ער געזעסן, אָט קומט ער פון בית־מדרש און זאָגט הויך: גוט מאָרגן. אָט וואַשט ער זיך צום עסן, הייבט אויף הויך די הענט צום „שאו ידיכם", פאַרמאַכנדיק די אויגן מיט כוונה. זײַן המוציא־מאַכן, הויך אויף אַ קול, אויף וואָס מיר ענטפערן „אמן".

אָט דאָ בײַם ברעג טיש פלעגט מען אים גרייטן צום עסן אַ קליין לײַוונטן פּירקאַנטיקן טישטעכל, הײַנט עסן מיר גלײַך אויפן טיש — ווײַל ווײַבער און ײַנגלעך פאַר בר־מצווה זענען פּטור פון „עריכת השולחן".

עס דערמאָנט זיך זײַן פאַרטאָגעדיקער תהילים־זאָגן פון אויסנווייניק, ווי אַ שטילער וואַסער־געריוש אינמיטן נאַכט. אַלע שלאָפן געשמאַק, טוליען זיך אונטערן איבערדעק און חלומען פון נאָך שלאָף.

אָפּט פאַרגעסט מען זיך און עס דאַכט זיך, אַז אָט באַלד

קומט ער, און פון געוווינהייט וויל מען וואַרטן מיטן עסן — געוויס האָט ער זיך דאָרטן פאַרשמועסט — און באַלד כאַפּט מען זיך, אַז ער וועט שוין היינט צו וועטשערע נישט קומען. און עס ווערט אַזוי שווער.

עטלעכע טעג איז דעם טאַטנס בעט געשטאַנען האַלב פאַרבעט און האַלב אויפגעבעט, ווי מען וואָלט חלילה פון אים אַ טויטן אַראָפּגענומען. דערנאָך איז דאָס בעט געוואָרן באַלעבט. אין אים איז געוואָרן באַלייגט צירעלע מיט טשוילען, אַזוי האָט דער טאַטע פאַרלאַנגט פאַר זיין אַוועקפאָר. עס איז כדאַי געווען צו זען, מיט וואָס פאַר אַ יראַת הכבוד זיי האָבן זיך באַצויגן צו דעם בעט.

טשוילע האָט פאַרן אַריינגיין אַפּאָר מאָל די פיס אָפּגעווישט און צירעלע האָט געמאַכט אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט אָנגעמאָסטן אַ פרעמדן קאַפּעלוש און זי קוקט אין שפּיגל, צי עס פאַסט איר — זי איז נאָך קיינמאָל נישט געשלאָפן אין קיין בעט.

איך בין געבליבן אויף אונזער אַלטן פּלאַץ לעבן דעם באַקאויוון אין דער גרויסער שלאָפבאַנק צוזאַמען מיט רבקהלען, אַ יאָר עלטער פון מיר.

נאָכן איבערכאַפּן דעם ערשטן דרימל פלעג איך לאַנגע נעכט ליגן און קלערן וועגן דעם טאַטן און זיין אַוועקפאָרן. איך האָב מיר געוואָלט פאָרשטעלן און האָב נישט געקענט קומען צו קיין קלאָרן באַגריף. אָט ווי אַזוי קען דאָס די באַן, וואָס גייט דאָ פאַרביי יעדע נאַכט לעבן פאָלסטאַנעק מיט אַזוינע בייזע אויגן, קומען אַזש קיין האַמבורג? און וואָס איז אַזוינס אַ גרענעץ? און פאַרוואָס גנבעט מען זי? און ווי זעט אויס אַ שיף? עס האָט זיך מיר אַלץ געפּלאָנטערט אין קאָפּ, און נישט דער געדאַנק און נישט דאָס אויג האָט זיך געקענט אין עפּעס אָנכאַפּן. נישט איך און נישט די קינדער פון חדר האָבן די קלענסטע פאָרשטעלונג געהאַט פון אַזעלכע זאַכן. איך האָב שטאַרק מקנא געווען דעם טאַטן. זיך געשראָקן, מורא געהאַט און מקנא געווען.

איך שטיי אויפֿן טאַטנס שטאָט אין בית-המדרש ביים דאַווענען און דער רבי פֿון זיין שטאָט און די מאַמע פֿון איר שטאָט אין עזרת-נשים גיבן אויף מיר אַכטונג.

שבת מאַך איך קידוש פֿון אַ סידור, און רבקהלע שטעלט מיר שטענדיק אַרויס אַ צונג אין הויפֿן, די מאַמע זאָל נישט זען. איך ווער אָקאָרשט נישט דערשטיקט פֿון איינהאַלטן זיך נישט צו לאַכן אינמיטן קידוש.

די מאַמע זיצט ביים טיש אויבנאָן אויפֿן טאַטנס אָרט, שניידט די חלה און טיילט אונז המוציאס. נאָר אָפּט, אָט אַזוי שניידנדיק, דערמאָנט זי זיך און וויינט זיך פֿונאַנדער. בלייבן מיר אַ מינוט זיצן מיט אַ פֿול מויל מיט חלה און אַ ווייטיק אין האַרצן, דערוואָרגן צו ווערן. ביז מען באַרויקט זיך און עס גייט אַריבער.

*

אינצווישן מאַכט זיך, איך קום אין חדר שבת-נאָכמיטאָג אויף פּרק, לויפֿט מען מיר אַנטקעגן מיט אַ שמחה, אַ גדולה. וואָס איז? ביי בערעלע דעם פֿאַרבערס האָט זיך אָפּגעקעצלט די ווייסע קאַץ — נעכטן האָט זי זיך אָפּגעקעצלט. זעקס קעצעלעך האָט זי געהאַט.

אַלע רעדן און טומלען און פֿאַלן אַריין אין די רייד און היצן זיך און באַרימען זיך, אַז זיי אַליין מיט זייערע אייגענע אויגן האָבן געזען און אין האַנט געהאַלטן. זיי זאָלן אַזוי דערלעבן אַלדאָס גוטס. איינע אַ געלע, איינע אַ שוואַרצע, צוויי געפּלעקטע, צוויי ווייסע פּונקט ווי די מאַמע.

און ער אַליין, בערעלע, אַ בראַנד אַ יונג מיט אַפּאָר גלאַנצנדיקע, ברענענדיקע אויגן, רעדט נישט אַ וואָרט. הערט זיך צו, וואָס מען דערציילט, און פֿלאַמט פֿון שמחה.

גלייך איז מיר אויפֿן געדאַנק געקומען, וואָס דער טאַטע איז אינדערהיים נישטאָ און די מאַמע דאַרף צו מיר אָנקומען אויף יעדן טריט. אַז איך וויל, שטיי איך נישט אויפֿן טאַטנס שטאָט אין בית-מדרש און אַז איך וויל, קום איך נישט צו מאַכן קידוש און לאָז זיי וואַרטן מיטן עסן.

און דעם זעלבן שבת פאַרנאַכט בין איך שוין דאָרט גע-וועזן און אָפּגעקליבן פאַר זיך אַ קעצעלע, איינשאַצנדיק עס אין אַ טוץ מעשענע קנעפּלעך, אַ שליסל און אַ פּסוק שיר-השירים פּרייטיק פון דער בימה אַראָפּ.

אָפּגעקליבן האָב איך אַ געפּלעקטע, אַ ווייס-העלער בויך, שוואַרצע רעדער אַרום די אויגן און אויפן שפּיץ עק. עס איז אַפילו דערנאָך געגאַנגען אַ שמועס צווישן די יינגלעך, אַז איך האָב זיך אָפּגענאַרט. בערעלע אַליין האָט זיך דאָס באַרימט און געלאַכט און זיך גערייצט מיט מיר. נאָר איך האָב זיך געהאַלטן שטאָל און אייזן ביי מיינס, אַז איך ווייס וואָס איך וויל — און וויל נישט, אַז מען זאָל מיר זאָגן דעות. און איך דאַנק זיי פאַר די עצות און זאָלן זיי זיך נישט מישן אין קיין פרעמדע געשעפטן — אַז פונקט אַזעלכע, נאָר אַזעלכע האָב איך געזוכט.

נאָר דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך די לעצטע טעג, איי-דער איך האָב עס אָפּגענומען, זיך געשראָקן.ווער ווייסט, טאָמער האָט ער חרטה, — אויף בערלען קאָן מען אַלץ גלויבן, — ווייל אונטער דער צייט איז איינע אַ געפּלעקטע און די שוואַרצע געפּגרט, מיר האָבן זיי באַגראָבן אין גאָרטן מיט גרויס כבוד און אַרויפגעשטעלט אַ שטיין פאַר אַ מצבה; איינע אַ ווייסע איז גלאַט געוואָרן אַ נעגדזע, נישט געגעסן, נישט געטרונקען, נישט געגאַנגען, נישט געשטאַנען. מער דאָרטן ווי דאָ... זענען נאָר געבליבן דריי: אַ ווייסע, אַ געלע און מיינע די גע-פּלעקטע, וועלכע איז געווען די גרעסטע און האָט אַלעמען איבערגעשטיגן. דעריבער איז טאַקע בערעלע געוואָרן ביי זיך אַזוי פעסט. און אונטער די אויגן — אַזוי האָט מען מיר דער-ציילט — האָט ער געלייקנט שטיין און ביין, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט, אַז ער האָט מיר גאָר קיינמאָל נישט פאַרקויפט.

מיר אין די אויגן האָט ער דאָס נישט געדאַכט, ווייל עס זענען געווען עדות ביים אָפּמאַך און קבלת-קנין, ווען מיר האָבן זיך אָנגענומען ביי די צוויי קליינע פינגערלעך און אַ יינגל האָט אונז איבערגעשלאָגן מיט אַ ציצה.

צווייטנס, האָב איך דעם פסוק שיר־השירים און דעם שליסל שוין לאַנג אָפּגעגעבן, און באַלד מאָרגן האָט דער שלימזל דעם שליסל צעשאָסן אין אַ האַרמאַט.

דריטנס, האָט ער מיט די לייענענס שטענדיק געדאַרפט אָנקומען צו מיר — אַ גראָבער קאָפּ געווען.

ועל כולם איז ער דאָך אָבער פאָרט בערעלע, לאָזט אים נישט דאָס האַרץ, מאַכט ער אַ תירוץ, אַז די קנעפּלעך דאַרפן זיין מעשענע, געלע און נישט קיין קופּערנע, רויטע. אַי קופּערנע זענען דאָך טייערער? לאָזט ער זיך נישט איינרעדן. ער דאַרף נישט, זאָגט ער, קיין בעסערע, קיין טייערערע. ער וויל נישט פון מיר קיין טובות, ער וויל נאָר לויט דער „השוואה“.

דערנאָך איז דאָ אַ תירוץ, אַז זי איז נאָך צו קליין. זי עסט נאָך נישט, מען קען זי נישט צונעמען פון דער מאַמען, און ביז איך האָב זי נישט געהאַלטן אונטער דער פּאָלע און געלאָפן מיט איר אַהיים, ווי עמעצער וואָלט מיך נאָכגעיאָגט, בין איך נישט זיכער געווען. איך האָב מיך אַלץ געשראָקן, טאָמער האָט ער חרטה.

ווען איך האָב זי אָפּגענומען, איז זי שוין געווען צוגע־וואַקסן, האָט געקענט אַראָפּשפּרינגען פון נישט קיין הויכן בענקל. אמת זיך געשראָקן, געציטערט, געצילעוועט, געצילעוועט, ביז זי האָט זיך געגעבן מיט אַמאָל אַ וואָרף אַראָפּ. אַפּאָר מאָל זיך איבערגעקולעט און אויפגעשטאַנען. האָט זיך געקענט אַרויפ־דראַפּען אויף אַ שויס, אַריינשטעכנדיק די נעגל ביזן פליייש, קונציק זיך געשפּילט מיט אַ שנירל און ווען זי האָט געפּאַקט ערגעץ אַ קנויל פאָדעם, איז צו אונזער שמחה קיין גרענעץ נישט געווען.

אַהיים בין איך מיט איר געקומען פאַרנאַכט. די מאַמע מיט צירעלען זענען נאָך נישט געווען פון קראָם. די ערשטע אַרבעט איז געווען צו געבן איר עפּעס עסן. האָב איך אַראָפּ־גענומען פון אַ לאַדעשקע אַביסל סמעטענע אין אַ שפּאָגל־ניי־טעצעלע, וועלכע זי האָט באַלד אַראָפּגעוואָרפן פון באַנק און

צעבראָכן, ווייל זי איז נישט געווען געוווינט צו עסן פון טעצעלעך.

די צווייטע אַרבעט איז געווען צו מאַכן פאַר איר אַ געלעגער.

דערצו האָב איך אָפּגעקליבן אַן אָרט אין פינצטערן אַל־קער, אונטער דער שלאָפּבאַנק, אויף וועלכער איך בין געשלאָפן מיט רבקהלען. אַהין איז געבראַכט געוואָרן אַביסל היי און עס איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון בוידעם דעם טאַטנס אַלט וואַ־טאָווע לייבל. און עס איז געוואָרן אויסגעבעט אַזאַ געלעגער, אַז זי האָט זיך דאָס אַפילו אין חלום נישט פאָרגעשטעלט. נאָר וואָס דעם אָוונט האָט זיך אָפּגעטון ביי אונז אין שטוב, וואָלט בעסער געווען מען זאָל דאָס נישט דערמאַנען.

באַלד ווי די מאַמע מיט צירעלען זענען פון קראָם געקו־מען און זענען נאָר־וואָס די שוועל אַריבערגעטרעטן, איז זיי טשוילע מיט די קרומע פיס אַנטקעגן געלאָפן. (גערופן האָט מען אים ישראל, נאָר ער האָט זיך אַליין אַ נאָמען געגעבן טשוילע. דאָס איז געווען אַ מאָדנע יינגל מיט קרומע פיס, ווי צוויי האַלבע לבנות, מיט אַ גרויסן בויך, אין אַ שפּענצער מיט אַן עקעלע פון הינטן. ביז פיר יאָר האָט ער געפּויזעט אויף אַלע פיר און זיך געשאַרט אויפן הינטן. און גערעדט האָט ער אַזוי שאַרף און קלוג ווי אַן אַלטער.) קייקלענדיק זיך אַזוי ווי אַ קאַטשקע אויף די קרומע פיס, האָט ער אין איין אָטעם אָנגעזאָגט די בשורה:

„מאַמע, מאיר־נחקע האָט געבראַכט אַ קאַץ".

„מאַמע, ער האָט איר געגעבן סמעטענע".

„מאַמע, זי האָט צעבראָכן דאָס נייע טעצעלע".

„מאַמע, אונטערן בעט ליגט זי אויף אַביסל היי אונטער־געבעט מיט דעם טאַטנס וואַטאָווע לייבל".

אָט אַזוי שאַרף האָט ער דאָס אָפּגעמאָלן ווי אַ גרויסער. האָב איך זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן און האָב אים געגעבן אַ שאַרפן שמשיפּ אין אַ ווייכן אָרט, אַז ער איז זיך אַזש פאַרגאַנגען און מיר האָבן וויי געטון די בעגל.

— כּדי ער זאָל זײַן שאַרף צינגל נישט שטעקן, ווו מען בעט אים נישט.

איז צירעלע צוגעלאָפן צו מיר און האָט מיך אָנגעהויבן בוכען מיט בײדע קולאַקעס אין פּלײצע: פאַרוואָס איך טשעפּע דאָס קינד.

„דאָס קינד, דאָס קינד" — בײַ איר איז טשוילע מיט די קרומע פיס אויך אַ קינד.

האָט די מאַמע אָנגעכאַפּט צירעלען פאַר בײדע פאַרפּלאָכ־טענע צעפּ, אַז עס האָבן זיך איר אַזש פונקען געשאָטן פון די אויגן, כּדי זי זאָל נישט בוכען אין מיר ווי אַ פויק.

און אין אײן מינוט האָבן אַלע געוויינט — איך, די מאַמע, צירל און טשוילע. דער קלײנער האָט זיך אַזוי געריסן, אַז מען האָט קײנעם נישט געהערט צוליב אים, אויסער רבקהלע — דאָס איז אַ ט׳יערע נשמה. — זי איז אין אַ זײַט געשטאַנען, צוגע־קוקט און עס זענען איר אויסגעגאַנגען די כּוחות פאַר אַלעמען.

איך האָב געשוווירן מיטן שופר של משיח, אַז איך וועל אָנלאָזן אַ פולע שטוב מיט הינט און קעץ און וועל צעברעכן אַלץ, וואָס ס׳איז דאָ אין שטוב און וועל בײַנאַכט דער גרויסער מויד אָפּשערן אַ צאָפּ ביזן פלײש אַרײַן, און וועל דעם קלײנעם קוציק אַ פוס איבערברעכן, און וועל אַלע שבת פאַרשפּעטיקן צום קידוש.

צירעלע האָט געשריגן, אַז איך בין אַ גזלן און אַז מען טאָר מיט מיר נישט נעכטיקן אונטער אײן דאַך. און אַז זי זאָל אַזוי דערלעבן שטײן אונטער דער חופּה, מיט װעמען איר איז באַשערט, ווי איך האָב געהרגעט סימאָנקעס הונט. און אַז די מאַמע גיט מיר נאָך דעם שמד. און אַז באַלד נאָך שבועות אַנטלויפט זי פון שטוב, ווי זי שטײט און גײט, וווהין די אויגן וועלן איר טראָגן און שטעלט זיך ערגעץ פאַר אַ דינסט.

און די מאַמע האָט כליפּענדיק געטענהט, אַז מיר פאַר־קירצן איר די יאָרן און אַז מיר וועלן זי יונגערהײט, חלילה, אין דער ערד אַרײַנטרײַבן, און אַז זי איז מקנא דעם טאַטן, וואָס ער דאַרף אונזערע טרפהנע פּרצופים נישט אָנקוקן. און זי

האָט זיך געוווּנטשן, שונאי-ציון, אַז זי זאָל נאָך אונז שבעה זיצן, און דער טאַטע זאָל שונאי-ציון פון אונז אַ טרויעריקע בשורה באַקומען.

אַזוי האָט זיך דאָס פאַרצויגן ביז האַלבער נאַכט. אַלע זענען מיר געוואָרן און איינגעשלאָפן אין אָנטאָן, אָן וועטשערע. ערשט שפּעטער האָט מיך רבקהלע אויפגעוועקט, אַוועקגעזעצט, דאָס הינטל אויפן קאָפּ אַרויפגעלייגט און געגעבן אַ טעלער קאַלטע לאָקשן מיט מילך. צוגעהאַלטן און אַכטונג געגעבן, איך זאָל דאָס אויפעסן. די מאַמע האָט נאָר פונדערווייטנס צוגעקוקט ווי איך עס און האָט געציטערט זיך אָנרופן מיט אַ וואָרט, זי זאָל מיך נישט דעררגזענען.

דערנאָך האָב איך געלייענט קריאַת-שמע, זיך אויסגעטאָן און געלייגט אין בעט אַריין. און די גאַנצע נאַכט האָב איך שלעכט געשלאָפן, זיך געשראָקן און אַלע ווײַלע געוועקט פון שלאָף. זיך אויפגעזעצט און געטאַפּט אַרום זיך אין דער פינצטער, וווּ איך בין. און ווען איך האָב אָנגעטאַפּט אין שלאָפבאַנק רבקהלען פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט דאָס קעצעלע, ווייך און גלאַט און וואַרעם און רויק-שטיל מרוקענדיק, האָב איך זיך דערמאָנט וווּ איך בין, זיך באַרויקט און ווידער איינגעשלאָפן.

*

אויף מאָרגן זענען אַלע געווען ברוגז. איך האָב זיך נישט געקענט צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז מיך, אַ בחור, וואָס מאַכט אַ לייענען פון אַ בלאַט גמרא און אַ האַלבע גאַס ווייבער וואַרטן מיט פייער-אָנצינדן אויף זיין הבדלה — זאָל מען שלאָגן.

און גלייך פון בעט אַרויס, נאָכן נעגל-וואַסער, בין איך אַוועק אין חדר, אָן אָנבייסן. רבקהלע האָט מיר דערנאָך דאָס עסן צוגעבראַכט, געפינענדיק אַ תּירוץ, אַז מען האָט זיך אין שטוב פאַרשפּעטיקט און איך האָב נישט געוואָלט וואַרטן.

איך, ווי איר זעט מיך, בין איך פון שטענדיק אָן אַן אַמביטנער. און אַז איך צעוויין זיך, שעם איך מיך אויפצוהערן

און קען זיך אַזוי אָפּוואַלגערן אויף דער ערד אַ טאָג מיט אַ נאַכט, קלאַפּ מיט די פּיס אין וואַנט, און מיט קיין זאַך לאָז איך זיך נישט איינגעמען, ביז איך ווער הייזעריק, בלייב אָן כּוחות און פאַרגעס פון וואָס דער געוויין האָט זיך אָנגעהויבן.

טשוילע האָט זיך אַ צייט לאַנג אויסבאַהאַלטן און זיך נישט געוויזן מיר פאַר די אויגן, נאָר איך האָב געהייסן אים איבער־געבן — דורך רבקהלען האָב איך אים איבערגעגעבן, אַז ער וועט זיינס באַקומען ערלעך אויסגעצאָלט און אַז צו דעם קע־צעלע זאָל ער נישט צוגיין, מעג אים אפילו די כּוחעלעך אויסגיין.

און דאָס קעצעלע נעבעך האָט זיך פאַר אַלעמען געשראָקן, געטוליעט, אַנטלאָפן און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ שטיל באַהאַלטן ווינקל, ווי זי וואָלט פילן, אַז זי איז דער גורם אין דעם אַלעמען.

א קלאָפּ פאַרגייט, דאָס לעבן גייט אַריין אין
דער קאַלייע, נחת, אירע חכמות, דער בריוו.

דאָס, וואָס עס איז צווישן אונז פאָרגעקומען, האָט זיך נישט לאַנג געלאָזט פילן. מען האָט דאָס באַלד פאַרגעסן און שלום געמאַכט. אונזערע ברוגזן פלעגן נישט לאַנג אָנהאַלטן. דער שלום און דאָס רויק לעבן האָט ווידער באַזוכט אונזער שטוב און יעדערער איז זיך אַוועק צו זיין אַרבעט — די מאַמע צו דער קראָם, צירעלע צו דער קראָם און צו דער סידעלקע, רבקהלע צו דער שטוב-בעל-ביתישקייט, טשוילע צו זיינע ייִנגלעך און צייכן פון שעפּסענע קני-ביינדעלעך, און איך אין חדר, צו דעם בלאַט גמרא און דער שווערער סוגיא — מיר האָבן געלערנט נזיקין „שור שנגח את הפרה”; און דאָס קעצעלע צו אירע שפּילערייען, כאַפּן פליגן און וואַרעמען זיך אויף דער זון.

יעדן פרימאָרגן, אַז איך בין נאָר פון בעט אַרויס, האָב איך צוערשט באַגעגנט דאָס קעצעלע מיט אַ פריילעכן „יעמוד... ויראה... ויגלה החתול המפורסם גדולת היוחסין מרת שיינע-סאָשע שתחיה (אַזוי האָבן מיר איר אַ נאָמען געגעבן) צו מיר אויפן שויס אַרויף!” און גיב איר אַוועק דעם פרישטיק, אַביסל מילך אָדער אַביסל זויער-מילך, וואָס די מאַמע האָט פאַר איר געגעבן מיטן גאַנצן האַרצן (איך דערקען שוין, ווען די מאַמע

גיט מיטן גאַנצן האַרצן און ווען נישט) אין אַ בלעכן פּושקעלע, כּדי זי זאָל נישט האָבן וואָס צוצעברעכן.

און ווען מען האָט נאָר אַ פרייע מינוט נעמט מען זיך צום לערנען. שטעלט מען זי אַרויף אויפן אָרבל און מען לערנט זי קריכן. קריכט זי אַזוי לאַנג און דראַפּעט זיך מיט די נעגל אין פליייש אַריין, ביז זי קריכט אַרויף אויפן אַקסל. לייגט זי זיך אַרום אַרום האַלז, ווייך ווי אַ שאַל און מרוקעט אין אויער אַריין אַזוי וואַרים, טעם גן-עדן.

אָדער מען נעמט זי אַרויף אויפן שויס, מען פאַרבייגט איר אַן אויערל, מען בלאָזט איר אַריין אין אויער און מען פרעגט איר, צי זי וועט נאַשן. דרייט זי מיטן קאָפּ אויף ניין, הין און צוריק אַן אַ שיעור מאָל,—ניין און ניין. זי נאַשט נישט.

אָדער מען בינדט איר עפּעס אָן אויפן עק און מען לאָזט זי אַראָפּ אויף דר'ערד. וויל זי עס כאַפּן. דרייט זי זיך אויס צום עק און דער עק אַנטלויפט. לויפט זי אים נאָך. אַלע מאָל שנעלער און שנעלער ביז זי פאַרפּלאָנטערט זיך און קערט זיך איבער.

אָדער איך זעץ זי אַוועק אויפן פענצטער מיטן פּנים צו דער גאַס און אַליין גיי איך מיר אַרויס אין דרויסן און גיב איר דעם פינגער דורך דער שויב, זי זאָל אים בייסן. פּאַטשט זי מיטן פיסל איבער דער גלאַטער שויב און לאָוועט דעם פינגער מיט אַלע פינף נעגל אָנצוכאַפּן. און וואונדערט זיך און פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס דער פינגער כאַפּט זיך נישט אָן.

און אָט אַזוי האָט זי זיך צוגעוווינט צו דער שטוב. געוווסט איר אָרט אונטער דער שלאָפבאַנק, דערקענט די מענטשן און געוווסט, ווער עס איז גוט צו איר און ווער נישט. פאַרשטאַנען, ווען מען רופט זי „קיצי, קיצי", אָנגעשמעקט, ווען מען קאָכט פיש אויף שבת און געוווסט די צייט, ווען מען גייט צום טיש. גלייך איז זי אויף דער באַנק אַרויפגעשפּרונגען און האָט אַזוי חניפהדיק אויסגעבויגן דעם רוקן, פאַרריסן דעם עק, געריבן און געשאַרט זיך אונטערן אָרבל און געמרוקעט אַזוי שבתדיק, אַז ביי דער מאַמען ווערט דאָס האַרץ ווייך צו

איר און זי נעמט און ברעכט אָפּ פֿאַר איר אַ שטיקל פון דעם געהאַקטן פיש-קניידל.

נאָר טשוילען האָט זי געווייכט, און טאָמער האָט ער איר געוואָלט אַ גלעט טאָן, האָט זי זיך געגעבן אַ דריי אַרויס און אַנטלאָפן. האָט ער איר געפּרוווט נאָכלויפן מיט די קרומע פיס, זי פאָרויס און ער נאָך איר, קאַטשענדיק זיך ווי אַ קאַטשקעלע, ביז זי האָט זיך געגעבן אַ נעם אָן ביי אַ פיסל פון דער סאָפקע, וואָס איז ביים אויוון געשטאַנען און זי איז שוין אויף דער סאָפקע. און פון דאָרטן האָט זי זיך געגעבן אַ נעם אָן ביים האַנטעך, וואָס איז פון אויבן אויף אַ האַק געהאָנגען און זי איז שוין אויפן אויוון.

און זייענדיק אויפן אויוון גאָר הויך, האָט זי זיך מיטן פנים צו דער שטוב אויסגעדרייט, אַוועקגעלייגט דאָס קליינע קעפּעלע מיט די קלוגע אויגן צווישן די פעדערשטע פיסלעך און געקוקט אַזוי גנביש צו טשוילען, וואָס איז מיטן שטוב שטיין געבליבן ווי אַ נאַר, מיט אַן אָפענעם מויל און צעשפּרייטע הענט— ווי זי וואָלט זיך געוויצלט מיט אים:

— אַנו, טאָמער פּרוווסטו אויך מיט דיינע קרומע פיסלעך?

*

אויף דער אַכטער וואָך נאָך דעם טאַטנס אַוועקפאָרן איז אָנגעקומען אַ פאַרמאַכטער בריוו פון אָרט. די שמחה, די פרייד האָט אַדורכגענומען דעם גאַנצן מאַרק. מען האָט די ידיעה פון לאָדן צו לאָדן איבערגעגעבן. ווייל מ'האָט שטאַרק געהאַלטן פון טאַטן און געוווסט, ווי מיר זענען אויסגעגאַנגען נאָך זיינעם אַ בריוו.

אַרום אונזער קראָם האָט זיך אַ האַלבער מאַרק צוזאַמענגענומען און געציט דער ליגנער האָט פאָרגעלייענט דעם בריוו פאַר אַלעמען הויך אויף אַ קול וואָרט-ביי-וואָרט.

ביי דער מאַמען האָבן גלייך די אויגן גענומען נעצן און זייטיקע ווייבער האָבן אונטערגעשפּאַרט די מאָרדעס מיטן פויסט און נאָכגעשאָקלט מיט די קעפּ צום טאַקט פון בריוו ביזן סוף.

דערנאָך האָט די מאַמע מיט פאַרוויינטע אויגן צונויפגענומען

דעם ברייוו און מיט אַ פולן הויפן ברייוו אין האַנט זיך געלאָזט גיין צו מיר אין חדר אַריין.

ווען איך האָב דערזען די מאַמען דורכן פענצטער, האָט זיך מיר דער קאַפּיטל „עשרים-וארבע" ווי אַ ביין אין האַלז געשטעלט. אָט דאָ וועט אַרויפשווימען די מעשה קעצעלע. אַלע האָבן געקוקט אויף מיר און צווישן זיך זיך איבערגעווונקען. בערעלע דעם פאַרבערס האָט מיט נקמה אויסגערופן׃ „מאירל, די מאַמע גייט!"

דאָס אָנקומען פון אַ מאַמען אין חדר אַריין אין מיטן העלן טאָג איז שטענדיק אַ שלעכטער סימן פאַר אַ יינגל און אַ פרייד פאַר דעם גאַנצן חדר יינגלעך.

אַ שלעכטער סימן פאַר אַ יינגל, ווייל אויף טרוקן קומט נישט אַ מאַמע, וואַרפט נישט אַוועק אַ שטוב מיט אַ קראָם גלאַט אין דער וועלט אַריין. הייבט זיך אָן אַ פאָרשן, אַן אויספרעגן, אַמאָל אַ טרוקענער פאַטש, כדי מען זאָל נישט שטאַמלען מיט דער צונג און אַ הבטחה אויף להבא.

אַ פרייד פאַר יינגלעך, ווייל ערשטנס וועט זיין ביטול-לימוד, און צווייטנס איז זייער איינגענעם צו זען יענעם אין קלעם און האָבן מיט וואָס זיך צו רייצן און אָפּעסן די גאַל.

דערזען די מאַמען גיין, האָט מען אַוועקגעלייגט דאָס לערנען. דער רבי האָט צורעכט געמאַכט די יאַרמלקע, פאַרגלייכט די פאות, הויך אויסגעשנייצט די נאָז און געבליבן וואַרטן ביז די טיר וועט זיך עפענען.

און אַז די מאַמע איז איבערגעטרעטן די שוועל, אַ קוש געטאָן די מזוזה און איך האָב דערזען אין האַנט ביי איר אַ פולן הויפן ברייוו, איז מיר גלייך ווי אַ שטיין פון הארצן אַראָפּ. זי איז געווען אַביסל פאַרשעמט און האָט דערציילט דעם רבין, אַז עס איז גאָט צו דאַנקען אַ ברייוו אָנגעקומען און זי וויל, אַז איך זאָל דעם טאַטנס ברייוו פאַר דעם רבין אין די אויגן איבערלייענען.

דער רבי האָט געהייסן אַן עקסטן יינגל, ער זאָל איר אָפּטרעטן זיין אָרט אויף דער באַנק. אַלע האָבן פאַרמאַכט די

„עשרים-וארבעס" און איך האָב אָנגעהויבן לייענען הויך אויף אַ קול און זיך צוגעשאָקלט מיט אַ ניגון:

„לאשתי הצנועה החכמה מרת רחל לאה שתחי' ולבני הלמדן מאיר נחל שיחי'. ולבתי צירעלע ולבתי רבקה ולבני ישראל שיחיו.

ראשית שרייב איך אייך, אַז איך בין בעזרת השי"ת געקומען בשלום למחוז חפצי. והשנית, ווען איך זאָל וועלן אייך אויסשרייבן אַלץ, וואָס מיר זענען אויסגעשטאַנען אין וועג, וואָלט דאָס געווען ממש יציאַת-מצרים.

ווייטער שרייבט ער אַרום די גאַנצע נסיעה פון אַלף ביז תיו. ווי אַזוי עס האָט זיי אָפּגעוואָרט יענער גנלער יונגערמאַן, וואָס האָט זיי אָנגערופן דעם נאָמען פון דער שיף. און זיי זענען אים נאָכגעגאַנגען, וווהין ער האָט זיי געפירט. און ווי אַזוי זיי האָבן זיך געוואַלגערט ביי דער גרענעץ עטלעכע טעג אין אַ גוייש שטיבעלע מיט אימת-מות ביז סוף חודש, די לבנה זאָל זיך באַהאַלטן. מורא געהאַט אַרויסצוקוקן דורכן פענצטער, ווייל דורכן פענצטער האָט זיך געזען דער זעלנער, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער שמירה.

ווייטער פון יענער זייט האָט זיך די גאַנצע צייט געריי-כערט אַ הויכער קוימען פון אַ דייטשער ציגעלניע. און ווי אַזוי מען האָט די אַלע טעג קיין יידיש וואָרט נישט געגומען צום מויל, ווייל עס איז געווען אַ פולע שטוב מיט „שתי וערבן".

און ווי אַזוי מען איז געגאַנגען אַן עדה יידן מיט נשים וטף, נישט ווייסנדיק ווו מען איז, פאַרלאָזנדיק זיך פריער אויף גאָט און דערנאָך, להבדיל, אויף דעם קליינעם שייגעצל, נאָך וועלכן מ'איז נאָכגעגאַנגען.

דערנאָך איז מען געקומען צו אַ וואַסער, אַ שטיקל וואַלד און ווידער אַ וואַסער. און דאָס געוויין און די שרעק פון די ווייבער מיט די קינדער און די שטילקייט און פחד און סום-נעקייט אין דער נאַכט. און דער הויכער קוימען, וואָס האָט אַלץ אַרויסגעקוקט און געדויכערט.

דערנאָך האָט מען באַגעגנט אַ גוי מיט אַ זעלנער און

מען האָט זיי אַלעמען צעשטעלט אין פּאָר און געבראַכט צו אַ מספּר, אויסער קליינע קינדער, וועלכע מען האָט געהאַלטן אויפן האַנט. און מען איז ווידער געגאַנגען. און ווען עס איז שוין געווען נאָענט צו טאָג, האָט זיי דאָס שייגעצל פאַרלאָזט און געזאָגט, אַז מ׳איז שוין פון יענער זייט.

האָבן אַלע יידן און, להבדיל, גויים די הענט צו גאָט אויפגעהויבן און געדאַנקט פאַר די ניסים, וואָס ער האָט געטאָן מיט זיי די נאַכט.

און אַז מ׳איז געקומען אין באָד, זענען אַלע געווען טויט מיד, געהרגעט און פּיטש-נאַס, אַז מ׳האָט זיך געמוזט אויסטאָן נאַקעט צום צוטריקענען, און ווי אַזוי מ׳האָט זיך געוואַלגערט עטלעכע טעג אויפן האַרטן שטיין אָן אַ קישן.

און ווי אַזוי מען איז דורכגעפאָרן גאַנץ דייטשלאַנד פאַרשלאָסן אין אַ וואַגאָן, אַזוי ווי די חיות. און דער עולם איז זיי נאָכגעלאָפן, ווי זיי וואָלטן קיינמאָל קיין מענטשן נישט געזען.

די גאַנצע צייט האָבן זיי קיין לעפל וואַרים וואַסער נישט געהאַט אין מויל. און די דייטשישע חלה, וואָס מען האָט דורכן פענצטער געקויפט, איז אין מויל נישט צו נעמען. און דאָס לשון זייערס, אַזוי ווי רש״י מאַכט, בלשון אַשכנ״ז. לייט האָבן נישט פאַרשטאַנען איין וואָרט.

און ווי אַזוי זיי זענען געקומען קיין האַמבורג׳ האָט זיי אַלעמען געפעלט פון באַגאַזש. ביי אים האָט מען אַרויסגעגנבעט דאָס קישן מיט דער שבתדיקער קאַפּאָטע.

און דאָס פאָרן אויפן שיף — חיבוט הקבר — ער איז די גאַנצע צייט געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ און געבעטן גאָט, ער זאָל אים נאָר בשלום ברענגען און בלייבן אַ טאַטע צו זיינע קליינע עופהלעך.

און דאָס אָנקומען קיין אַמעריקע. עס איז אים אין די אויגן פינצטער געוואָרן. איר האָט שוין געמעגט אָנקוקן אַביסל קאַמעניצעס.

און ווי אַזוי דער ליבהאַרציקער שוואָגער האָט אים אַראָפּגענומען פון שיף און אַהיים געבראַכט. און ווי רייך ער

איז. און וואָס פאַר אַ שטוב, און וואָס פאַר אַ קינדער, און וואָס פאַר אַן אָנטאָן. ווען ער רופט אים נישט אָן ביים נאָמען: פייוויש-חיים, וואָלט ער אים נישט דערקענט.

דערנאָך פרעגט ער זיך אויס, וואָס אַלע מאַכן און ווי גייט עס אין דער קראָם. און מען זאָל לאָזן גריסן מיין רבין. און איך זאָל אים שרייבן, וועלכן דף איך האַלט אין דער נייער מסכתא. און ווי בין איך אַדורך די שווערע תוספותן. און בעט מיך, איך זאָל שטיין אויף זיין שטאָט אין בית-מדרש. און נישט היפּען ביים דאַווענען. און איך זאָל פאָלגן די מאַמען. און איך זאָל מאַכן קידוש פון אַ סידור. כאָטש ער איז בטוח, אַז איך וועל חלילה נישט נכשל ווערן, נאָר אַ יינגל טאָר אויף זיך נישט שטעלן.

ווייטער שרייבט ער: איך זאָל זוכן אונטער דער שאַפּע. דאָרטן דאַרף זיין אַן אַלטער סידור „מאור עינים" דפוס סלאַוויטע. אַזאַ סידור איז היינט אַ יקר המציאות. דאָרט געפינען זיך זמירות פאַר אַלע דריי שבתדיקע סעודות, וועלכע צעגייען אין מויל פאַר זיסקייט.

און איך זאָל חלילה נישט מחלל שבת זיין, און זיך דערווייטערן פון שלעכטע חברים. און געדענקען צו זאָגן פּרק יעדן שבת, ווייל פּרק איז אַ חוב — נישט קיין רשות.

און איך זאָל זיך נישט גיין באָדן אויסער פרייטיק צו-זאַמען מיטן רבין און איך זאָל זיך היטן פאַר די דריי וואָכן, ווייל דעמאָלט איז אַ סכנה.

ווייטער לאָזט ער גריסן דעם רב פון שטאָט און שכנים הן אין גאַס און הן אין בית-מדרש, און די מומע דאָבריש, און דעם פעטער אייזיק, און די גאַנצע משפּחה.

און די קינדער זאָלן פאָלגן די מאַמען און טשוילע זאָל נישט גיין אָן אַרבע-כנפות און נישט פאַרשמירן די ציצית...

און איך זאָל אויף זיך נעמען פאַר אַ חוב צו בענטשן מיט אים ציצית אַלע אינדערפרי, לייענען קריאַת-שמע על המטה, און מען זאָל אים נישט לאָזן עסן אָן אַ ברכה.

VI

די תשובה, מיינע שבחים, איך פיל מיך גרויס. א שלעכטער סוף.

ווען איך בין פאַרנאַכט אַהיימגעקומען, איז שוין די מאַמע אין שטוב געווען. עס האָבן זיך איר היינט די הענט צו קיין זאַך נישט געלייגט און זי האָט געלאָזן צירעלען אַליין פאַרמאַכן די קראָם.

זי האָט מיר געגעבן נאָכאַמאָל דעם בריוו איבערצולייענען, זיך איינגעהערט אין דעם לייענען, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און מיך געוואָלט אַריינטרייבן אין אַמביציע:

„זעסט, ווי דער טאַטע שרייבט צו דיר, ווי צו אַ גרויסן קיין עין-הרע און דו עסט אָפּ דער מאַמען דאָס האַרץ".

און נישט לאַנג האָט געדויערט און אויפן טיש איז געוואָרן אַרויפגעטראָגן טינט-און-פעדער, פּאַפּיר און מען האָט זיך בעזעצט שרייבן תשובה. ווייל דער טאַטע האָט געשיקט אַן אַדרעס און געבעטן תיכף תשובה.

דעם בריוו האָב איך געשריבן אין דער מאַמעס נאָמען. זי האָט מיר דיקטירט וואָרט און וואָרט אין יידיש און איך האָב דאָס איבערגעזעצט אין אַ שיינעם לשון-קודש:

לכבוד בעלי הנכבד המופלג מו"ה פייוויש-חיים נ"י אין אַמעריקע.

ראשית קום איך דיר צו מעלדן, אַז מיר האָבן היינט

אָפּגענומען דיין בריוו. איך האָב געגוג טרערן פאַרגאָסן לייע־נענדיק, ווי דער וועג איז דיר צוגעגאַנגען. און וואָס דו ביסט אויסגעשטאַנען אויף דער גרענעץ און אויף דער שיף און פאַר־וואָס גאָט האָט אונז אַזוי געשטראָפט, אַז דו דאַרפסט זיין פאַרטריבן פון ווייב און קינד ערגעץ איבער טיפע וואַסערן.

און געוויינט האָב איך פון פרייד, וואָס דו ביסט שוין גאָט צו דאַנקען איבערגעקומען און דו ביסט שוין אויפן אָרט. ווען דו וואָלסט זעען, ווי מען האָט דיך דאָ מקנא געווען לייע־נענדיק דעם בריוו — די אויגן זענען זיי אַרויסגעקראָכן.

זע נאָר, צי דו האָסט זיך חלילה נישט צוגעקילט, ווייל דו שרייבסט, אַז מען איז געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט ביזן האַלז אין וואַסער — און אויב חלילה יאָ, זאָלסטו נעמען פאַר אַ דרייער נאַשאַטירנעם ספּירט און בעטן יואלן, ער זאָל דיר גוט אויסרייבן די ביינער. און דו זאָלסט זיך אָנטרינקען מיט מאַלי־נעס. און חנה זאָל דיך איינדעקן, אַז דו זאָלסט גוט אויס־שוויצן. און דו וועסט אי״ה געזונט זיין — דערפאַר וועט זיי גאָט אויסהיטן פון קרענק.

וועגן דעם קישן — פּרעג שוין נישט: עס האָט מיר אַ שטיק האַרץ אַרויסגעריסן, ווען איך האָב געהערט, אַז מען האָט עס ביי דיר אַרויסגעגנבעט. נעבעך, פון צירעלעס אויסשטייער. מיט אַ נייעם איינשיט. דעם גאַנצן ווינטער געבלענדט די אויגן, פליקנדיק דעם פוך — אויסקרענקען זאָלן זיי דאָס. די שכנה האָט מיך אָבער נישט געלאָזט געבן דיר דאָס נייע קישן. ווי דאָס האַרץ וואָלט איר געזאָגט. מילא, זאָרג נישט, השי״ת וועט אונז ממלא זיין כפל כפלים — ער קען...

די לייזונג אין קראָם איז ערשט געהרגעט. נאָך דעם גרויסן זונטיק האָבן זיך די גויים אָוועקגעלאָזט קאָסען היי אין די בלאָטעס. און מען זיצט אָפּ גאַנצע טעג אָן אַ פּאַטשין.

באַלד ווי דו ביסט אַוועקגעפאָרן, האָב איך געשיקט צו דער גראָבער קיילע נאָך אַ זעקל זאַלץ, האָט זי נישט געוואָלט געבן. זי וויל פריער — זאָגט זי — מען זאָל איר באַצאָלן דעם חוב. און איך מוז קויפן זאַלץ אויפן טאָפּ.

דער מלמד האָט אָנגעהויבן אָפּנעמען אין קראָם אויפן חוב, וואָס קומט אים אַרויס פון ווינטער, יעדן דאָנערשטיק פינף פונט מעל, אַ קרוטשיק אײַל און אַ האַלב פערטל ראָזינ־קעס — ביז צוויי גילדן. און עס איז מיר זייער שווער.

צירעלע שטייט אין קראָם. זי איז קיין עין־הרע געוואָרן אַ גרויסע מויד. רייסט איין וועלטן און הרגעט זיך מיט זלאַטע באַמביש — דעם קינדס כפרה זאָל זי זיין. — זי וויל אַ סיצן קלייד אויף שבת־נחמו. זי איז נעבעך גערעכט. קומט שבת האָט זי נישט אין וואָס אַרויסצוגיין.

רבקהלע איז אַ גאָלד. היט אָפּ די שטוב, רוימט און קאָכט און ענטפערט אַלעמען קיין עין־הרע, ווי אַ גרויסע.

מאיר־נחקע (דאָס מיינט מען מיך) גייט אין חדר, שטייט אויף דיין שטאָט. מאַכט קידוש, אַז מען הערט איבער דער גאַנצער גאַס. און פירט זיך סטאַטעטשנע.

טשוילע פרעגט זיך אַלץ נאָך, ווו איז דער טאַטע, און צו וואָס איז דער טאַטע אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. ער רעדט ווי אַן אַלטער.

דעם ערשטן שבת האָבן דעם בענדעטשוקס בנים געוואָלט אַראָפּשטופּן דאָס קינד פון דיין שטאָט (אַלץ איז זיי ווייניק). האָב איך פון מיין שטאָט, אין ווייבער־שול, מיין שווער האַרץ אויף זייערע קעפּ אויסגעגאָסן און געזאָגט, אַז פייוויש־חיים לעבט נאָך און ער האָט קינדער, וועלכע זאָלן אים ירשענען איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר. איז אין בית־מדרש געוואָרן אַ גרויסער טומל. און פון דעמאָלט אָן שטייט דאָס קינד אויף דיין שטאָט.

אונזער שכנה האָט געקריגן אַ בריוו פון איר שמאַין. ער שרייבט, אַז זיי זענען ערשט אויף מאַניעוורעס הינטער כאַרקאָוו אין טשיגוייעוו און אַז עס זענען דאָרט שרעקלעכע היצן, און אַז פינף טעג איז מען געגאַנגען אָן אַ „דניאָווקע". ווי מיינסטו, מיר האָבן געגוג טרערן פאַרגאָסן, לייענענדיק דעם בריוו.

די בריוו צו שמאַין, וואָס דו פלעגסט אַמאָל שרייבן, שרייבט היינט מאירל (דאָס מיינט מען מיך), לעבן זאָל ער און

עזונט זיין. דו זאָלסט זען, וואָס פאַר אַ לשון — צוקער-זיס. מען טראָגט אַרום זיינע בריוו איבער דער גאַנצער שטאָט.

ביי אונז קאָכט מען שוין באָרשטש פון באָטווינע מיט קליינע בוריטשקעס. אויף שבת האָב איך שוין אַרויסגענומען אַן אוגערקעלע. נאָר עס איז נאָך אַ שאָד. זיי זענען קליין. נישט מער דעם קינד אויף „מיט-זיך" אין חדר, ער זאָל נישט מקנא זיין די יינגלעך. מען שטאָפּט דאָך זיי אָן פון אַלץ אין דער וועלט: מיט אייער און מיט קאַרשן, מיט צוקערקעס און קאָפּי-קעס. און וואָס זעט נעבעך אונזערס אַ קינד?

ווייטער זענען מיר אַלע, גאָט צו דאַנקען, געזונט. רבקה קאָכט וועטשערע — לאָקשן מיט מילך. צירעלע איז נאָר-וואָס געקומען פון קראָם — זי שטייט אויס גענוג פאַרן טאָג — זי זיצט און וואַרט אויף דער פעדער, וועט זי זיך זעצן נאָכ-שרייבן די שורות, וואָס יידל דער שרייבער האָט פאַר איר אָנגעשריבן.

טשוילע שטייט אויף דער באַנק, קוקט זיך צו צום בריוו און שפּילט זיך מיט דעם קעצעלע — אַ קעצעלע האָט זיי גאָט צוגעשיקט (די לעצטע ווערטער לאָז איך דורך אין בריוו) און מאירל שרייבט דיר דעם בריוו. דו וואָלסט זען, וואָס פאַר אַ מלכותדיק קינד דאָס איז. איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז דו וועסט אים שיקן אַ זייגערל.

שרייב, ווי איז דאָרטן דאָס לעבן, און ווו האָסטו סטאַנציע. און וואָס עסט מען דאָרטן — איך מיין, אַז די גאַנצע וועלט איז איין שטאָט. שרייב, צי האָסטו שוין געמאַכט שהחיינו אויף יאַגאָדעס—איז דאָס ביי אונז היינטיקס יאָר אַ גערעטעניש אויף יאַגאָדעס — פאַר אַ גראָשן אַ גאַנצע קוואָרט. די גאַנצע שטאָט גייט אַרום מיט שוואַרצע פּיסקעס.

און ווי איז דאָרטן מיט אַ בית-מדרש און אַ יידיש וואָרט? און צי זענען נאָך דאָ יידן, וואָס האָבן אין גאָט נישט פאַר-געסן און צי חנה טראָגט אַ פּאַרוק.

מער גיבט נישט קיין בייס. לאָז גריסן דעם ליבן, האַר-ציקן ברודער יואל, נעמלעך זיין פרוי חנה. נעמלעך זייערע

בריליאַנטענע קינדערלעך זאָלן לעבן. און זאָל זיי אַנטקעגנקומען, וואָס זיי האָבן געטאָן פאַר אונז.

אַלע באַקאַנטע גריסן דיך. די שכנה גריסט דיך און די שכנים פון גאַס גריסן דיך.

יאָ, פאַרגעס נישט דער מאַמעס יאָרצייט, וואָס פאַלט אויס ראש-חודש תמוז, און לערן דאָרטן אַ פרק משניות, ווי דו פלעגסט זיך דאָ נוהג זיין — נישקשה, זי האָט זיך נאָך דאָס פאַרדינט ביי דיר.

*

דער בריוו איז געענדיקט, די מאַמע האָט פון שוועל אַביסל זאַמד אָנגענומען און באַשאָטן, צונויפגעלייגט, אַריינגע-לייגט אין קאָנווערט און באַהאַלטן אין קאָמאָד ביז אויף מאָרגן, זי זאָל גיין אין אַפטייק אָנשרייבן דעם אַדרעס, קויפן אַ מאַרקע און אַוועקשיקן צו דער באַן.

נאָר איידער זי האָט דעם בריוו אין קאָמאָד אַריינגעלייגט, האָט זי אים לאַנג באַטראַכט, געקוקט אַמאָל אויף מיר און אַמאָל אויפן בריוו און אין די אויגן זענען איר געשטאַנען טרערן. איך בין זיכער, אַז דאָס איז פון נחת, וואָס איך האָב אַזאַ שיינעם בריוו אָנגעשריבן.

איך האָב אַ מאָדנע שטאָלץ דערפילט און הרחבת-הדעת, וואָס אַלע דאַרפן אָנקומען צו מיר און אַלע קוקן מיר אין די אויגן. און באַלד בין איך אויפגעשפּרונגען פון טיש און געגעבן אַ כאַפּ׳אָן צירלען, וועלכע האָט זיך געגרייט נאָכצושרייבן די שורות און זי געגעבן אַ ציי אויס אויף דער ערד אין דער גאַנצער לענג. און אויף איר טשוילען און אויף טשוילען רבקהלען און אויף רבקהלען די קאַץ — און געמאַכט אַ קעז.

צירעלע האָט פון אונטן געקלאַפּט מיט די פיס, געשאָלטן מיט קולי-קולות ביזן הימל אַריין. און איך האָב געפּאַטשט מיט די הענט, געוואָלט צירעלען איבערשרייען און געוואַלדעוועט נישט מיט מיין קול:

איינס, צוויי, דריי,
צירעלע איז פֿאַרבײַ,
האָקום פּאָקום בענדע פלאָקוס
שערעלע בערעלע פוקס
שערעלע בערעלע פוקס.

איך בין געווען אַזוי צעווילדעוועט, אַז נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן זיך אויפצוהייבן און אָפּאָטעמען פון דעם קעז, האָב איך ווידער אָנגעכאַפּט צירעלען פון איין זייט און טשוילען פון דער צווייטער זייט און זיך געגעבן אַ דריי איבער דער שטוב ווי אַ ווינט-מיל.

טראַ טאַ טאַ — טראַ טאַ טאַ
פי פי פי
דער טאַטע איז נישט הי.
וווהין איז טאַטע געפאָרן?
קיין דאַמיר,
וואָס וועט ער ברענגען?
אַ פעסעלע ביר,
ווער וועט טרינקען?
איך מיט דיר...

„איך מיט דיר״ האָב איך געטייטלט מיטן פינגער אויף דעם קעצעלע, ווען טשוילע מיט צירעלען זענען שוין געזעסן אויף דער באַנק מיט פאַרדרייטע קעפּ און שווער געסאָפּעט פון דער ווינטמיל.

— איך מיט דיר!

ווי עס זעט אויס, איז דאָס געווען מן השמים, אַז דער אָוונט זאָל זיין אַ פאַרשטערטער. וואָרים ביז דעם אָוונט האָט נאָך די קאַץ נישט אַרויסגעוויזן אַזאַ כעס און אַזאַ גיפט און אַזאַ רציחה.

אַזוי ווי איך האָב צו איר אַלץ מיטן פינגער געטייטלט „איך מיט דיר״, האָט זי פלוצלינג אַ שפרונג געטאָן און געגעבן

אַ צי אויס אַלע פינף נעגל אירע איבער מיין האַנט. עס האָט מיר פייער אַ שאָט געטאָן פון די אויגן. איך האָב איר געגעבן אַזאַ שליידער, אַז זי האָט זיך אַכצן מאָל איבערגעקערט.

אין שטוב איז געוואָרן אַ בהלה. איך האָב געוויינט. צירעלע האָט געקוואָלן פון מיין וויינען און האָט געפּאַטשט מיט די הענט:

— אַ מצווה אויף איס, וואָס ער האָט אויסגעקלערט „די מאָדע קעץ".

די מאַמע האָט מיר געלייגט קאַלט וואַסער צו דער האַנט, געשאָלטן די קאַץ מיט טויטע קללות און געשוווירן:

זי זאָל אַזוי דערלעבן מיין בר-מצווה, ווי זי וועט זי ערגעץ פאַרטראָגן, ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, אַז מען וועט נישט וויסן, ווו איר געביין איז אַהינגעקומען.

איך בין זיכער, אַז זי וועט דאָס נישט טאָן. דאָס רעדט זי נאָר אַזוי.

טשוילע האָט געשוויגן ווי אַ פיש. און ריבקהלע האָט זיך אַלץ אַרום מיר געפאָרעט, געהאָלפן מיר אויסטאָן און שלאָפן לייגן; פאַרזיכטיק נישט אָנצורירן די האַנט.

און ליגנדיק שוין אין בעט מיט אַ פאַרבונדענער האַנט האָב איך אונטערן באַנדאַזש פינף שאַרפע דראַפּען אויף דער האַנט געפילט. עס האָט מיר געשמאַרצט און נישט געלאָזט איינשלאָפן.

איך האָב מיך דערמאָנט אין טאַטנס ווערטער, אַז אַ קאַץ איז אַ מזיק, אַ דורס, און איז דעם מענטשן אַ דם-שונא. און אין האַלב דרימל האָט זיך מיר אין קאָפּ געפּלאָנטערט אַסך מעשיות פון דער גמרא וועגן קעץ. איינע שרעקלעכער פאַר דער אַנדערער. און איך האָב מיך אַלע ווײלע געוועקט פון שלאָף.

VII

זיך צוגעוווינט. איך ווער א מענטש, הרהורי-תשובה.

אַזוי איז אַדורך דער זומער. נאָכן זומער דער ווינטער. און נאָכן ווינטער איז אויף גאָטס וועלטווידער אַ נייער זומער אָנגעקומען.

דאָס, וואָס די מאַמע האָט זיך באַרימט, אַז זי וועט איר ערגעץ פאַרטראָגן, ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעלאָזן — איך האָב דאָך געוווּסט, אַז זי סטראַשעט נאָר אַזוי.

שיינע-סאָשע איז געבליבן און געוואַקסן אָן אַן ערך, גע-וואַקסן און אויסגעוואַקסן, און געוואָרן היימיש און צוגעבונדן צו דער שטוב און אַלע צו איר.

עס איז געווען אַזוי פשוט און געוויינלעך, אַז די מאַמע-נעמענדיק פלייש ביים קצב, זאָל אין זינען האָבן צו נעמען אַביסל טרייבעכץ פאַר דער קאַץ, אָדער ביים אויסזאַלצן דאָס פלייש מתכוון זיין אין אָפּהיטן יעדעס אָפּגעקרישלטביינדל און יעדעס אָפּגעבראָקלט שטיקל פעטס פאַר שיינע-סאָשען.

אָדער, אַראָפּנעמענדיק פון טיש, נישט פאַרגעסן צונויפ-צונעמען פון אַלע טעלער די שיריים אין אַ טרייף טעלערל

אריין, צעבראָקן אַפּאָר שטיקלעך ברויט און אוועקשטעלן עס פאַר איר ערגעץ אין אַ ווינקל.

דערפאַר זיצט שיינע־סאָשע די גאַנצע צייט פון פלייש־זאַלצן, נישט ווייט פון דעם זאַלצברעטל אַזוי זייטיק, אַרטיק און מיט רעספּעקט. קוקט צו צום ברעטל אין אָנהויב מיט שטאַרקער תאווה, דערנאָך באַמיעט זי זיך איינצונעמען די תאווה, גובר זיין דעם יצר־הרע. לייגט זי אוועק דאָס קעפּעלע צווישן די פּאָר פּעדערשטע פיסלעך, פאַרשליסט איין אויגל, וואָס איז אין דער זייט פון ברעטל, פאַרקוקט זיך אויף אַ פליג, וואָס זשומעט אונטער דער סטעליע, פאַרקלערט זיך אויף עפּעס און מאַכט זיך אײַנגאַנצן פאַרגעסן אויף דעם, וואָס אויף דעם ברעטל טוט זיך...

דאַרף מען גיין צום טיש, איז זי דאָ. ווייסט זי די צייט, ווי אַ זייגער. מעג זי זיין אין דער לעצטער גאַס. געפינט זי אַ פאַרמאַכטע טיר, שפּרינגט זי אַריין דורך אַ פענצטער. ווינטער דראַפּעט זי מיט אַ פיסל ביי דער טיר, מיאַוקעט און בעט מ׳זאָל איר עפענען.

אָפּטמאָל זיצט זי אַזוי אין שטוב אין אַ ווינקל, דרימלט און כאַפּט אַ פליג, צומאַכנדיק איין אויג מיט ניין צענטל אויך. מערקט זי, אַז מען גייט זיך וואַשן, עפנט זי אויף דאָס אויג אַביסל גרעסער — צו זען, אויב זי איז זיך נישט טועה.

דאָס צווייטע אויג איז נאָך פאַרמאַכט. דערנאָך הייבט זי זיך אָן אויסצוציען, צוערשט די הינטערשטע, דערנאָך די פּעדער־שטע פיסלעך, דערנאָך דעם רוקן, אַרויף מיט אַ האָרב ווי אַ רוסי־שע דוהע. דערווייל שטיי איך שוין ביים האַנטעך. גייט זי מיר נאָך און הערט זיך צו צום שאו ידיכם ביזן טיש. שנייד איך אָפּ פון דעם ברויט אַ שיעור כזית, טונק עס איין אין זאַלץ — און מאַך „המוציא" הויך אויף אַ קול און שטייענדיק. (די לעצטע צייט האָב איך אָנגעהויבן מאַכן אַ המוציא אויף אַ קול מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט גרויס כוונה.) און ביז איך זעץ מיך צום טיש, איז זי שוין אויף דער באַנק, רייבט זיך אין אַרבל, מרוקעט און בעט, מען זאָל זי מהנה זיין מיט אַ שטיקל יידישע „המוציא".

מיט טשוילען איז זי שוין לאַנג אַריין אין חבר — איך קוק פון דער זייט מיט גאווה, ווי עס וואָלט מיך גאָרנישט אָנ־געגאַנגען — זי לאָזט זיך פון אים גלעטן, עסט ביי אים פון האַנט און קומט, ווען ער רופט זי. די שמחה פון יינגל איז נישט משער צו זיין.

פון טאַטן קומען אָן בריוו יעדן חודש. איך ענטפער, וואָס די מאַמע טוט מיר און מויל אַריין. פון מיטן ווינטער האָט ער אָנגעהויבן שיקן געלט — צען דאָלאַר אַ חודש. די מאַמע האָט שוין געגעבן קיילע דער גראָבער עטלעכע רובל אויפן חוב און ביי אונז אין קראָם שטייט שוין אַ גאַנץ זעקל זאַלץ.

צירעלע האָט אויף שבת-נחמו אָנגעטאָן אַ נייַ סיצן קליידל, אַזוי ווי די מאַמע האָט איר צוגעזאָגט — אַ שיין קליידל, אַ געלס, אין גרויסע דעסנעס מיט רויטע און בלויע קווייטן. אויף פסח האָט מען איר אויפגענייט אַ ברוינס, אַ וואָלנס באַפוצט מיט רויט.

*

און איך, איך בין, ווי אַ נייַע הויט וואָלט אויף מיר אַרויף. אויס חברים, אויס שטיפערייען, אויס הינט, אויס קעץ. פּלוצלינג גרויס געוואָרן. דערפילט אחריות — אַ קליין יידעלע — און מאַך נאָך דעם טאַטן מיט אַלע פּיטשעווקעס.

פרייטיק, גלייך פון חדר — אַהיים. נאָכן ראָסל-פליייש קוק איך מיר אַריין אין חיי-אדם הלכות שבת. דערנאָך גיי איך אין מרחץ. גלייך פון מרחץ, נאָך מיט נאַסע פּאהלעך, זעץ איך מיך אַוועק מיט שטאָט ביים פענצטער — קוק אַרויס צום זומערדיקן טאָג, וואָס האַלט זיך אין זעצן, צו די קינדערלעך אין גאַס מיט די שיינענדיקע פּאַרווינטע אייגעלעך פון נאָכן צוואָגן און זאָג מיר שיר-השירים מיט אַ שיינעם ניגון און מיט אַ דריידל:

„הנך יפה רעיתי ומום אין בך...
אחזו לנו שועלים קטנים"...
און האָב הנאה פונעם ניגון.

קומט צו די מאַמע אויף די שפּיץ פינגער און דערלאַנגט

מיר אויפן פענצטער אַרויף אַ טעלערל שבתדיקן צימעס. מאַך איך מיך נישט זעענדיק און זאָג מיר ווייטער דעם שיר־השירים. ווייזט זיך די מאַמע אין טיר און זעט, אַז דער צימעס איז נישט געריהרט. גייט זי צו, פאַרריכט מיר דאָס היטעלע מיט ליבשאַפט און זאָגט :

— מאירל, מאַך אַ ברכה און זיי טועם.

טו איך איר צוליב, מאַך אַ ברכה און בין טועם און דער־פיל אין דעם מערן־צימעס טויזנט טעמים — מאַמע־טעם און שבת־טעם. שטעל מיר דאָס טעלערל אין דער זייט און מאַך ברכה־אחרונה.

דערווייל פאַרוויטלט זיך דער הימל. פון דער גרעבליע האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווייסער שטויב — די טשערעדע קומט פון פעלד. און אין גאַס האָט אַ בלאָז געטון מיט בין־השמשות : רייס איך איבער דעם שיר־השירים אינמיטן — שיר־השירים איז אַ רשות. די מאַמע גרייט זיך צום ליכט־בענטשן און איך הייב מיך אָן צו קלייבן אין שול אַריין.

פאַהלעך האָב איך לאַנגע ביז די אויערן־פאַטלעך. זיי זענען שוין צוגעטריקנט. די קאַפּאָטע און די שיך זענען נאָך פון בייטאָג אויסגערייניקט, רבקהלע האָט זיי אויסגערייניקט. דאָס טיכל מיט די רויטע בלימלעך אויפן האַלז. קוש איך די מזוזה און גיי מיר צרויס מיט שנעלע טריט צו קבלת־שבת מקיים זיין : „הוה רץ כצבי".

טשוילע טראָגט מיר נאָך דעם סידור און גייט מיר נאָך ווי אַ גרויסן.

צוריק גייט מען לאַנגזאַם, „עקב בצד אגודל". מיט אַ שטילער בענקשאַפט צו גאָטס הויז, וואָס מען האָט נאָר־וואָס פאַרלאָזן.

צי איך מיר אַזוי מיט שטאַט ווי איינער פון דעם עולם און טראָג יעדן אַנטקעגן דעם גוט־שבת.

טשוילע איז אַוועק פאָרויס און האָט זיך אויסגעמישט צווישן די יינגלעך.

אין אַ ווינקל גאַס וואַרט מיך אָפּ די מאַמע. — גוט־

שבת! — גוט יאָר!... גייען מיר צוזאַמען, זייט-ביי-זייט און מען רעדט — פון פאַגאָדע, פון יקרות און פון טאַטן, ביז מען קומט צו צו דער שטוב.

די מאַמע גייט אַריין די ערשטע און זאָגט גוט שבת דער גאַנצער שטוב, פריער דער קיך, דערנאָך דער שטוב, דערנאָך דעם אַלקער, ווו מיר שלאָפן, דערנאָך דעם אַלקער, ווו די שכנה וווינט. דערנאָך זאָג איך מיין גוט שבת און נייג מיך צו אַלע פיר זייטן.

פאַר זמירות האָב איך אָפּגעזוכט דעם „מאור עינים", וועגן וועלכן דער טאַטע האָט געשריבן, און האָב דאָרט זמירות פאַר אַלע דריי סעודות — צוקער-זיס. מיינע טישן פאַרציען זיך ביז שפּעט איינדערנאַכט. צירעלע ברענט פון אומגעדולד. די מיידלעך וואַרטן אויף איר מיטן שפּאַציר. מורמלט זי און וואַרפט שטעכעדיקע בליקן אין מיין זייט: „וצדקתך!", נאָר זי רעדט נישט אַ וואָרט. זי האָט מורא פאַר דער מאַמען.

שבת נאָכמיטאָג לייג איך מיך אין טאַטנס בעט. און נאָכן שלאָף און נעגל-וואַסער גיסט מיר אָן די מאַמע אַ גלאָז שבתדיקע טיי, וועלכע איז נאָך פון פרייטיק מיטאָג איינגעדעקט מיט זעק און אַן אַלט אונטערקליידל, טונק איך איין דאָס שטיקל צוקער, ווי אַן אַלטער, כדי עס אָפּצוווייקן, און מאַך הויך „שהכּל".

די מאַמע ענטפערט „אמן".

נאָך דער טיי נעם איך אַרויס די „פרקי אבות" — דעם זומער האָבן מיר אָנגעהויבן זאָגן „פּרק" איינדערהיים. פון דרויסן שמעקט מיט טויזנטער ריחות און רייצט דעם יצר-הרע — די מאַמע זעצט זיך מיר אַנטקעגן, די ברילן אויף דער נאָז און טייטלט מיטן פינגער אין „צאינה וראינה": „דער בחיי שרייבט"....

דערנאָך קומט אַרויף אויפן טיש שבת-אויבס. מאַכט מען ברכה און מען גייט דאַוונען מנחה.

הבדלה מאַך איך הויך און פון אויסנווייניק. איבער אַ פולן בעכער וויין, וואָס האַלט זיך אין איין איבערגיסן, ס'זאָל זיין אַ פולע וואָך. צוגעמאַכט די אויגן, אַביסל פון דער שטאַרקער

הבדלה-ליכט און אַביסל פון דביקות, מיט אַ ניגון, באַטאָנענ-דיק: „כּוס ישועות אשא ובשם ד' אקרא...״

רבקהלע האַלט די הבדלה, אַ גרויסע, אַ גראָבע הבדלה, געפלאָכטן אין אַכטן פון סטאָטשעק (די מאַמע מאַכט עס אַליין פון די ביינוול, מיט וועלכן זי מעסט אויס אין אלול דעם צדיקס קבר). זי האַלט זי הויך איבערן קאָפּ, כּדי זי זאָל נעמען אַ הויכן חתן.

אָפּגעמאַכט הבדלה, טרינק איך מיר אַ רוב כּוס. גיב אַביסל דער מאַמען און אַביסל טשוילען. דאָס איבעריקע גיס איך צוריק אין פלאַש. מיידלעך טרינקען נישט פון הבדלה, זיי זאָלן נישט גיין שווער צוקינד.

דערנאָך טונק איך איין די שפּיץ פינגער אין דעם איבער-געגאָסענעם ווייַן און וואַש מיר אויס די אויגן, אַ סגולה צו אויגן-ווייטיק. און באַלד נעם איך מיר צו מוצאי-שבתדיקע זמירות. אָנגעטאָן אין שבתדיקן, גיי איך מיר אַרום איבער דער שטוב און זינג:

„איש אשר לא טעם טעם מיתה מימיו...
במהרה יבא אלינו עם משיח בן דוד...״

דערווייל קומט אָן די מאַמע מיט אַ שבת-צונאַכטיק פריש הייס גלאָז טיי. דערזען, ווי איך גיי מיר אַרום אַזוי איבער דער שטוב מיט אַ ניגון און אַ קנאַק מיטן פינגער, וויל זי מיר נישט שטערן. בלייבט זי שטיין מיט דעם גלאָז טיי אין האַנט, קוקט מיר נאָך און שעפּטשעט אין דער שטיל:

— ליבער גאָט, נאָך מיין קאָפּ זאָל ער בלייבן.

אין שול האַלט איך מיך פון די יינגלעך באַזונדער און קאָן מיר אַזוי צוגיין צווישן מנחה ומעריב צו דער ספרים-שאַפע, ווי גאָרנישט מיינענדיק — אַרויסנעמען אַ זייטיק ספר, אַ מוסר-ספר, ווי אַ ייד דאַרף זיך אויפפירן, אַריינקוקן, זיך פאַר-טראַכטן און צעגיסן זיך אין אַ שטילן ניגון. גנבעט זיך צו אַ יינגל און גיט מיר אַ שטאָך מיט אַ שפּילקעלע אין אַ ווייכן פלאַץ... ביז בלוט, אַז עס שיט זיך מיר פייער פון די אויגן, כּדי איך זאָל נישט זיין קיין „וצדקתך״...

דעם תשעה-באב זענען אַלע בערעלעך געפלויגן אין מיר. איך בין געזעסן צווישן די גרויסע אויף אַן איבערגעקערטער באַנק און מיט אַ געבראָכן האַרץ מיטגעזאָגט די קינות — און האָב אַלץ אָנגענומען פאַר ליב.

אַהיים בין איך געגאַנגען צוזאַמען מיט די גרויסע, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, געשטרויכלטע פיס, אין זאָקן, אָן כוח, מחמת דעם שווערן תענית.

*

און מיטן ערשטן אלולדיקן שופר-בלאָז האָט זיך ביי מיר אין האַרצן אַ מאָדנע שרעק אַריינגעגנבעט. אַ מורא פאַרן יום-הדין, ווי פאַר אַ גרויסן שטורעם, ווי פאַר אַ הויכן באַרג, ווי לעבן אַ ברייטן טייך, וועלכן מ'דאַרף אַריבערשווימען. און מיט יעדן טאָג, וואָס מיר האָבן זיך צו די ימים-נוראים דערנענטערט, זענען זיי פאַר מיר אויסגעוואַקסן שווער און גרויזאַם און אומ-דערבאַרעמדיק. איך האָב דערזען זיך אַליין אַזוי קליין און שוואַך און זינדיק, אָן אַ מדריך און אָן אַ וועגווייזער. אַריינ-געטאָן אין קליינע זינד און אין ברעקלעך תאוות: מקיל-ראש זיין אין נטילת-ידים, מפסיק זיין אין קריאת-שמע, שניידן די נעגל נישט בסירוגין, מטלטל זיין אום שבת מחוץ לעירוב — און אָט באַלד, מען וועט זיך גאָרנישט אַרומקוקן, וועט איך שוין אַ בר-עונשין. און דער גאַנצער שווערער יאָך פון יידיש-קייט פאַלט אויף מיר.

איך האָב גענומען אויף זיך צו דאַווענען פון סידור מיטן פנים צו דער וואַנט — די אויגן זאָלן מיך נישט פאַרפירן — און נאָכן דאַווענען זאָגן צען קאַפּיטלעך תהילים און איך האָב מיר געמאַכט אַ סיג און אַ סיג צו אַ סיג, אַ צוים אויף אַ צוים— דער יצר-הרע זאָל צו מיר קיין שליטה נישט האָבן.

איך וועל אים בייקומען, איך מוז אים בייקומען. די בחירה איז געגעבן געוואָרן דעם מענטשן. איך וועל מיך שטאַרקן, ווי אַ לייב. און גאָט וועט קומען צוהילף.

VIII

אויס חדר, צריין אין יאָך, דער סדר התורה, איך און זי אין דער נאַכט...

דאָס איז געווען דער לעצטער זמן מיינער אין חדר. און דאָס לעצטע שנירל, וואָס האָט מיך פאַרבונדן מיט די יינגלעך און מיט אַלע יינגלשע שטיפערייען, איז איבערגעריסן געוואָרן אויף אייביק.

דעם ווינטער האָב איך זיך געזעצט לערנען אין בית-מדרש „פאַר זיך" מיט נאָך צוויי חברים, בעל-ביתישע קינדער, עלטערע פון מיר. דער טאַטע האָט דאָס שוין פון לאַנג אַזוי פאַרלאַנגט:

— זאָל ער זיך איינשפּאַנען, זאָל ער אויף זיך אַרויפנעמען דעם יאָך, דעם יאָך פון גאָטס תורה — אַזוי שרייבט דער טאַטע — און גאָט וועט זיין צוהילף....

געקומען בין איך אין בית-מדרש אַריין און האָב אַריבערגעטראָטן די שוועל פון יינגל צו בחור — מיט אַן אייגנס, מיט היפּשע עטלעכע צענטליק בלאַט גמרא אין מיינע געדערעם, מיט אַ האַרץ פול שרעק און מיט אַסך מוט און לוסט צו גובר זיין, צוצעברעכן דעם יצר-הרע. אָט וועט ער זען, וואָס מיר וועלן דעם ווינטער אויפטון.

און גלייך אויף מאָרגן נאָך שמחת-תורה, נישט צו פאַרלירן קיין צייט, האָבן מיר זיך געזעצט צום לערנען, געלערנט

האָבן מיר סנהדרין, דריי בלאַט גמרא אַ וואָך מיט תוספות און מהרש"א. ווו עפּעס אַ שווערע סוגיא, איז געווען ביי וועמען צו פרעגן. אַ בית-מדרש געפּאַקט מיט למדנים.

אין שטוב האָט זיך אַסך געענדערט. די מאַמע האָט שוין לאַנג אַרויסגענומען די פּערל, וואָס זענען געווען פאַר-משכונט, און טוט זיי אָן שבת אין שול אַריין ווי אין די גוטע יאָרן.

צירעלע איז שוין אַ דערוואַקסענע. האָט אָנגעהויבן טראָגן לענגערע קליידער און פאַרפלעכט זיך די האָר אין איין צאָפּ.

רבקהלע איז צוגעוואַקסן — געזונט זאָל זי זיין — מיט אַ קאָפּ העכער פון מיר, און שיין — אין איר פּנים נישט צו קוקן. זי שלאָפט איצט מיט טשוילען. איך שלאָף אַליין.

אויף ווינטער האָט מען מיר אויפגענייט אַ פוטערל אונ-טערגעשלאָגן מיט שוואַרצע שעפּסן-פעלכלעך. דאָס אַלטע פוטערל האָט מען אוועקגעגעבן טשוילען. ער האָט זיך געקרימט, געווען נישט צופרידן (אַביסל צו לאַנג אויף אים. ער איז דער זעלבער קוציק מיט די קרומע פיס, ווי געווען), דערנאָך האָט ער זיך צוגעוויינט.

ער לערנט חומש מיט רש"י. שרייבט צום טאַטן אַ גרוס אין יעדן בריוו (אַלע שרייבן גרוסן, אַזוי האָט דער טאַטע פאַרלאַנגט), הויבט ער אָן מיט אַ געדרייטן „לכבוד" און פאַר-ענדיקט מיט איין אויסגעדרייטן „ל" פון ישראל.

פון דעם קעצעלע האָבן מיר גרויס נחת דערלעבט. פּונקט אום הושענא-רבה האָט זי זיך אָפּגעקעצלט. פינף קעצעלעך האָט זי געהאַט. וואָס די פּאָר טעג האָט זיך אָפּגעטון ביי אונז אין שטוב, איז אין לשער — אַלע קינדער פון טשויליקס חדר און אַלע קינדער פון אונזער גאַס און אַלע קינדער פון דער האַלבער שטאָט. איך האָב זיך געהאַלטן אין אַ זייט, איצט איז דאָס קעצעלע אינגאַנצן אַריבער אין טשויליקס רשות.

ווער עס האָט טשויליקן נישט געזען אין די טעג, האָט קיין גליקלעכערן מענטשן אין זיין לעבן נישט געזען. ער איז געווען פאַררוימלט און פאַרפלאַמט און צעטומלט און פאַראַרבעט. געטענהט מיט די קינדער און אַלעמען געענטפערט און אַלעמען

געוויזן און אויפגעקלערט. די מאַמע האָט געטריבן און געיאָגט און געשאָלטן שונאי-ציון, און געסטראַשעט, אַז זי וועט זיי אַלעמען אָפּגיסן מיט אוקראָפּ, און אין מיטן זיך צעלאַכט פון גרויס כעס.

נאָך יום-טוב איז עס שטילער געוואָרן. דער עולם האָט זיך צוגעוויינט און אָנגעהויבן וויניקער צו קומען, אויסער די, וואָס האָבן מיט טשוילען געהאַט אַן אָפּמאַך (אין יענער צייט איז טשוילע אַרומגעגאַנגען מיט פולע קעשענעס, אַז זיי האָבן אים אָראָפּגעצויגן). און ביז ראש-חודש כסליו איז שוין פון דעם נייעם דור קיין זכר נישט געווען. איינע איז געפּגרט, די איבעריקע האָט מען צוגענומען. און נאָך אַ לאַנגע צייט איז טשוילע אַלע שבת געגאַנגען געוואָר ווערן, זען ווי זיי האָדעווען זיך.

*

און איך בין אַריין אין יאָך, אין יאָך פון גאָטס תורה, אַזוי ווי דער טאַטע האָט פּאָרויסגעזען, מיט אַ ברען, מיט אַ דורשט, ממש: „הוי כל צמא".

און דער סדר התורה איז אַזוי: אויפשטיין שטיי איך אויף אַ שטיק פּאַרטאָג. איך בין נאָך אינגאַנצן פול מיט שלאָף ווי אַ כלי וואָס איז מיט עפּעס אָנגעפילט. שטאַרק איך מיך ווי אַ לייב, גיס אָפּ נעגל-וואַסער, קאַלט שטשימענדיק נעגל-וואַסער. און כאַפּ מיך אַרויס אין דער שטיל, נישט צו וועקן די שלאָפעדיקע.

אין דרויסן איז שטיל, פינצטער און קאַלט. די שטאָט שלאָפט. אַ שטילע קעלט און אַ שטימע פינצטערקייט. איך גיי און הער מיך צו צום אָפּקלאַנג פון מיינע אייגענע טריט אין דער נאַכט, ביז איך קום צו צו דער שול בין איך שוין אויסגעליידיקט פון דעם שלאָף און אינגאַנצן אַדורכגענומען מיט קעלט.

אין בית-מדרש איז שוין ליכטיק. יידן, וואָס פּעדערן זיך צו ותיקין, ווערי מיט אַ גמרא, ווער אַ משניות און ווער מיט אַיין עין-יעקב. די נעכטיקע וואַרעמקייט פון דער הרובע איז שוין אויסגעוועפּט אינגאַנצן, דורכגענומען מיט דער קעלט און אויפגעמונטערט פון דעם יונגן מאָרגן, וואָס האַלט אין געבוירן

ווערן, לערנט זיך געשמאַק מיט אַ טעם, מיט אַ וואַרעמ־קייט און מיט אַ היץ, ווי מ׳וואָלט איינער אַליין געווען אין גאַנצן מקום־קדוש.

מיט די ערשטע טאָג־שטראַלן שטעלט מען זיך דאַווענען, נאָכן דאַווענען קוקט מען אַריין אין אַ זייטיק ספר, ביז מ׳איז זיך משער, אַז אינדערהיים איז שוין דאָ פרישטיק.

פרישטיק דערלאַנגט מיר רבקהלע, וואָס זי האָט אַליין צוגעגרייט. די מאַמע איז שוין אין קראָם. צווישן די געריכטן קוקט מען אין עפּעס אַריין. נישט מבטל זיין קיין צייט און פאַרטרייבן דעם יצר־הרע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרגנבהנען אַזוי זייטיק אין האַרץ אַריין.

גלייך נאָכן בענטשן איז מען צוריק אין בית־מדרש. דאָרטן וואַרטן שוין די צוויי חברים. אין אָנהייב איז ביטול־זמן. ווו גישט ווו איז נאָך ווער פאַרבליבן פון דריטן מנין. עמעצער ענדיקט זיין „חוק“, ערגעץ אַ פאַרשפּעטיקטער דאַוונט ביחידות, הויך אויף אַ קול.

נאָר באַלד ווערט עס שטילער, זעצן מיר זיך צו די גמראָס. איז מען מסביר איינער דעם אַנדערן, פאַרריכט מען איינער דעם אַנדערן — דריי שטענדערס, דריי גמראָס, דריי יינגלעך, דריי שאַרפע מעסערס, וואָס מער זיי רייבן זיך איינער אָן אַנדערן, ווערן זיי שאַרפער, ווערט עס קלערער, ווערט עס גלאַנציקער: אָט דאָס, דאָס האָט דאָך געמיינט דער תוספות...

איינע פון מיינע סברות האָב איך אין אַ בריוו געשריבן צום טאַטן. שרייבט ער, אַז מ׳האָט זיך דערמיט אַרומגעטראָגן איבער גאַנץ אַמעריקע און ער האָפט, אַז זיין האָרעוואַניע און זיין פאַרשוואַרצט ווערן אין דער פרעמד וועט זיין אָנגעלייגט.

די ווינטערדיקע נאָכמיטאָגן זענען קורץ. קוקסט זיך נישט אַרום, הייבט אָן צו טונקלען און אָט איז שוין מנחה־צייט. פאַרנעמט מען זיך מיט לימודי־חול: אַביסל חשבון, תנ״ך — מיר האַלטן ביי ישעיהו. ניקוד פון „מורה־הלשון“ אַרויס און טראָפּ. איך האָב מיך אָנגעהויבן לערנען פאַר אַ בעל־קריאה. און אין אַ שני־וחמישי לאָזט מען מיך צו צום לייענען. און אַז די מאַמע

דערוויסט זיך, פארשליסט זי די קראָם און קומט צו לויפן מיך הערן.

צווישן מנחה און מעריב הערט מען זיך צו צום שיעור, וואָס יאָסל-שמואל ראַסילס לערנט פאר למדנים מיט זייער א שיינער הסברה.

ווי נאָר מען האָט אָפגעפּטרט דעם מעריב — דער עולם הייבט אָן שיטערער ווערן — זעצט מען זיך ערשט צום לערנען שטארק ווי א לייב אין דער מלחמה מיטן שלאָף. לאָזט זיך דער שלאָף נישט בייקומען, שלעפּט מען אים ארויס אין דרויסן — „יגער בך השטן" — און מען וואַשט אויס די אויגן מיט קאלט וואַסער. נאָך אמאָל און נאָך אמאָל און אָט ליגט ער שוין א געקוילעטער פאר דיינע פיס.

פּטור געוואָרן פון שטן, לערנט זיך געשמאַק מיט א זיסן טעם אין מויל. גיסט זיך דאָס ווי א בוימל, ווי א גוטער שמע-קעדיקער בוימל, איבערן גאַנצן מקום-קדוש. און עס פילט זיך נישט, ווי די צייט גייט אריבער. א רינג אין א רינג, א סברא אין א סברא, א קשיא אויף א קשיא און אַן ענטפער אויף אַן ענטפער, אָן א סוף.

אהיים קערן מיר זיך א שטיק נאָך האלבער נאכט. אין דרויסן איז פינצטער, שטיל און סומנע. אפאָר מינוט גייט אדורך און דאָס אויג געוויינט זיך צו צו דער פינצטערקייט. ביז א ווינקל גייען מיר צוזאַמען. דערנאָך צעטיילן מיר זיך, איך בלייב אליין.

געבליבן אליין, ערשט עפּעס שאַרט זיך מיר ביי די פיס מיט א שטילן מיאַו — שיינע-סאָשע!... עס איז איר אין שטוב אומעטיק געוואָרן. אלע שלאָפן. האָט זי זיך אין מיר דערמאָנט און ביים לעצטן פארמאַכן די טיר פון שטוב ארויס און אוועק מיטן וועג צום בית-מדרש, מיך אָפּוואַרטן אין דער קאלטער נאכט און פירן מיך אהיים.

נעמט מיך ארום א מאָדנע היימלעכקייט, גייען מיר צו-זאַמען, זי פאָראויס און קוקט זיך אום אלע ווײַלע מיט געטריי-שאַפט, זי זאָל מיך נישט פארלירן.

אויפן וועג טרעפט מען זיך מיט לייזער דעם וועכטער.

קערט ער זיך אום אונז צו באַגלייטן. גייען מיר זיך אין דרייען. הערט זיך צוויי פּאָר שיך סקריפּען אין דער קאַלטער נאַכט — שיינע-סאָשע גייט שטיל.

לייזער דערציילט מיר אַ מעשה פון די שרעקעדיקע, נאַכט-מעשיות. אים האָט דאָס דערציילט אַ גוי. און דעם גוי האָט דאָס דערציילט נאָך אַ גוי און מיט יענעם גוי אַליין האָט דאָס געטראָפן. הער איך מיך איין אין דער מעשה און אַ שרעק ווי אַ לייכט ווינטל גייט מיר דורך איבערן לייב.

ערגעץ בילט אַ הונט און שטילט איין.

פון ערגעץ אַ הויז קומט אַ פאַרדומפּענער קריי פון אַ האָן. אַ צווייטער ענטפערט אים און ביידע שטילן איין.

פון אַ וויטן פענצטער לייכט זיך די שיין פון אַ לעמפּל און פאַרגרעסערט די סומנעקייט—ביז מ׳קומט צו צו דער שטוב.

עפן איך די טיר. שיינע-סאָשע גייט פאָראויס און פירט מיך גלייך צו דער הרובע, ווו עס איז פאַר מיר אָפּגעשטעלט מיין וועטשערע! אַ שטיקל פלייש מיט אַביסל קרופּניק, גרויפּן און בעבלעך.

צום טיש גייען מיר צוזאַמען. טונק איך איין אַ שטיקל ברויט, זוך אויף אַ ווייך ביינדל און גיב איר פון האַנט. הערט זיך איבער דער שטוב אונזער ביידנס קייען. די גאַנצע שטוב שלאָפט.

ווערט זי מיר מאָדנע היימיש און טייער. דאָס איינציקע באַשעפעניש, וואָס וואַכט מיט מיר אין דער נאַכט.

שווימט אַרויף אויפן געדאַנק דאָס פאַרגאַנגענע. הייבט זיך אָן דאָס פריערדיקע, קינדערשע אַרומוועבן אַרום הערצן מיט ווייכע וואַרעמע פעדים — אָט ווי נעכטן, אַז איך האָב זי געבראַכט אין שטוב אַריין. „וזכרתי לך חסד נעוריך״—פּלאָנטערט זיך מיר אַ פּסוק. נעם איך זי אויפן שויס און גלעט זי אַזוי ווייך און גלאַט און וואַרעם, און בלאָז איר אין אויער אַריין און פרעג זי ווי אַמאָל:

— שיינע-סאָשע, ווילסטו נאַשן?

— ניין, און ניין! — ענטפערט זי.

דערנאָך רעד איך צו איר ווי צו אַ גלייכן:

— שיינע-סאָשע, אפשר ווייסטו, פאַרוואָס שלאָפט זיך נישט אין די נעכט? און פאַרוואָס פּלאָנטערן זיך אין קאָפּ אַזוינע מאָדנע געדאַנקען, וואָס קיין בעל-ביתישער בחור ווייסט נישט פון זיי?...

דערמאָן איך זיך, אַז איך האַלט אַ קאַץ. לאָז איך זי אַראָפּ, וואַש די הענט און בענטש נאָכן עסן.

נאָכן בענטשן זעץ איך מיך צו מאַכן אַפּאָר „זאַדאַטשעס" פון מאַלינינען. אין שטוב איז שטיל. עס הערט זיך דאָס שנאָרכן פון די בעטן אַרויס און מאַכט גרעסער די שטילקייט. שיינע-סאָשע זיצט מיר אַנטקעגן. אַרומגעלעקט די פּיס און אָפּגעוואַשן די וואָנצן פון נאָכן עסן, קוקט זי זיך צו צו דעם, וואָס איך טו.

קוקט זי מיט פאַרשטאַנד, מיט ליבע, מרוקעט אין דער שטיל און שווייגט.

שווייגן מיר ביידע.

IX

אַ טומלדיקער פאַר-פסח, — צירעלעס אויסשטייער, דער סדר, אויס שיינע-סאַשע...

איך ווייס נישט, צי נאָך ביי עמעצן אין שטוב איז געווען אַזאַ טומל און אַזעלכע הכנות צו פסח, ווי ביי אונז.

וואָס רעדט איר, צירעלע איז דאָך דעם ווינטער אַ כלה געוואָרן. דער שידוך איז פון דער פרעמד. שבת נאָך שבועות דאַרף זיין די חתונה. און כדי מען זאָל נישט דאַרפן נייען אין ספירה, גרייט מען צו דעם גאַנצן אויסשטייער ביז פסח.

אָנגעהויבן האָט מען דאָס אַסך פריער. איך האָב גאָר־נישט געוווסט און אין קאַסטן איז שוין געלעגן דריי פערטל אויסשטייער: איינגשיטן, האַרט ווי בלעך, און ציכלעך מיט אַריינ־געשטעלטע סטאַוועס, האַנטעכער, אויסגענייט מיט רויטן ביינוואָל „ווילקאָם" אין דייטש און „כליעב-סאָל" אין רוסיש. ווי קומט צירעלע צו דייטש מיט רוסיש, ווייס איך נישט. אַ סערוועט, וואָס זי האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן נאָך איידער דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן. פון פראָסטע פלאַקסענע פעדעם מיט רויטע רעדער און בלאָע קוואַדראַטן פון וולִיטשקע אינמיטן, — איך האָב עפעס אַ חשד, אַז דאָרטן איז דאָ שעטנז, — פיר קישנס, אויסער דאָס, וואָס מען האָט ביים טאַטן אין וועג אָפּגעגנבעט,

צוויי פּערענעס — איינע פֿאַן אונטערשטע און איינע פֿאַן אויבערשטע.

איצט האָט מען נאָר גענייט, גענייט קליידער, אַ חופּה־קלייד און אַ מאָרגן־קלייד און אַ קלייד צום שול־פירן און אַ מאַנטעלע אויף זומער און אַ רעטאָנדע אויף ווינטער, אונטער־געשלאָגן מיט קעץ.

און אויסער דעם אַלעמען האָט מען געריייניקט די שטוב און זיך געגרייט אויף יום־טוב. צו די צווייטע טעג איז דער חתן געוועזן פֿאַרבעטן צו אונז.

ווער עס איז דעם ערב־פּסח געשטאַנען אין קראָם, ווייס איך נישט. צירעלע איז אַרומגעלאָפֿן און געטומלט און גע־שמאַיעט. פֿון דער שניידערקע צום שניידער און פֿון שניידער צו טילען — אירע אַ חברטע, וואָס האָט ביי איר געהאַט די גאַנצע דעה — און פֿון טילען צו אַ יונג ווייבל נאָך דער חתונה, אָנקוקן איר מאָרגן־קלייד. און צוריק צום שניידער. מיט אַלעמען זיך געשאַפֿן און אויף אַלעמען געשריגן. גצווען בייז, נישט צוצוטרעטן צו איר. און פּלוצלינג זיך צעוויינט:

— זי זאָל אַזוי דערלעבן גיין צו דער חופּה, ווי מען וועט דאָס מאָרגן־קלייד נישט קענען אָנטאָן.

— אפשר וואָלסטו צוגעגאַנגען צו טויבע גרשונס אַ קוק טאָן ווי ביי איר איז גענייט דאָס קלייד? — זאָגט די מאַמע.

— נישט דערלעבן וועט זי, אַז איך זאָל גיין צו איר.

די מאַמע פֿאַרמאַכט אַלע ווײַלע „אויף אַ מינוט” די קראָם, לויפֿט ערגעץ צו, און איז שוין צוריק. און די גאַנצע אַרבעט אין שטוב — רוימען און קאָכן און שייערן און וואַשן און אַריינברענגען דעם פּסח איז אויף רבקהלען.

יאָ, איך האָב פֿאַרגעסן, מען נייט איר אויך אַ קלייד אויף דער חתונה. אַ וואָלנס. דאָס ערשטע וואָלענע קלייד זינט זי לעבט. אין פֿאַרזאָגט דער שניידערקע, אַז עס זאָל נישט זיין שענער פֿון דער כּלהס, כּדי די כּלה נישט צו פֿאַרשעמען. די לעצטע צייט איז אין רבקהלעס ליכטיק פּנים נישט אַריינצוקוקן. אסתּר המלכּהס חן.

מיך האָט מען אויך נישט פאַרגעסן, מען נייט מיר אַ גאַרניטורל פון אַ געוואַנטל. לאַנגע האָלבע הויזן מיט אַ קאַמע-זויל. אַ רעקל מיט אַ קליין שפּעלטל פון הינטן. אויף דעם גיט אַכטונג די מאַמע. מען האָט מיר שוין צוויי מאָל אָנגע-מאָסטן און צוגעוואונטשן, מען זאָל דערלעבן מיר נייען חתונה-קליידער. נאָר מיט אַ גרינגער האַרץ, אַז דער טאַטע זאָל זיין דערביי. ביי דער מאַמען שטייען שוין טרערן אין די אויגן.

פאַר טשוילען האָט די מאַמע אָפּגעשניטן אַ קאָרטענעם גאַרניטורל אין קעסטלעך און געלאָזט אים נייען מיט האָלבע הויזן — דעם ווינטער איז ער שוין אַרויס פון שפּענצער.

דאָס אַלץ איז לכבוד יום-טוב. נאָר דער מיין איז, אַז עס זאָל שוין זיין אויף דער חתונה.

מיר, פון אונזער זייט, גרייטן זיך צו אַ סיום. דער סיום זאָל זיין ערב-פּסח. און איילן זיך צו. עס פעלט נאָך אונז עטלעכע דף גמרא, און מען דאַרף צוגרייטן אַ „הדרן", אַז למדנים זאָלן נתפּעל ווערן.

אַלע זענען פאַרנומען. זעלטן ווען מען קען זיך צונויפ-רעדן. און אַז מען דאַרף עפּעס האָבן, שיקט מען דורך טשוילען. טשוילע איז דער שליח. לויפט ער מיט די קרומע פיס פון שטוב אין קראָם און פון קראָם אין בית-מדרש. און פון בית-מדרש צום שניידער. און פון שניידער צו טילען און צוריק אין שטוב.

— לויף שנעל און זאָג מאירלען, אַז ער זאָל גיין אָנ-מעסטן דעם גאַרניטור.

— כאַפּ זיך צו צום שוסטער און זאָג אים, אַז אַלעמענס שיך זאָלן זיין אויף שבת.

— גיי פרעג די מאַמען, וואָס זאָל איך אַריינלייגן אין די בוריקעס.

— וויי איז מיר, ווי אין טויט פאַרגעסן. לויף און פרעג דעם שניידער, צי האָט ער כשרן פאָדעם פאַר מאירלס גאַרני-טור. ער דאַרף דאָך שטיין ביי דער ריינקייט.

— זאָג דער מאַמען, אַז איך דאַרף אַ לעקעך צום סיום.

— שנעל, אויף איין פוס. כאַפּ און לויף און טראָג אַוועק צו דער נייטערקע די סטאַוועקע אין די העמדער.

— גיב אַ שפרונג צו טילען און זאָג צירעלען. אַז זי זאָל שוין גיין אַהיים.

און אַזוי הין און צוריק, הין און צוריק קאַטשעט זיך טשוילע אויף די קרומע פיס. טראָגט אַוועק, גיט איבער און ברענגט תשובה.

אַ טומלדיקער ערב-פּסח. נאָר עס איז נישטאָ אַ זאַך, וואָס מען קומט נישט איבער. און אָט איז שוין ערב יום-טוב.

דער יום-טוב איז שוין אַריינגענומען: די מצה אין באָדניע, די בוריקעס אין ווינקל און די קליידער אין שאַפע. דער טומל איז גרויס, רבקהלע האָט נאָך אינדערפרי, אַ וויש-טוענדיק די נאָז, מיט עפּעס דאָס פּנים איינגעשמירט, און האָט דעם גאַנצן טאָג קיין צייט נישט עס אָפּצוווישן. אָבער עס גייט שוין צו ענדע, ווי אַ גרויסע שרפה, וואָס האַלט שוין אין אָפּשאַכנען. איך האָב נאָך אינדערפרי ביים סיום פאַרזוכט פון דער „פּסחוווקע" און בין דעם גאַנצן טאָג יום-טובדיק אויפגעלייגט...

*

שוין דאָס צווייטע יאָר, אַז איך פּראַווע אַליין דעם סדר. און איך פיר אים מיט ווירדע, מיט אַ ברייטקייט, אויפן טאַטנס שטייגער. צוערשט דער קידוש „זמן חרותנו" מיט אַ הויכן יום-טובדיקן ניגון. דערנאָך שטעלט זיך אויף טשוילע און מאַכט אויך קידוש. ביידע מאַכן מיר פון דער הגדה אַרויס. טרינקען אַלע אָפּ פון דעם ערשטן כוס און די מאַמע דערגיסט די כוסות.

„הא לחמא עניא" הויב איך אויף די דריי מצה-שמורהס, וואָס זענען צוגעדעקט מיט אַ שיין אויסגענייט טישטעכל, מיט אַן אויפשריפט „הא לחמא עניא", צירעלעס אַרבעט — הויך איבערן קאָפּ.

טשוילע פרעגט די קשיות. פריער הוסט ער אָפּ. דערנאָך הייבט ער אָן: „מאירל, איך וועל דיך פרעגן פיר קשיות", און קוקט צו מיר אַרויף אויף דעם היסב-בעט — אין וועלכער איך

בין אַריינגעזונקען איינגאַנצן אין די פּוכענע קישנס — ווי צו אַ קליינעם טאַטן.

און ערשט הייבט זיך אָן די הגדה, ברייט, מיט אַ ניגון, דעם טאַטנס ניגון. אַלע האַלטן די הגדות אין די הענט און זאָגן מיר נאָך. דער אָנהייב מיט אַ שטאַרקן רויקן טעמפּאָ, ווי פאַרטייטשט יעדעס וואָרט. ביז „מעשה ברב גמליאל״. דאָרט ווערט געביטן דער ניגון. אַזוי איז זיך נוהג דער טאַטע.

ווען מען דערמאָנט זיך אָן טאַטן, וואָס איז פאַרוואָגלט אין דער פרעמד, גייט דורך אַ טרויער איבער דער שטוב און מישט זיך אַריין אין ניגון. ביז „וירעו לנו המצריים״ האַלט זיך די מאַמע איין. דערנאָך ברעכט זי אויס אין אַ געוויין, אַז מען קען זי קוים איינשטילן. זי כליפּעט הויך און טענהט ווי פון אַ תחינה אַרויס און פרעגט נייע קשיות:

— פאַרוואָס, פאַרווען, פאַר וועלכע זינד? פאַרוואָס האָט אונז גאָט אַזוי געשטראָפט, אַז קינדער זאָלן דעם טאַטן צום סדר נישט האָבן? און אַ טאַטע זאָל זיין ערשט קינד צו דער חופה נישט פירן?

באַרויקט מען זיך און מען זאָגט ווייטער. צו „לפיכך״ שטעל איך מיך אויף און זאָג מיר הויך אויף אַ קול ווי אַ חזן ביים עמוד. לאַנגזאַם באַטאָנט: ל-פי-כ-ך א-נ-ח-נו חיי-ב-ים... אַזוי פלעגט זאָגן דער טאַטע.

צווישן קאַפּיטל און קאַפּיטל איז מען מפסיק און מען רעדט פון טאַטן. ווו זיצט ער ערשט ביים סדר? ווי פילט ער זיך ביים פרעמדן טיש? און וואָס קלערט ער ערשט וועגן אונז?

און אַזוי מישט ער זיך ביי אונז אין דער הגדה: טאַטע און יציאת-מצרים, יציאת-מצרים און טאַטע. געפלאָכטן איינס אין אַנדערן. ביז איבער „גאל ישראל״.

„רחצה״, ערשט וואַשט מען די הענט און מען זאָגט „שאו ידיכם״ — רופט הויך אויס טשוליק. ברענגט מיר די מאַמע צום הסב-בעט אַ קוואָרט וואַסער מיט אַ שיסל. רבקהלע טראָגט נאָך דאָס האַנטעך. דערנאָך מאַך איך מיר הויך „המוציא״ און „אכילת מצה״ און טייל איין יעדן אַ „שיעור כזית״ פון דער

„מצה שמורה". און נאָך דעם „מרור" און „כּורך", ווי דער דין, קומט „שולחן עורך".

דאָס ערשטע געריכט איז אַ צעריבן איי אין קאַלט וואַסער מיט זאַלץ — דאָס איי פון קרבן-פּסח. אַזוי איז דעם טאַטנס שטייגער. דערנאָך קומען די פיש. איך קריג דעם קאָפּ, ווייל איך בין דער עלטסטער מאַנסביל אין שטוב און בין אַלצמען מוציא מיט מײַן ברכה.

נאָר ווען איך האָב אָנגעהויבן צו עסן די פיש, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז עפּעס פעלט ביים טיש. די ערשטע מינוט האָב איך זיך נישט געקענט אָפּשטעלן אויף דעם, וואָס פעלט. אָבער באַלד האָב איך זיך געכאַפּט:

— שיינע-סאָשע! ווו איז שיינע-סאָשע?

די מאַמע רייסט אויך איבער דאָס עסן און פרעגט: קינדער, ווער האָט געזען שיינע-סאָשען?

רבקה מיט טשוילען קוקן זיך איבער און אין אַ מינוט ווערן זיי ביידע בלייך, שפּרינגען אויף פון טיש, כאַפּן מיט זיך דאָס לעמפּל פון קיך און לויפן אַרויס אין פאָרהויז. און באַלד טראָגט זיך פון דאָרטן אַ געשריי, רבקהלעס קול:

— מאַמע!! מאַמע!!... און מיר אַלע נאָך זיי.

און דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ מאָדנע שרעקלעך בילד דערזען. שיינע-סאָשע איז געהאָנגען אויף אַ שטריקל פון בוידעם אַראָפּ. דאָס רויטע צינגל אין דרויסן. מאָדנע לאַנג, אויסגעצויגן און לאַנג.

מיט איין שפּרונג איז טשוילע געווען אויפן בוידעם און האָט דאָס שטריקל אום יום-טוב מיט אַ מעסער איבערגעשניטן. זי איז אַ טויטע אויף דער ערד אַראָפּגעפאַלן און געבליבן ליגן פאַר אונזערע פיס.

דערקלערט האָט זיך דאָס אַזוי: אינדערפרי, ווען דער גאַנצער פּסח איז שוין געווען אין שטוב אַריינגענומען, האָט רבקהלע מורא געקריגן, טאָמער וועט שיינע-סאָשע פון ערגעץ פאַרשלעפּן חמץ. האָט זי זיך מיישב געווען מיט טשוילען — טשוילע דער בעל-יועץ! — און עס איז געבליבן ביי זיי ביידע

אַז מען זאָל זי צובינדן מיט אַ שטריקל אויפן בוידעם ביזן סדר.

פאַרן סדר האָט מען פאַרגעסן. און ווען זי האָט אויבן אויפן בוידעם דערפילט, אַז מען איז שוין דאָ פון שול און מען קלייבט זיך צום טיש, האָט זי געוואָלט אַראָפּשפּרינגען — געשפּרונגען און זיך אויפגעהאָנגען אויף דעם שטריקל.

אַלע זענען טויט שטיל געווען. און געקוקט אויף איר מיט אַ ווייטיק אין הארצן און פולע אויגן מיט טרערן.

לאַנג זענען מיר אַזוי געשטאַנען. מיך האָט דאָס אַרום הארצן ווי מיט אַ רייף אַרומגעקלאַמערט.

— שיינע-סאָשע! !... שיינע-סאָשע! !... ווער האָט זיך דאָס געקענט ריכטן? ווער?...

און אין דער מינוט איז די גאַנצע פריקע יוגנט מיינע פאַר מיינע אויגן אַדורך.

זי איז טויט געווען, און טויט געלעגן פאַר מיינע פיס.

וואַרשע 1911 — ירושלים, בית־הכרם 1928

אַ בּ ה מ ה

דאָס גאַנצע האַלטן זיך אויף די פּיס פון וועלוול אסתר-ביילעס (געווען אַמאָל אַ יוסטער בעל-הבית) איז די בהמה. וואָרים ער זאָל זיך פאַרלאָזן אויף זיינע פאַרדינסטן, וואָלט ער אַ שיין פּנים געהאַט. די קינדער וואָלטן אַפילו פאַרגעסן דעם טעם פון געקעכטס, נאָר אַז עס איז דאָ אַ בהמה אין שטוב, איז קיין סכנה נישט: מען קומט אַדורך! עס איז דאָ אַ טראָפּן מילך אויף פאַרווייסן דעם קרופּניק, אַ לעק סמע־טענע צו באַלעקן אַ שטיקל ברויט, אַ מאָן פוטער, אַ לעפל זויערמילך. מ'פאַרשטאָפּט אַ קינד דאָס מויל, עס איז דאָ אַליין מיט וואָס דעם הונגער צו פאַרטרייבן, עס לייזט זיך אַפּאָר גראָשן, די שטוב איז נישט פּוסט. עס איז אַ שטיקל מזל-ברכה אין שטוב.

מען איז ביי זיך עפּעס פעסטער, מוטיקער, נישט אַזוי דערשלאָגן. מען פילט, אַז עס שטייט אַ בהמה אין שטאַל. עס הערט זיך דאָס עטעמען פון שטאַל אַרויס, דאָס מעלה-גרה זיין — עס גייט אַדורך אַ וואַרעמקייט איבערן לייב. עס ווערט עפּעס אַזוי ווייך אויפן האַרצן. די שטאַל איז נישט ליידיק. עס איז דאָ אַ לעבעדיקע זאַך, פאַר וועלכע מ'מוז זאָרגן, אין זין האָבן צו געבן צו דער צייט דעם צעבער, אַ הויפן היי, אַ טרונק וואַסער, — און זי איז דאַנקבאַר, לאָזט זיך מעלקן אינדערפרי און אויף דער נאַכט, גיט גוטע געדיכטע מילך, און וועט אויך אָנשטיין איבער ווינטער מיסט פאַר אַ צען-פופצן רובל, וועלכע וועלן זיין פאַר פסח ווי געוווּנטשן...

*

כּמעט שטענדיק האָט ער די שענסטע בהמה אין גאַס,
די גרעסטע מילך-געבערין אין שטאָט. שכנות פאַרגינען נישט:
ס'אַראַ מזל! קויפט אַ פּגירה -- ביים אים ווערט דאָס אַ לייט!

אין שטאָט זאָגט מען, אַז ער האָט עפּעס אַ מין שפּריכ-וואָרט אָדער אַ פּסוק צו די בהמות. ווען ער קויפט, זאָגט ער דאָס אָפּ, הייבן זיי אָן גיסן מיט מילך, פאַרקויפט ער זיי, נעמט ער דאָס צו, און עס ווערט אַ פּראָסטע בהמה ווי געוועזן.

אויף זיין גאַנצער באַנעמונג ליגט אויסגעגאָסן אַ מין גאַווה, אַ שטאָלצע צופרידנקייט: „איר ווייסט? איך בין אַ בעל-הבית... אַן אייגענע בהמה... די שענסטע אין שטאָט"... עס פאַרדריסט אים שטענדיק, פאַרוואָס די וועלט האָט אָנגענו-מען פאַר יחסנים די וואָס האָבן הייזער. „וואָס האָט מען פון אַ שטוב? – טענהט ער שטענדיק, – טאָמער לאָזט מען אַריין אַ שכן אין אַן אַלקער, דאַרף מען זיין ביי אים אַ דינסט, היינט נאַלאָגן? פּלאַצאָוועָ? און נאָך זאַכן... עס קאָסט באַלד זיך אַליין דירה-געלט".

פון אַ גאָרטן האַלט ער יאָ – דאָ האַנדלט זיך מיט גאָט: אָט נעכטן אויסגעקליבן אַלע אוגערקעס, און אינדערפרי – ס'איז ווייטער דאָ! מען גרייט אָן אויף ווינטער אַביסל בעבלעך, קאַרטאָפל, אַ בוראַק.

דאָס אַלץ איז אָבער נישט וואָס אַ בהמה, אַ בהמה איז אַ לעבעדיקע געטרייע זאַך, וואָס גיט יעדן טאָג פרישס, און אַז זי וויל, שענקט זי פאַר פּורים אַ קאַלב, פאַר וועלכע שמחה דער קצב וועט געבן עטלעכע רובל, די לונג-און-לעבער און די פיסלעך -- אויף שבת.

און אין שטוב אַליין ווי איז מען אָן אַ בהמה? וואָס טוט מען מיט שאָלעכץ פון אַ קאַרטאָפל, – גיין פאַרקויפן? ער וואָלט די חרפה נישט איבערגעטראָגן! און וואָס טוט מען אַליין אַ גאַנצן טאָג, אַז עס איז קיין בהמה נישטאָ. מ'קאָן דאָך משוגע ווערן.

*

אין די שטילע לאַנגע ווינטער-נעכט שטייט מען אויף א שטיק פאַרטאָג, צינדט מען אָן דאָס קליין פאַררייכערט לעמפּל, עס נעמט זיך אַרויס פון תפילין-זאַק אַ ספר, — די האַנט אַליין נעמט אַרויס, קיינער הייסט איר נישט, זי אַליין ווייסט. עס עפנט זיך אויף וווּ עס איז, אַבי ווו. מ׳הייבט אָן עפּעס צו זאָגן. טרערן שטייען שוין גרייט, ווי זיי וואָלטן וויסן, אַז איצט איז זייער צייט. עס ווערט אומעטיק אויפן האַרצן. דער בית-המקדש איז חרוב געוואָרן. מיר זענען אין גלות פאַרטריבן, צו שאַנד און שפּאָט, גאָטס תורה ווערט פאַרגעסן... און אַ שרעק, אַ שוידער גייט אַדורך איבערן לייב. עס זעט אויס, אַז מ׳בלאָנ־קעט אַליין אין דער ברייטער וועלט, אין אַ פינצטערע — שטאָק־פינצטערע נאַכט... קיינער איז נישטאָ, אַלע זענען אויסגעשטאָרבן... עס הערשט אַ טויב-שטומע שטילקייט, און דאָס לעמפּל איז אַ יאָרצייט אויף דער גרויסער אָפּגעשטאָרבענער וועלט... עס פאַרדריסט, פאַרוואָס מ׳איז אַליין, פאַרוואָס אַלע שלאָפן. מען הויבט אָן זיך שרעקן פאַר דעם פייערל, וואָס צאַנקט,—פאַר די לאַנגע גרויסע שאָטנס, וואָס טאַנצן אויף די ווענט...

און אַז ס׳דערהערט זיך פלוצלינג פון שטי־ל אַרויס אַ „מו-מו!״ פון דער בהמה, ווערט מיטאַמאָל אַלץ צעשלאָגן ווי זי וואָלט טרייסטן: „זאָרג נישט! עס הייבט באַלד אָן צו טאָגן! איך בין אַ יידישע בהמה! איך גיי מיט אייך אין גלות, נאַריש־קייטן! עס ווערט נאַכט און עס ווערט טאָג... נאָך פינצטער קומט ליכטיק... דער עולם וועט אויפשטיין און וועסט נישט בלייבן אַליין״...

ווערט עפּעס גרינגער אויפן האַרצן. מען איז צופרידן, וואָס עס איז דאָ נאָך אַ נפש, וועלכע שלאָפט נישט, וועלכע הערט זיך איין אין דער טויב-שטומער נאַכט. מען איז נישט אַליין. זי גייט מיט, מען שטופּט אַדורך—אַבי ווייטער. וואָס איז דאָס לעבן?

— — — — — — — — — — — — — — —

*

ער רינגלט זי אַרום מיט אַזאַ ליבע און טריישאַפט, ווי דאָס וואָלט געווען דאָס טייערסטע באַשעפעניש אויף דער וועלט. אויף זיין פּנים ליגט שטענדיק אויסגעגאָסן אַן אומרויקייט, אַ פאַרזאָרגטקייט, ווי ער וואָלט זיך בעטן: „האַלט מיך נישט אָפּ! לאָזט מיך גיין! איך האָב אַ בהמה אינדערהיים!"

און ביז ער קומט אַהיים באַאומרויקט ער זיך, ווי אַ מאַמע, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ קליין קינד אַליין: ווער ווייסט, צי דאָס ווייַנט נישט? אפשר איז דאָס אַרויסגעפאַלן, געהרגעט געוואָרן, חלילה. זי גיט אַ ציטער, שרעקט זיך פאַרן געדאַנק, וויל דאָס פאַרן מויל נישט ברענגען, ביז זי קומט אין שטוב. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ כאַפּט זי זיך אַריבער דער שוועל — אַלץ איז אין אָרדענונג! עס צעגיסט זיך אַ שמייכל אויף די ליפּן:

„דאַנקען גאָט! געלויבט איז זיין נאָמען! איך האָב צו אים קיין טענות נישט!"

עסן גיט ער איר אַליין אין אַ באַשטימטע צייט. פּונקט ווי דאַוונען, להבדיל, לייגן טלית און תפילין יעדן טאָג. ער וואַשט זיך נישט צום עסן, ביז זי האָט געקריגן. ער פאַר־לאָזט זיך נישט אויף קיינעם. אים זעט אויס, אַז קיינער ווייסט נישט, ווי מ׳גייט לעבן אַ בהמה, ווי מ׳גיט איר עסן... זיי קאָנען זי איבערפירן, הרגענען, פאַרסמען...

עס טרעפט כמעט נישט, ער זאָל אָפּפאָרן פון דער היים. טאָמער דאַרף ער ווו פאָרן, זאָגט ער זיך אָפּ:

„איך בין אַ מענטש אַ פאַרנומענער, איך האָב אַ בהמה, און איך מוז זיין אינדערהיים. איך קאָן זיך אויף קיינעם נישט פאַרלאָזן. איך ווייס נישט: לייט קענען, איך קען נישט"...

*

שבת-צונאַכטס נאָך הבדלה, באַלד ווי דער ליבער שבת-קודש גייט אַוועק, זאָרגט ער: מאָרגן איז אַ מאַרק-טאָג; מ׳דאַרף אַפּאָר גילדן צוגרייטן, אויפשטיין פרי און זען עפּעס צו קויפן...

און זונטיק שטייט ער אויף פאַרטאָגס, דאַוונט אָפּ כּעלות און לאָזט זיך אַוועק הינטערן שטאָט; פּאַקט אַ פּויער מיט אַ גוט בינטל היי, אַ זעקל האָבערגע פּלעווועס (זי איז צעבאַלעוועט, קיין אַנדערע ,עסט זי נישט), פירט אים אַהיים (הינטער דער שטאָט וויל דער פּויער נישט פאַרקויפן), גייט לעבן אים אַזוי פאָרזיכטיק, ווי ער וואָלט געווען פון גלאָז. דאָס האַרץ קלאַפּט אים. ער וואַרפט אומרויִקע בליקן, בעט זיך מיטן קוק: טשע-פּעט נישט! מאַכט נישט קאַליע! אַנישט דאַרף איך דאָס פאַר זיך?.. ביי מיר שטייט דאָך אַ בהמה אין שטאַל!...

יעדער פילט, אַז מ׳דאַרף נישט „קאַליע מאַכן”. מ׳נעמט אַ נפש אויפן געוויסן, — ביי יענעם שטייט אַ בהמה אין שטאַל... מ׳גייט צו, מ׳וואַרפט אַריין אַ וואָרט פון זיין טובה וועגן, אַ וואָרט גלאַט אין דער וועלט אַריין:

„טפו!... אַזאַ בינטל היי קויפסטו? די בהמה וועט דאָך דאָס נישט פאַרזוכן!”

דער פּויער קראַצט זיך, קריכט אַריין מיט ביידע הענט אין פּאָטיליצע... אַהין-אַהער און דאָס בינטל היי בלייבט פאַר אים. און ער איז צופרידן.

*

אַז עס קומט ווינטער-צייט, מ׳דאַרף אַ גאַנצע פור היי קויפן, עס קלויבן זיך אָן עטלעכע רובל דערצו, גייט ער אויף דעם אַוועק דעם גאַנצן טאָג. ער באַקוקט, שמעקט, ציילט די בלעטלעך, וואָס געפינען זיך אין דעם היי, צענעמט אויף איינ-ציקע. פרעגט מבינים: „וועלכע איז פיליכט אומגעזונד?” פּונקט

ווי ער וואָלט אַ בעלן געווען די גאַנצע פור היי אַדורכקלייבן און דאָס וואָס טויג נישט אַרויסוואַרפן. נעמט פון יעדער פור אַ הייפל, טראָגט אַהיים, זי זאָל פאַרזוכן.

און נאָכדעם ווי זי האָט פאַרזוכט, לעקט זי אים די האַנט, קיצלענדיק מיט דער שאָרסקער צונג און מיט אַסך סלונע. עס ווערט אים אַזוי גוט, ווי ער וואָלט פון אַ ליב קינד געקריגן אַ קוש. ער פאַרגעסט זיך און בלייבט שטיין, גלעט איר דעם קאָפּ, די פּלייצע, קראַצט איר דעם שטערן. זי ציט אויס דעם האַלז, שטעלט אָן די אויערן, הערט זיך איין צום גלעטן, גיט זיך נישט קיין ריר און האָט שטאַרק הנאה.

ערשט אויף דער גאַס דערמאָנט ער זיך אָן דעם וואָגן היי. אָן אָטעם לויפט ער צוריק. ווער ווייסט, צי מ'האָט דאָס שוין נישט אויסגעקויפט. לייט לאָזן עפּעס שטיין?

און אַז ער דערווישט עס נאָך, ווערט אים גרינגער אויפן האַרצן. ער באַצאָלט און הייסט פירן אַהיים, נאָר נישט לויפן — עס זאָל זיך נישט פאַרטרושען. אויפן וועג לאָזט ער זיך פון קיינעם נישט אָפּשטעלן. שמייכלט, ווי ער וואָלט זאָגן: „ווי געפעלט אייך? אמת, אַז וועלוול אסתר־ביילעס האָט אַ אַ שיינע פור היי איינגעהאַנדלט?"

ביז פאַרנאַכט פאָרעט ער זיך אין שטאַל אויפן בוידעם. לייגט בעסער איין, קלויבט צוזאַמען מיט אַ צופרידנקייט: אָפּגע־טאָן אַ אַרבעט!...

אַז עס ווערט שוין גוט טונקל, גייט ער דאַווענען מנחה. אינגאַנצן איז ער רויט, פאַרשוויצט, פאַרפּלאָנטערט, ווי מ'וואָלט אים מיט עפּעס דאָס פּנים אויסגעשמיסן. זעצט זיך צו פאַר־מאַטערט הינטער דער בימה, ווי ער וואָלט זיך שעמען פאַר דעם מקום־קדוש צו ווייזן מיט אַזאַ גוייִש פּנים.

אַלע לייענען ביי אים אויפן פּנים: „איך האָב היינט אַוועקגעלייגט אַ שיינע פור היי".

עס פרעגט ווער אַ פּרייז. איינער זאָגט מבינות: ער האָט דורך דעם פענצטער געזען אַ שיינע פור היי, אים דאַכט זיך, אַז דאָס איז סאָד־היי.

חיים דער קרעמער זאָגט, אַז ער דערקענט אַפילו אין דעם היי פון וואָסער קאַנט עס איז.

עס באַמערקט זיך אַ קנאה: „אַ מזל! אַ ייד האָט אַ שיינע בהמה — מאַכט זיך אים פונקט אַ גוטע פור היי צו קויפן!"...

אַז עס גייט — גייט מיט אַלעמען..."

*

זומער פּאַרנאַכט, ווען זי דאַרף קומען פון פעלד, גייט ער איר אַנטקעגן מקבל-פּנים זיין, קוקט זי אַרום פון אַלע זייטן, צי זי האָט נישט געקריגן ערגעץ אַ קלאַפּ, חלילה, ווי זי האָט זיך אויסגעגעסן. גלעט איר דעם רוקן, ביז זיי קומען צו צו דער שטוב. פאַר דער טיר טראָגט מען איר אַרויס וואָס עס איז דאָ, וואָס גאָט האָט געגעבן: אַביסל שאָלעכץ פון קאַרטאָפל, אַביסל גראָז, זיליע (דאָס רייסט ער אַליין פאַר איר. אַז דאָס ווייב האָט צייט, העלפט זי אים צו. פרייטיק נאָכמי-טאָג העלפן די חדר-יינגלעך — עס דאַרף זיין אויף צוויי טעג), אַ מין ווילקאָם: „נאַ! ווייס, אַז דו ביסט ביי אונז אַן אָנגע-לייגטער גאַסט!"...

זי, פון איר זייט, איז אַפילו נישט הונגעריק, נאָר זי וויל ווייזן, אַז אויף אַזויפיל האָט זי שוין איידלקייט, און זי געניסט...

דאָס ווייב איז אין כעס, זי זאָגט, אַז ער צעבאַלעוועט איר די בהמות, געוויינט זיי איין אונטערן נאָז. טאָמער איז אַמאָל נישטאָ וואָס צו געבן, לאָזט זי זיך נישט מעלקן...

ער שמייכלט, עס טוט אים הנאה, ווי מ'וואָלט רעדן פון זיינס אַ יינגל — אַ קונדאָס, אַ שטיפער, אַן אייזערנער קאָפּ, עסט אויס דעם רבין די גאַל און ווייסט דעם שיעור בעסער פאַר אַלע...

— ס'אַ דאגה, — זאָגט ער, — זאָל זי נאָר געזונט זיין, איך וועל זי נאָך באַקאָרמענען!

די געלע הון

אַ שטאַרקע שנאה האָט זיך געטראָגן ביי זלמן דעם סטאָליער אין שטוב צו דער געלער הון מיט די ראָבע פליגל, וועלכע לאה-גיטל האָט נאָך מיט אַ יאָר צוריק געקויפט ביי אַ כאַדליינער גוייע פאַר פינף-און-פופציק גראָשן...

לאה-גיטל פלעגט שעלטן דער גוייע מיט טויטע קללות. עס דאַכט איר, אַז זי איז געווען אַן אַלטע קלעמפע: אַ מכשפה אָן ציין, מיט איינגעפאַלענע באַקן, מיט אַ שפּיציקע מאָרדעטשקע...

איז דאָס ביי איר אַ הענטעלע — זי האָט איר געמעגט קירצער ווערן!..

און זלמן דער סטאָליער איז אַ מענטש נישט קיין צו-וואָרפּענער. און אַ גילדן, פופציק גראָשן גייען ביי אים נישט צופוס, — פלעגט ער שווערן אויף יידישקייט, אַז ווען ער זאָל זיך קאָנען מאַכן הארץ, וואָלט ער געכאַפּט אַ לייסט, אַ זעג, אַ האַק, אַ העבל, געוואָרפן דער הון אין קאָפּ, — און פּטור געוואָרן...

אַזאַ שנאה האָט מען געפילט צו איר.

*

און פיינט האָט מען זי געהאַט נאָר דערפאַר, וואָס זי איז געווען אַ מזיק, אַ שווארץ-יאָר, אַ טייוול. מען זאָל אָפּ-געהיט ווערן. די שטוב האָט זי קיינמאָל נישט אָנגעזען. ווער שטוב, וואָס שטוב.

אַז לאה-גיטל האָט זי געבראַכט פון מאַרק, באַלד ווי זי האָט איר געקויפט, — דאָס איז געווען אין אָנהויב זומער, — האָט זי איר אָפּגעבונדן, און, ווי לאה-גיטלס שטייגער איז, אַרומגעגייט אַרום דעם רעכטן פיסל אַ שטיקל רויטן סיץ, אָפּגעפאַרבט אַ פליגל מיט אַ ביסל בלאָעכץ פון גרעט אויף אַ סימן, און אַרומגעדרייט זיבן מאָל אַרום פיסל פון טיש און דערביי געזאָגט:

„אַזוי ווי דער טיש שטייט און רירט זיך נישט פון אָרט — אַזוי זאָלסטו זיין צוגעבונדן צו דער שטוב...״

צעברעקלט פאַר איר אַ שטיקל ברויט און איר אָפּגעלאָזן אַרומגיין איבער דער שטוב. אַפּאָר טעג האָט זי זיך געהאַלטן אין שטוב, דערנאָך האָט עמעצער געעפנט אַ פענצטער, האָט זי זיך געגעבן אַ כאַפּ אַרויס אינדרויסן און פון יענעם טאָג — אַ פרייער פויגל. איז מיט איר פול די גאַנצע וועלט. ווו ערגעץ אַ גאָרטן — צעשאַרט זי די בעבלעך, ציבעלעס, פּיקט-אויס די אוגערקעס. האָט מען שוין אין גאַס זיך אָפּגעריסן אין האַרצן שרייענדיק: „אַ קייש... קייש... קייש...״ אָנגעוווירן די כוחות, זיך אַרומיאָגנדיק מיט איר, נאָכוואַרפנדיק איר אַלע שטיינער, וואָס מ'געפינט פאַרן אויג — ווונשט מען אַ ניכפּה אַזאַ הון און די בעלי-בתים, וואָס האַלטן אַזעלכע הינער...

קומט זי אַמאָל פאַר דער שטוב, זוכט זי אויף אַ ברעקל, כאַפּט אויף, וואָס מ'וואַרפט איר, אַנישט — טרעפט זי אויף דער פריזבע זיצן אַ קינד מיט אַ שיסעלע קרופּניק אָדער אַ שטיקל באַשמירט ברויט אין האַנט — כאַפּט זי אַרויס פון שיסעלע אַ קאַרטאָפל, אַ פּיק פון דעם ברויט, וואָס אין הענטל. דאָס קינד פאַרגייט זיך וויינענדיק — מאַכט געוואַלדן אין הימל אַריין, און זי איז שוין נישטאָ...

ווו זי נעכטיקט האָט קיינער נישט געוווסט. אַלעמאָל אַ ניי אָרט: אַ בוים, אַ פלויט, אַ דאַך, אַ בוידעם...

קיינמאָל האָט מען נישט געקאָנט דערגיין, ווו זי לייגט

זיך, און ווי זי טוט אהין די אייער. אפט געפינט מען אין גארטן שאלעכץ פון אן איי — שניידט ביים הארצן: געוויס האט זי דאס אליין אויסגעטרונקען...

און ווינטער, ווען רואיקע הינער זענען אין שטוב אין דער ווארעם, האבן עסן און טרינקען, לייגן זיך יעדע אויף איר ארט, — גענטיקט זי אינדרויסן ערגעץ, דער טייוול ווייסט, אוו. און אין די גרויסע פרעסט, זאווערוכעס, אז עס איז אן עברה א משוגענעם הונט אין גאס ארויסטרייבן, שפאצירט זי ארום דרייסט אויף דער גליטש — טאפעט זיך אין שניי, ווי נישט איר מיינט מען... קומט אינדערפרי פאר דער שטוב, אדורכגעטלייעטע, מיט אן אפגעפרוירן שווארץ קעמל, ציטערט פאר קעלט, שטעלט זיך פאר דער טיר, — ווארפט מען איר עפעס ארויס, כאפט זי דאס אויף שנעל אויף, ווארגט זיך שלינגענדיק, קוקט בייז און פארזיכטיק ארום זיך, צי קיינער פארגנבעט זיך נישט איר אויפצוכאפן...

נארט מען איר אמאל אריין אין שטוב, הויבט זי זיך אויף איבער די קעפ, פליקט-אראפ א היטל, א טשיפעק; דראפעט-אויס עמעצן אן אויג; כאפט זיך ארויף אויף דער פאליצע, ווארפט-אראפ א טאפ, צטלעכע טעלער; שלאגט אויס אפאר שויבן אין די טאפעלע פענצטער—און זי איז שוין אינדרויסן...

*

אפטמאל, זומער פארנאכט נאך דער ארבעט, פארגלוסט זיך זלמנען אויף א טשיקאוועס איר נאכשפירן, זעען ווו זי נעכטיקט...

זוכט ער זי אויף און הייבט איר אן נאכגיין פוס-טריט, פארגנבעט זיך ערגעץ הינטער א שטאל, זי זאל אים נישט באמערקן, קוקט איר נאך מיט איין אויג פון הינטער דער וואנט.

איז זי אבער א קלוגע זאך — דערפילט זי באלד, אז מ׳גייט איר נאך. הייבט זי זיך אויף און שפרינגט אריבער משה דעם רופאס פלויט און איז שוין אין גארטן. קריכט ער איר נאך אין גארטן, באהאלט זי זיך צווישן

די בייטן. זלמן לאָזט איר נישט אָפּ פון אויג, באַמערקט, ווי עס רוישט דאָס גרינס, און גייט איר אַלץ נאָך. דער טאָג הויבט אָן טונקלען. באַלד איז שוין צייט מנחה דאַוונען. רייבט ער איבער די הענט מיט אַ ביסל זאַמד, זאָגט קטורת, אשרי יושבי — און זי פירט אים גאַס-איין, גאַס-אויס, דורך גערטנער איבער פלויטן, הינטער-געסלעך, שטאַלן, מיסט-קאַסטנס. דערווייל באַמערקט ער שטערן אויף דעם הימל, לאָזט ער איר אָפּ, גיט אַ שפּיי אין איר זייט... לויפט אַוועק אין בית-המדרש דאַוונען מעריב מיט דעם עולם און שטייט אָפּ צוויי שמונה-עשרהס...

*

מאַנכעס מאָל, נאָך אַ גאַנצן אָוונט זוכן, געפינט מען איר זיצן ערגעץ אויף אַ בוידעם אָדער אַ בוים. קריכט אַרויף אַ קונדס און נעמט איר אַראָפּ. זי מאַכט אַזעלכע געוואַלדן איבער דער גאַס אין דער נאַכט אַריין, ווי מ'וואָלט איר גע-הרגעט. אויף איר ווילד געשריי כאַפּט מען זיך אַרויס פון די הייזער נאַקעטע, טויט-איבערגעשראָקענע, און אַז מען דערוווסט זיך, וואָס דאָ איז, בטלט מען אויס צו איר קאָפּ, הענט און פיס, און מען גייט צוריק שלאָפן.

אויפן וועג טראָגן איר אַלע, יעדער לייגט-צו אַ האַנט: „ווייז מיר. ביי דיר וועט זי זיך דאָך אַרויסרייסן. דו ווייסט דאָך נישט, ווי מ'האַלט אַ הון...”

געקומען אין שטוב, פאַרשפּאַרט מען איר אין אַ שטייג, וואָס אונטער דער הרובע, ביז זי דאַרף זיך לייגן...

פאַרן לייגן זעצט מען איר אַרויף אויף דעם בעט, מען לייגט איר אונטער אַ פּאַקלאַד, און מען דעקט איר צו מיט אַ זיפּ — אויף דער זיפּ לייגט מען אַרויף אַ שווערע זאַך: אַ האַק-מעסער, אַ טייטש-חומש, אַ העבל פון ווערקשטאַט. אַלע שטייען און וואַרטן: כאָטש איין איי וויל מען פון איר דערלעבן... דערווייל האַלט זיך ווער נישט איין: עס ווילט זיך אַ קוק טאָן, צי זי האָט זיך שוין געלייגט...

גיט זי זיך אַ כאַפּ־אַרויס פון אונטער דער זיפּ און גלייך צום שויב, און אַלע נאָך איר.

ווערט אַ געלויף:

זלמן, לאה־גיטל, די קינדער, דאָס האַנט־ייִנגל, פרעמדע קינדער פון גאַס לויפן מיט. קומט עמעצער אַנטקעגן, וויל ער איר פאַרהאַלטן, צעשפּרייט ער די הענט, צעמאַכט די פּאָלעס,— שפּרינגט זי אים איבערן קאָפּ אַריבער און לויפט ווייטער...

לויפט מען, מען איז שוין מיד, עס פאַרפעלט אָטעם, אַלע סאָפּען: האַ, האַ, האַ... זי איז ווי שיכּור... די אויגן איבערגעקערט, צעשפּרייט די פליגל, דאָס מויל אָפן, אַרויסגע־שטעלט דאָס צינגל — נישטאָ קיין לופט...

אָט־אָט זעצט זי זיך, אָט פאַלט זי אַנידער, אָט האַלט איר שוין זלמן מיט דער האַנט, אָט שפּאַרט ער איר צו צו דער וואַנט — אַלע קוקן אויף איין פּינטל, אויף די ליפּן ליגט שוין גרייט: „געכאַפּט!“

זי גיט זיך אַ גליטש אַרויס פון האַנט און זלמן ציט זיך אויס אין דער גאַנצער לענג אויף דער ערד...

באַלד איז זי שוין ביים גלחס גאָרטן, אָט כאַפּט זי זיך אַדורך דעם פּלויט, דאָרט בלייבט זי שוין:

דער גלח וואָלט פאַר דעם גאָרטן געממיתט, הינט האָט ער זאבי טרף, און דאָס איי איז פאַרפאַלן...

. . . .

אַסך מאָל קומט מען צו אַ באַשלוס—אַז דאָס איז נישט קיין הון פאַר אַ שטוב, מען וועט איר פאַרקויפן, פּטור ווערן און אַ סוף! איז זי אָבער שטענדיק מאָגער, הויט און ביינער— אַ „שוליאַק“... עס איז נאָך נישט געווען דער פאַל, מען זאָל פאַר איר קאָנען קריגן דעם קרן, — אַ גילדן, פערציק גראָשן וואָלט מען אפשר פאַר איר יאָ געקריגן, איז ביז עס קומט צום פאַרקויפן, גייט דערווייל אַדורך דער כּעס, — ווערט דער חשבון אַנדערש:

„אַ צוגעווויינטע הון... פון דער צענטער גאַס קומט זי

צו דער שטוב, לאָזט זי זיך נישט אויפכאַפּן פון קיינעם...
לייגט זיך אַלע טאָג (אַזוי האָט מען געמיינט)... אָפּגעקאָרמעט
אַ יאָר צייט, און נעם פאַרקויף זי מיט היזק..."

•

אַ טאָג אַכט נאָך פורים נעמט זי פלוצלינג, פון דער העלער הויט, און ווערט פאַרפאַלן. אין אָנהויב האָט מען זיך נישט אַרומגעזוכן. נאָר אַז עס זענען אַוועק עטלעכע טעג און זי איז נישטאָ, איז מען געוואָרן אומרואיק און געקלערט, אַז דאָ מוז עפּעס זיין...

זלמן האָט זיך געמאַכט הארץ, מצדיק געווען דעם דין און געזאָגט: „אַ שיינע, ריינע כפּרה... פאַרשפּאָרן קאָרמענען אַן אומזיסטע עסערקע..."

לאה-גיטל איז אָבער אַ יידענע — טוט איר ווי דאָס האַרץ אויף דעם שאָדן: פונקט פאַר פּסח, ווען מען דאַרף האָבן אַן איי, נעמט אַ הון פון דער העלער הויט און ווערט פאַרפאַלן! און זי וואָלט שווערן, אַז די הון האָט זיך ערשט אָנגעהויבן לייגן. זי פלעגט די לעצטע צייט נאָר אַרומגיין און זינגען...

האָט לאה-גיטל אַוועקגעוואָרפן אַלע אַרבעט, און גייט אַרום איבער די גאַסן, קוקט זיך צו צו די הינער, רופט: „פּוט, פּוט, פּוט...", פרעגט זיך נאָך ביי שכנים, ביי באַקאַנטע פון פרעמדע גאַסן, צי האָט נישט עמעץ געזען אַ הון אַ געלע מיט ראַבע פליגעלעך, מיט אַן אָפּגעהאַקטן עק. און טאָמער באַמערקט זי ערגעץ-ווו אַן ענלעכע, לאָזט זי איר נישט אָפּ פון אויג, גייט איר נאָך ביז זי מוז ריכטיק זיך דערוויסן וועמענס זי איז און ווי לאַנג איז, אַז מען האָט איר געקויפט...

און זלמן דער סטאָליער איז דאָך צופרידן און עס אַרט אים גאָרנישט, איז ווען ער גייט אין בית-המדרש און צוריק פון בית-המדרש קוקט ער זיך צו אויפן וועג. פאַרגייט אויף אַ הויף, פאַרקוקט אין אַ שטאַל: אפשר טרעפט מען זי ערגעץ...

•

אויפן פינפטן טאָג, גאָר אומגעריכט, מ׳האָט זיך שוין באַלד מיאש געווען, די פיס אָנגעוואָרן זוכנדיק, — איז זי פלוצלינג געקומען, אָנגעבלאָזן, אָנגעשטעלט די פעדערן, צע־לאָזט די פליגל, קוואָקעט, שטעלט זיך פאַר דער טיר און בעט, מען זאָל איר געבן עסן...

אין גאַס איז אַדורך די ידיעה פון פענצטער צו פענצטער:

— די הון איז געקומען! —און מען לאַכט...

לאה־גיטל וואַרפט איר באַלד עפּעס עסן. זי פאַרשטייט, אַז זי זיצט ערגעץ אויף אייער, ווייל זי נישט, אַז די אייער זאָלן זיך פאַרקילן, עס טוט איר הנאה און שעלט פון צופרידן:

— זי האָט שנעל אָפּגעגעסן — און איז שוין נישטאָ...

דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן קומען יעדן צווייטן, דריטן טאָג. אינגדרויסן האָט שוין געשמעקט מיט ערב־פּסח, היינער האָט מען אין גאַס אַרויסגעלאָזן, קלויבן זיי עפּעס פון אונטער דעם צעגאַנגענעם שניי, שאַרן זיך אין דעם מיסט פאַר דער שטוב און קאָקעטירן צו אַ שכנס אַ האָן...

זי קוקט נישט אין זייער זייט. ווי זי וואָלט זיי גאָר־נישט געקענט. שטעלט זיך פאַר דער טיר, רופט אַרויס פון שטוב, גיט מען איר עפּעס, כאַפּט זי אויף שנעל, און בלייבט נישט...

•

פונקט ערב־פּסח נאָך האַלבן טאָג האָט זיך פלוצלינג פון גלחס גאָרטן באַוויזן די געלע הון און מיט איר אַ גאַנצע מחנה רונדע, ווייכע, געלינקע, פּוכיקע הינדעלעך מיט באַ־וואַקסענע פיסעלעך, — און נאָך זיי די גאַנצע גאַס קינדער מיט אַ קוויטשעריי, אַ געלעכטער ביז אין שטוב אַריין...

באַלד זענען זיי אַדורך דער אָפענער טיר מיט אַ שטור־רעם, געהיפּט און אַריבערגעשפּרונגען די שוועל און זענען שוין

אין שטוב. און די גאַנצע שטוב איז געוואָרן אָנגעפּילט מיט אַ קוואָקעריי און הישעריי פאַרטויבט צו ווערן.

לאה-גיטלען האָט אָנגעהויבן פאַלן פון די הענט, זי ווייסט, אַז זיי זענען טויט-הונגעריק, וואַרפט זי זיי, וואָס עס קומט איר אין האַנט — אַ ביסל מצה-מעל, אַ מאַנדל, אַ צימ-רינג פון שטייסל. געכאַפּט און אָפּגעבראָטן אַן איי מיט אַ בלוטס-טראָפּן, צעברעקלט און אויסגעשאָטן פאַר זיי אויף דער פּאָדלאָגע — פאַרלייגט די הענט, קוקט און שמייכלט. די הון צעברעקלט דאָס אויף קליינע מאָנעלעך, צעשאַרט מיט די פיס און רופט צוזאַמען אַלע קינדער: „פּול—פּול—פּול"...

די קליינע דערהערן דעם רוף, קומען באַלד צו לויפן, קוקן אויף איר און טון איר נאָך — צעשאַרן מיט די פיסע-לעך, יעדעס באַזונדער פאַר זיך...

דערנאָך לערנט זי זיי עסן, ווייזט זי זיי אַ טאָן און הויבט-אָן פּיקן אין דער פּאָדלאָגע, זיי כאַפּן עס באַלד אויף, לערנען דאָס איין, צעגיסן זיך איבער דער שטוב אין אַ פּיק-פּיק-מעלאָדיע, אַלע אינאיינעם פריינטלעך, הילכיק-פלייסיק, שטאַרקער ביז זיי ווערן אָנגעגעסן...

די געלע הון, אַז זי האָט זיי נאָר אַ וועג געוויזן, שטייט זי באַלד אָפּ, פאַרגינט זיך נישט מער צו עסן, און קוקט זיך איין מיט אַזאַ צאַרטער, ווייכער מוטער-ליבע.

זלמנען טוט די זאַך הנאה—ווייסט ער נישט פון שמחה, וואָס זאָל ער איצט פריער טאָן, ציילט ער זיי — און האָט אַלעמאָל אַ טעות, אַ מאָל פּופצן, אַ מאָל פערצן... שיינט אינ-גאַנצן פון גליק און בעט זיך ביי איר:

„זע, לאה-גיטל. גיב זיי עפּעס... אָבער איך האָב גע-וואוסט, אַז זי וועט קומען. פון אונטער דער ערד וועט זי קומען. דער טייוול וועט שוין נישט פאַרלוירן גיין"...

*

און פּסח אויף דער נאַכט, ווען מ'איז ביי זלמן דעם סטאָליער אין שטוב געזעסן אַרום טיש און אָפּגעריכט דעם

סדר, איז קעגנאיבער, אונטערן בעט, אויף אַ פּריש ביסל היי די געלע הון געזעסן. ברייט צעלאָזן די פליגל, אונטער וועלכע עס האָבן זיך אַלע הינדעלעך געטוליעט, געוואַרעמט, זיך גענורעט איינע צו די אַנדערע און שטיל, שטיל געפּיפּצעט. אָפט שטעלט וועלכע אַרויס דאָס קעפּעלע, באַטראַכט גאָטס נייע וועלט און באַהאַלט עס צוריק.

און ווען ביים טיש איז שטיל געוואָרן – אַלע זענען מיד איינגעשלאָפן – האָט זיך פון אונטערן בעט געטראָגן אַ שטילע, ווייכע, זיסע יום-טוב-מעלאָדיע פון פינף-פערטל טוץ ריינע, שולדיקע, קליינע פיסקלעך, זיך צעגאָסן ווי וואַרעמע, קלאָרע בוימל-טראָפּנס, און אָנגעפילט זלמן דעם סטאָליערס שטוב...

ווארשע, 1908.

ל ב ן ה א ר מ י

עס איז געווען אַ קאַלטער און אַ נאַסער נאָך־סוכּות. די הימלען זעען אויס פֿאַרוויינט, טריבֿ און מוטנע, ווי מען וואָלט איבער זיי אַן אַלטע ברודיקע רעדנע איבערגעצויגן. און אַ דראָבנער רעגעלע קראָפּעט, זשומזשעט אַזוי שטיל, ווי אַ לאַנגווייליקע איינטאָניקע מעלאָדיע, טאָג ווי נאַכט. קיינער געדענקט נישט ווען עס האָט אָנגעהויבן און פֿרעג — גלייבט קיינער נישט, אַז עס זאָל אַמאָל אויפֿהערן, ווי עס וואָלט ערגעץ ווו, דאָרט אויבן, אַן אַלטער שינדל־דאַך מיטאַמאָל אָנגעהויבן נעצן, אויגן געעפֿנט און עס גיסט...

קורצע, כמורנע און פֿאַרגענעצטע טעג. עס דערלעבט גאָרנישט זיך אויסצוליטערן, איז שוין מנחה־צייט. דערנאָך איז הימל און ערד און פֿינצטערניש איין שטיק. און אַ בלאָטע, אַ וועג אַ מלאך־המוות, קומט מען אַהיים מיט אַ גאַנץ פֿערד־און־וואָגן מעג מען גומל־בענטשן. פֿאָרט מען פֿרייטיק ערגעץ פֿון שטאָט אַרויס קאָן מען שוין זיכער זיין, אַז מ׳וועט האַלטן שבת ערגעץ אין וועג, אין ערשטן בעסטן דאָרף, וואָס גאָט וועט צושיקן, מקבל־שבת זיין ביי אַ פּויער אין כאַטקע — אָפּדרייענדיק זיך מיטן פּנים פֿון דער איקאָנע מיט דעם רויטן לעמפּל, און מ׳וועט מאַכן קידוש אויף אַ גלאָז מילך און אַ שוואַרץ ברויט צו דער סעודה. אינדערהיים איז אַ פֿאַרשטערטער שבת, עס גייען אויס די כּוחות, מען דערלעבט שוין קוים דעם נאָך־הבדלה.

אַז מ׳דאַרף אַדורכגיין די גאַס כאַפּט מען זיך אָן אַ זייט, קלעטערט מען אויף ווענט, האַלט מען זיך אָן ביי אַן אָשאַק פון אַ פענצטער, אָן אַ פּלויט פון אַ גאָרטן, מען רייסט אָפּ פון ערגעץ אַ ברעטל, מ׳זוכט אויף אַ שטיין, עס ווערן קלאַד-קעס, און מ׳קומט אַדורך.

פּאַר קליינוואַרג איז דאָס אַ שפּיל. קנעטן זיי, טאַנצן זיי אין דער בלאָטע, קריגן בלאָע אָנגעשוואָלענע הענטלעך, נעזלעך, מיט אויערן ווי בוריקעס. און אַז עס קומט שווער, מען קאָן די שטיוועלעך פון דער בלאָטע נישט אַרויסנעמען, הויבט מען אָן צו וויינען, און מ׳וויינט אַזוי לאַנג, ביז עס גייט ווער אַדורך, אָדער מען דערהערט ווי אין אַ נאָענטע שטוב, קומט מען צו לויפן און מ׳העלפט אַרויס.

אַ בעל-עגלה גייט ביים זייט פון ליידיקן וואָגן און שפּאַרט אונטער. טרעפט זיך אַ וואַסערל, שפּרינגט ער אַרויף מיט אַ פוס אויף אַ שפּיץ פון אַ פעדערשטן אַקס, גיט דעם פערד קוראַזש — אַפּאָר גוטע בייטשן:-היי, היי, וויאָ, וויאָ!.. און כאַפּט זיך אַריבער...

נאָך סוכות בין איך אָנגעקומען צו אַ נייעם תלמוד-תורה-מלמד. געקנעלט האָט מען אויפן שול-הויף אין דעם הינטער-שטן שטיבל פון אַלטן בית-המדרש און געלערנט עשרים-וארבע — אויף דער נאַכט זענען מיר נאָך נישט געזעסן, דאָס איז געווען אַ היבשער מהלך פון אונז, העט אַדורך דעם גאַנצן מאַרק, און דורך מאירס גאַס, אין דער בלאָטע האָט מען גע-קאָנט ווערן אַ קדוש..

אַז עס פלעגט עטוואָס צוטריקענען, כאַפּן אַ פראָסטל, פלעגט דער טאַטע, פאָרנדיק מיט דער פור, זיך אַראָפּכאַפּן און אונז ברענגען אַהיים.

*

איינמאָל, ווען איך בין פאַרנאַכט אַהיימגעקומען, האָב איך פאַרן שטוב אין דעם גרויסן צווישן טאָג און נאַכט, באַמערקט אַ קליין, מאָגער, געפלעקט לאָשאַקל. ער איז געווען אויף אַ שטריקל ביים האַלז צוגעבונדן צום סלופּ פון דער צעוואָרפע-נער סוכה. מיט אַ קורצע, רויטלעכע גזשיבע, ווי אַ קליין

מיידלש צעפּעלע, אַ קורץ עטוואָס באַוואָקסן עקל, באַהאַלטן איינגעטוליעט צווישן די פּיס, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, ווי ער וואָלט דאָרטן אונטן עטוואָס געזוכט, צונויפגעקאָרטשעט און טרייסלט זיך ווי אַ בלאַט... איך האָב אים גוט באַטראַכט, גע־דרייט הין און הער, געגלעט, אַדורכגעפירט מיט דער האַנט איבער דעם נאַסן רוקן, געשלאָסן אין דער פינצטער קאַנטשאַפט און אַריין אין שטוב...

אין שטוב איז שוין געווען שטאַרק טונקל, נאָר וועגן אָנצינדן אַ לאָמפּ האָט מען נאָך נישט געקלערט. די מאַמע איז געזעסן לעבן דער קאַלטער הרובע, געשיילט קאַרטאָפל אויף וועטשערע, געווען אין כּעס און געשוויגן. צו זען איז איר געווען שווער; נאָר עס האָט זיך געפילט אין דעם שיילן, אַז זי איז אין כּעס.

אין דעם פאַרנעפּלטן שטילן בין־מנחה־למעריב האָט עפּעס אַ גרויעס — שווערעס אַרומגעשוועבט. דער טאַטע שווייגט, רעדט נישט אַ וואָרט, ווי ער וואָלט זיך פאַר וועמען אויסבאַהאַלטן. דערנאָך זאָגט ער שטילערהייט אשרי, שטעלט זיך שמונה־עשרה, פאַרקלערט זיך, און בלייבט אַזוי שטיין שטיל, פאַרגאַפט ווי געלעמט, אַזוי אַז מ׳קאָן זיך אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך אין שטוב.

מיר ווינקען זיך איבער, כאַפּן אַ קוק אויף דער מאַמען, צום גאַס, אַ ווונק צום לאָשאַק, צוריק אויף דער מאַמען, און... שאַ !.. שטיל !..

די מאַמע שווייגט, ווי זי וואָלט אַליין געווען איבערן גאַנצן שטוב, שיילט שנעל די קאַרטאָפל. עס הערט זיך נאָר אַ פּליישיק שניידן מיטן מעסער, אַ פּלוסקע פון דער קאַרטאָפל אין טאָפּ וואַסער, און ווידער דאָס סיקען פון מעסער, שיילנדיק אַ נייע קאַרטאָפל.

דער טאַטע האָט געענדיקט די שמונה־עשרה און איז פאַרזיכטיק, אויף די שפּיץ פינגער, פון דער מזרח־וואַנט אויס־געגאַנגען, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל פון סופית אין צימער אַריינ־געפאַלן, און איז אין מיטן שטוב שטיין געבליבן.

די מאַמע, אַז זי האָט אים פלוצלינג דערפילט אין שטוב, האָט זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן, און ווי זי וואָלט אין דער שטילער פינצטערקייט עפּעס אַריינגעזאָגט...

„אַ מציאה געפּאַקט — זיינע מסחרים, ס'האָט געפעלט נאָך אַ פגירה אין שטאַל, האָט שוין לאַנג מיט די שינדערס נישט געהאַט קיין געשעפטן. ער וועט דאָך פאַרעסן דעם פערד מיט דער בהמה". — און עס איז ווידער שטיל געוואָרן.

דער טאַטע האָט נישט באַלד געענטפערט, שטילערהייט געזאָגט „ויאמר־דוד..." אויסגעשפיגן, אין „עלינו", לאַנגזאַם, ווי ער וואָלט זיך איבערגעלייגט וואָס ער האָט צו ענטפערן, און אפשר האָט ער געמיינט גלאַט פאַרטרייבן דאָס מיט שווייגן. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן ווייך, פאַרזיכטיק:

— דו ווייסט דאָך נישט, וואָס פאַר אַ פערד דאָס וועט זיין! באַטראַכט נאָר די קנעכל, די ברוסט — נו, איך קאָן נישט. איך ווייס אַליין נישט, איך האָב אים אין מאַרק דערזען, בין איך אַ פאַרקאָכטער געוואָרן. „זיי" ווייסן וואָס אַ פערד איז? מלמדים זענען זיי, אַ קנעלונג דאַרף מען זיי געבן... נו, זאָג אַליין, לאָזט מען אַזעלכס פאַרקויפן אויף דער פעל?.. וואָס אַרט דיר; זאָל ער זיך וואַלגערן, די שעפּלען, וואָס דיין בהמה די יחסנטע שטעלט אָפּ — מ'וואַרפט אַרויס און מ'האָדעוועט אויס אַ וועלט מיט חזירים — וועט פאַר אים געגוג זיין...

מיר האָבן דעם טאַטנס חשבונות נישט פאַרשטאַנען, דער מאַמען גאָרנישט געוואָלט פאַרשטיין. אונז האָט די גאַנצע געשיכטע עפּעס מאָדנע הנאה געטון. אַ קליין לאָשאַקל, אונזערס אַן אייגנס — ביי אונז אין שטאַל, און אַזאַ שיינער — ווייס מיט שוואַרץ. מיר האָבן זיך אַלע אויף דער באַנק, וואָס ביים פענצטער, צעשטעלט, אַרויסגעקוקט דורך דער פאַרנעפּלטער שויב אין גאַס אַריין. עס איז שוין נאַכט, און אין דעם גרויען נעפּל טרייסלט זיך אַ קליין, מאָגער, ליב נפשל. קלאַפּן מיר אונטער איינער דעם אַנדערן מיט דעם עלנבויגן, שמעלצן זיך שטילערהייט פאַר שמחה:

— זעסט ס'אַרא קעפּעלע, ס'אַרע דינינקע פיסעלעך, און די

אויגן אַזוי גרויס און גראָ, ווי בײַ מײַן אַלטן רבין ר׳ יוסף־מאיר...

דער טאַטע האָט פאַרבויגן דעם מעריב, און באַלד זיך גענומען מאַכן פאַר אים אַן אָרט אין שטאַל, משיג־גבול געווען אַביסל דער בהמה, אַביסל דעם פערד. און ער איז געבליבן אונזערס.

די מאַמע האָט נאָך אַביסל געוואָרטשעט, דערנאָך האָט זי אָפּגעווישט די ליפּן און געמאַכט אַ שוויַיג. זי האָט געוווּסט, אַז זי וועט זיך צופּיל אײַנעסן, וועט דער טאַטע אַרויסשפּרינגען פון די אָלאָבליעס... און אַלץ וועט אויסגיין צו איר קאָפּ...

*

אַז ער איז געוואָרן אַ׳נזוערער טאַקע אויף אַן אמת, ואין אָנהייב האָבן מיר נישט געגלייבט, עפּעס האָט אין אונז געצווייפלט: וועָר ווייסט, טאָמער...), האָט מען אָנגעהויבן קלערן פאַר אים אַ נאָמען. עפּעס אַ שיינעם, אַ פּאַסנדן נאָמען... יעדער איינער האָט אַן אַנדערן נאָמען אויסגעקלערט — דער ברודער זעליק (ער האָט שוין געהאַלטן בײַ חומש מיט רש״י) האָט אַרויסגעדרונגען, אַז אַזוי ווי „ער״, זאָל געזונט זיין, איז געפלעקט. און לבן הארמי האָט אָפּגענאַרט דעם זיידן יעקב אבינו מיט געפלעקטע, גראָע, רויטע און ברוינע שאָף, איז דעריבער דאַרף מען אים אַ נאָמען געבן לבן הארמי.

— לבן הארמי! — האָבן אַלע אויפגעכאַפּט. — אוי, לבן הארמי, אַ שיינער נאָמען טאַקע פון חומש — — —

דעם טאַטן איז דער נאָמען אויך געפעלן. די ווינטערדיקע סדרות פלעגט דער טאַטע וויסן כמעט אויף אויסנווייניק. אַלע מעשיות: די זיבן מלכים מיטן מלך סדום, אין לאַנד איז געווען אַ הונגער, אברהם איז אַנטלאָפן קיין מצרים, האָט דער מוטער שרה באַהאַלטן אין אַ קאַסטן, געמאַכט אַ באַגאַזש... יצחק האָט געבענטשט יעקבן אָנשטאָט עשון — אָפּגענאַרט דעם

אַלטן שפּאַק... יעקב איז אַנטלאָפן, לבן האָט אים שיין אויפגע־נומען, אַ קליינינקייט: אַ גאַסט, געקושט, געהאַלדזט. — האָט געהאַט אַלטע מיידן... האָט אים פאַרביטן לאהן פאַר רחלען — ציגיינערישע שטיק... דערנאָך האָט ער אים געוואָלט מאַכן אַ מחק אין די שעפסן, וועלכע ער האָט נעבעך כשר פאַרדינט — טפו, אָט אַזוי טוט מען אַן אייגענעם, אַן עלענדן אין דער פרעמד? חברה, שטענדיק איז געווען שווינדל... און נאָך און נאָך אַזעלכע מעשיות.

אין די לאַנגע ווינטערדיקע פרייטיק־צונאַכטסן פלעגט דער טאַטע נאָכן עסן אַ ביסל איבערדרימלען, דערנאָך אויפשטיין, אויסרייבן די אויגן און גיין אין דעם קצבישן שולכל הערן דעם רבין, אלעזר דעם מלמד, זאָגן חומש...

דערהערט לבן הארמי, האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן:—נו, פון מיינעטוועגן זאָל זיין לבן הארמי... און איבערן גאַנצן פנים האָט זיך אַ צופרידענער שמייכל צעגאָסן — ווען ער זאָל זיך נישט שעמען, וואָלט ער אונז אַלעמען אויס־געקושט פאַר פרייד...

*

פון יענעם טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה לבן הארמי: לבן הארמי געגעסן, לבן הארמי געטרונקען, לבן הארמי—לבן הארמי.

— ווי איז מיר, ווי אָן טויט פאַרגעסן, פון אינדערפרי שטייט לבן אָן אַ טרונק! — אַלע מינוט ברענגט מען אים עפּעס: דער אַ שטיקל ברויט, אַביסל געקעכץ, אַ קאָפּ קרופּניק, אַ שטיקל בייגל פון מיט־זיך. יעדער האָט אים געגלעט, גע־באַרשט, געקעמט. און ער האָט זיך אַזוי צוגעוויינט צו אונז, אַז ער פלעגט עסן פון האַנט. פריער שמעקן, באַטראַכטן, איבער־קלויבן מיט די ליפּן — פלאָפּ... פלאָפּ... פלאָפּ... ווי ער וואָלט ווערעמדיקן אַרבעס געקליבן. דערנאָך אַ כאַפּ אַריין, פאַרזשמו־רעט איין אייגל, און ער קייט שוין...

מיר האָבן אים שטאַרק ליב געקריגן; ווו אַ ליידיקע מינוט, איז מען באַלד אין שטאַל, זיך געשפּילט, געשמועסט

מיט אים ווי מיט אונזערס אַ גלייכן. אַלע זענען געוואָרן אַזוי צוגעבונדן צו אים. דער עיקר דער טאַטע. ער שטייט אויף אינ־דערפרי, און נאָך פּאַר נעגל־וואַסער — איז ער שוין אין שטאַל.

מיר דאַכט זיך, אַז ווען ער זאָל זיך נישט שעמען און עס זאָל זיך ווענדן אָן אים, וואָלט ער אין בענטשן ביי „אותי ואת אשתי ואת זרעי" צוגעשטעלט: „ואת לבן הארמי", זאָל זיך האַלטן און געזונט זיין...

*

אין גאַס האָט מען אָנגעהויבן אַסך צו רעדן וועגן אים. מענטשן האָבן געזאָגט, אַז ביי אונז אין שטאַל וואַקסט אַן עשירות, אַ ק"ן־רובלדיקער פערד. אַנדערע האָבן נישט פאַר־גונען, געשאָלטן: „אַ מזל! געקויפט אַ פגירה פאַר אַ האַלבן רובל, וועט אויסהאָדעווען מיט אַ גאָרנישט — אַ שאָלעכץ פון אַ קאַרטאָפל, אַ לעפל קרופּניק — און עס וועט אויסוואַקסן אַ פאַרמעגן!"

דעם גאַנצן ווינטער האָט אים קיינער נישט געזען. דער טאַטע האָט אין שטאַל קיינעם נישט אַריינגעלאָזט, געהיטן דעם טויער — אַריינגעגאַנגען און באַלד נאָך זיך צוגעמאַכט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר אַ צוג־ווינטל. נאָר עס האָט זיך געפילט, אַז דאָרט, אינעווייניק, איז אַ טיפער סוד באַהאַלטן, וועלכער איז פאַר אונז זייער טייער. און נישט ווילנדיק פלעגט דער סוד דורך די ווענט פון שטאַל אַדורכדרינגען, און פאַרביי־גייענדיק פאַרקלענערט מען אומגערן דעם טריט. מען הערט זיך צו צום שטאַל. די שטומע ווענט רוימען עפּעס איין, דערציילן, זאָגן עפּעס. קיינער פאַרשטייט נישט די שפּראַך, און דער סוד ווערט נאָך טיפער, געהיימער, נייגעריקער, ווער ווייסט וואָס דאָרט, אויף יענער זייט, טוט זיך?..

*

אויף זומער איז ער שוין געווען אַ היפּש פערדל. אַ שיינע אָנגעוואַקסענע גזשיבקע, און דער ווידל, עטוואָס געקרייזלט,

דערלאַנגט ביז צו די קני. אַז מ'האָט אים דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעלאָזן אינדרויסן אין אַ וואַרעמען ליכטיקן פרילינגס-טאָג, איז געווען אַזאַ שמחה, פונקט ווי בעת רבקהלע האָט אָנגעהויבן אַרומלויפן מיט אירע קליינע, קרומע פיסעלעך.

ער האָט געמאַכט אָנשטעלן, געשטיפּט, פאַרריסן דעם עק און זיך געגעבן אַ צי אויס איבער דער גאַס מיטן בויך צו דער ערד, אָט-אָט מיינסטו זעצט ער זיך, און אַוועק העט ווייט, ווייט. באַלד איז ער צוריקגעקומען, זיך אַרומגעקוקט, באַטראַכט אַלץ מיט אַ לייכטן און פרייען בליק, וואַרפט זיך איבער מיטן טאַטן מיט אַ ווונק, ווי ער וואָלט וועלן פרעגן: האַ? וואָס? מ'קאָן?.. און אַז דער טאַטע איז מסכים, לאָזט ער זיך ווידער אין אַ געלויף, געוואָרפן, געפּוצט מיט דעם קעפּעלע, פריי געהירזשעט, ווי ער וואָלט געמיינט צו זאָגן: קומט! זעט! ס'אַראַ ליכטיקע וועלט אינדרויסן... אַזוי ליכטיק, לופטיק, זאַפטיק און פריי — פריי.

דער טאַטע האָט געשמאָלצן, אַריינגעקלאַפּט אין פענצטער:

„ביילע, ביילע! גיכער קוק נאָר אַרויס, וועסט הנאה האָבן", און געשמייכלט אַזוי ברייט עפּענענדיק דאָס מויל, און דאָס גאַנצע פּנים האָט אים געשיינט פאַר פרייד.

קינד און קייט האָט לבן נאָך זיך אין גאַס אַרויסגערופן. אַלע זענען אַרויס, זען זיין ביינז-וווּנדער. יעדער האָט געזאָגט עפּעס אַנדערש, געגעסן אים מיט די אויגן, און וואָס זיי האָבן אים אין האַרצן געווונשן, האָט זיי געמעגט געשען כאָטש די העלפט...

בעלי-עגלות האָבן אים באַטראַכט, געמאָסטן מיטן אויג, זיך געמבינט, פאָרויס געזאָגט, געפייפט און צוגעכוואָשטשעט מיט די בייטשן...

און לבן, פונקט ווי ער וואָלט וועלן ערשט די גאַנצע וועלט איינשלינגען, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל פליגל באַקומען, און ער וויל פליען, שוועבן, מיט די פיס נישט אָנרירן די ערד. און דאָס גאַנצע קונדעסערײַ און ווילדקייט, וואָס דער יונגער, פלינקער און שלאַנקער קערפּער האָט דעם גאַנצן ווינטער אין

זיך באַהאַלטן, האָט זיך ערשט מיט איין מאָל אַרויסגעריסן און אַריבער די ברעגן.

געענדיקט האָט זיך דאָס מיט פאַרדרוס און געלעכטער צוזאַמען.

לויפנדיק, האָט ער מיטדי ציין אַראָפּגעכאַפּט פון פעשע־ביילעס פלויט אַ קליין קינדער־קישעלע, וועלכע זי האָט אויפגעהאָנגען צום טריקענען, געוואָרפן מיט דעם קאָפּ הין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ, ווי ער וואָלט עמיצן אַרויסגערופן:

— היי! דו יאָלד! וואָס האָסטו זיך דאָרט באַהאַלטן? קום אַרויס, וועלן מיר זען ווער פון אונז איז שטאַרקער...

באַלד איז אין קישעלע געוואָרן אַ לאָך, און די פעדערן האָבן זיך אַזוי לייכט און פריי איבערן גאַס צעטראָגן, האָבן אים איבערגעיאָגט, אין דער הויך צעלאָפן — ווי זיי וואָלטן זיך מיט אים אין אַ שטיף אַריינגעלאָזן.

אין גאַס איז געוואָרן אַ טומל. פעשע־ביילע ברעכט די הענט, מאַכט גוואַלדן און שעלט אין דער שטיל... מענטשן ווילן אים פאַרהאַלטן, פאַרשטעלט מען אים דעם וועג, צעשפרייט מען די פאָלעס: — טפּר! טפּר! טפּר!.. מ׳לאָזט אים פאָרן נאָז אַדורך — און מ׳האַלט זיך ביי די זייטן לאַכנדיק.

און אַז מ׳האָט זיך גוט אָנגעמאַטערט, און ער האָט די גאַנצע פעדערן געהאַט אויסגעזייט — איז געלונגען אים אַריינצוקריגן אין שטאַל...

*

פון דעם טאָג איז ער ווי מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן, שוין כמעט אַ פערד... די קינדער האָבן אָנגעהויבן זיין פאָרזיכטיק: געבן אַ שטיקל בייגל, קוקן אים גלייך אין די אויגן און כאַפּן באַלד צו די האַנט. דער טאַטע האָט אים אָנגעטאָן אַ צוימל, וואָס ער האָט אַליין אויפגענייט פון אַלטע לאַבעדריקעס, און אָנגעהויבן פירן אים צום ברונעם אָנטרינקען, ווי ער וואָלט זאָגן: איך האָב שוין מער קיין כוח נישט צו שלעפּן וואַסער פאַר דיר אין שטאַל, דו ביסט נישט קליין אַליין אַדורכשפּאַצירן זיך צום ברונעם...

און לבן בלעגט קאָקעט פאַררייסן דעם קאָפּ, זיך אַרומ-קוקן אין אַלע זייטן, באַטראַכטן וואָס אַרום טוט זיך. געבן זיך אַ שטעל דיבאָם אויף די פּאָר הינטערשטע פיס, ווי ער וואָלט געקלערט: אַנו, אויף אַ טשיקאַוועס, ווער איז העכער? דער-נאָך גראָבט ער מיט אַ פעדערשטן פוס די ערד, וואָס אַרום ברונעם, שפּריצט אַרויף אַ קליינע פאַרגרינטע לוזשקע, וועלכע טריקנט קיינמאָל נישט אויס, פאַרשפּריצט דעם טאַטן פון קאָפּ ביז די פיס. טרינקענדיק גריזשעט ער דעם עמער, די דושקע מיט די ווייסע און שטאַרקע ציין, גיט אים אַ הייב אויף אין דער הויך, אַ טרייסל אין דער לופט און אַ וואָרף אַהין צוזש אויף יענעם זייט ברונעם, אַז עס בלייבן פון אים נאָר די קלעפּקעס.

דער טאַטע, אַז ער קומט אין שטוב, נאָכדעם ווי ער האָט לבנען געבראַכט אין שטאַל און צוגעבונדן אויף זיין אָרט, ווישט ער זיך אַרום מיטן האַנטעך דאָס פּנים, די זאַכן און דערציילט מיט פאַרגעניגן:

— דו ווייסט, לבן האָט אויסגעטרונקען אַ גאַנצן עמער און נאָך אַביסל.

„זאָל אים זיין צו געזונט”, — ענדיקט די מאַמע.

*

פון טאָג צו טאָג איז ער געוואַקסן, געוואָרן שענער. אין שטעטל האָט מען אָנגעהויבן פיל רעדן וועגן אים. מבינים האָבן געזאָגט, אַז ער וועט אַריין אין די גדולות. אַ לאַנגער שלאַנ-קער קערפּער — אַ שיף-פאָרמיקער רוקן, הויכע און דינע פיס. אַ ברייטע געטאָקטע לעבעדיקע האַלז, דאָס קליינע פּירקאַנטיקע קעפּעלע איז שטיפעריש, רירעוודיק, אומגעדולדיק און פול מיט לעבן. וועלוועלע יצחקס האָט פאָרויס געזאָגט, ווי לאַנג און ווי הויך ער וועט אויסוואַקסן, אַפילו וואָס פאַר אַ טראָט ער וועט האָבן, און וואָס פאַר אַ נאָמען די פּריצים רופן אַזאַ האַלז, אַזאַ קעפּעלע. דאָס איז אַ פּריציש פערד.

איינמאָל, אין אַ שיינעם ליכטיקן נאָך־שבועות־פרימאָרגן, איז צו אונזער שטוב צוגעפאָרן דער אַלטער גראַף, אַ גרייז־גראָער אַלטער מיט ווייסע באַקן־בערד — אַ גרויסער ליבהאָבער פון פערד. און זיצנדיק אויף דער ברישקע האָט ער דעם טאַטן פון שטוב אַרויסגערופן:

— איך האָב געהערט, — זאָגט ער, — אַז דו האָסט אַ שיין פערד, וויל איך אַ קוק טאָן...

נישט געאיילט, מיט לאַנגזאַמע טריט איז דער טאַטע אַוועק צום שטאַל. ווי ער וואָלט זיך איבערגעלייגט: וואָס? כדאַי צו ווייזן אים?..

אָדער גלאַט ער איילט זיך נישט: איך האָב צייט! אַז דו ווילסט, קאָנסטו צוואַרטן. נישקשה, ער איז ווערט מ'זאָל אויף אים אַביסל צוואַרטן. ער האָט ברייט געעפנט דעם טויער, גענומען לבנען מיט ביידע הענט און אַרויסגעפירט אויפן הויף...

דער גראַף איז פון ברישקע אַראָפגעשפרונגען און אים אַנטקעגנגעלאָפן, ווי ער וואָלט אַן אַלטן גוטן־פריינט, נאָך אַסך יאָרן, פלוצלינג אומגעריכט ערגעץ־ווו געטראָפן; האָט מיט דער האַנט פון אויבן אַראָפ איבער דער פלייצע אַדורכגעפירט, מיט ביידע הענט אַ צי געטון דעם עק, באַטראַכט דאָס קעפעלע, די אויגן, אַרומגענומען דעם האַלז און ליבלעך געגלעט.

דער טאַטע קוקט אים אָן, רויטלט זיך, און האָט די אויגן נישט ווו אהינצוטון: — ליבער גאָט, איך בין דיין חסד נישט ווערט.

דער גראַף איז פון לבנען אַביסל אָפּגעגאַנגען, ווי ער וואָלט זיך וועלן אין אים איינשפיגלען, איז צוריק צוגעקומען, באַוווּנדערט, געדרייט מיט דעם קאָפּ און האָט זיך געווענדט צום טאַטן:

— ווילסט אים אפשר פאַרקויפן? קאָן איך דיר אָפּציילן פאַר אים צוויי יעקאַטערינעס*)... ער האָט דעם טאַטן טיף אָנגעקוקט און איז געבליבן וואַרטן.

---

*) יעקאַטערינע—הונדערט־רובל־בטיק.

דער טאַטע איז געוואָרן צעטומלט. די הענט האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן, אַז ער האָט קוים דאָס צײמל אײנגעהאַלטן. די ווערטער צוויי יעקאַטערינעס האָבן אים פון די געדאַנקען אַראָפּגעשלאָגן.

דער יצר־הרע שטופּט: פּאַרקויף, פּאַרקויף, האַלט נישט אַזעלכע פערד אין שטאַל. אַ ייד טאָר נישט. דו קאָנסט פאַר דעם געלט דריי־פיר פערד קויפן מיט געשפּאַנען, ווערסט צונעמען שמײסערס, אָננעמען דעם פאָדראַד צושטעלן זאַמד מיט שטײנער צום שאָסיי. אין אַפּאָר יאָר ווערסטו אַ נגיד, קומסט צו געלט, זעסט, אַז דיר שיקעווצט זיך דעם בעל־עגלהשן פעלצל אַראָפּוואַרפן און ווערן אַ מענטש, אַ בעל־הבית מיט לײטן גלײך, גאָט ווײסט וואָס מאָרגן וועט זײן. אַלע ווײסן. אַז די האָסט אַזאַ פערד אין שטאַל. שונאים בײסן זיך די פינגער אָפּ, לײט האָבן אַזעלכע גרויסע אויגן, זאָל זײ נאָר אַרויסקריכן, מ׳וועט אים מיט די אויגן אויפעסן.

און דער גוטער מלאך רעדט אַזוי ווײך און האַרציק: פּאַרקויף נישט! אַ רחמנות, נאָך אַזוי יונג, די מאַמעס מילך אויף די ליפּן, ווער ווײסט וווהין ער וועט נאָך אַרײנפאַלן. און די שטאַל וועט זײן לײדיק... ווערסט זיך קײן אָרט נישט געפינען, די גאַל זיך אויסעסן, אַזאַ צירונג פאַרטריבן פון שטאַל.

ווילסט אים דווקא פּאַרקויפן, נו גוט, ווערסט דאָך נישט פאַרשפּעטיקן. אַ פערד ווערט דאָך טײערער, נישט וואָלוועלער. אַ גרויסע זאַך! האָסט נישט געזען, אַז מ׳נעמט פאַר אַ פערד דרײ, פיר און פינף הונדערט — וואָס, זאָג אַלײן, נישט אמת?

לבן איז צעשראָקן פון דעם גרויסן עולם, וואָס האָט זיך אַרומגעקליבן, רײסט זיך, דרײט זיך, שטעלט אָן די אויערן, ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס צוגעהערט. קוקט שטרענג און בײז צום טאַטן, ווי ער שטײט אַזוי דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, גלײך ער וואָלט אים פרעגן:

— האַ, וואָס? דאָס איז די גאַנצע ליבע? פאַר צוויי יעקאַטערינעס איז בײ דיר רעכט אָוועקצוגעבן דער טײוול ווײסט וועמען.

דער טאַטע האָט זיך געמאַכט מוט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און ווי ער וואָלט פון דער ערד אָנגעשעפּט ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט:

— ניין! איך וועל אים נישט פאַרקויפן! זאָל ער געזונט זיין און זאָל ער זיך וואַלגערן. אַן אָרט און עסן וועט זיך נאָך פאַר אים געפינען.

מיטאַמאָל איז ער אונז געוואָרן ליב און טייער — אַן אויג אין קאָפּ. דער טאַטע האָט אויפגעהערט נעכטיקן אין שטוב, אויף גיך אָפּגעגעסן די וועטשערע און אַוועק שלאָפן אין שטאַל, זיך פאַרריגלט פון אינעווייניק מיט אַ ריגל, פאַרלייגט אַ שטאַרקע אײַזערנע קייט.

אויף בייטאָג, ווען ער דאַרף פונדערהיים אָפּפאָרן, הענגט ער אויף אויפן שטאַל אַ גרויסן ענגלישן שלאָס מיט אַ „סעקרעט”, וועלכן ער האָט געקויפט אין שטאָט פאַר אַכט גילדן, און באַלד נאָכמיטאָג, ווי די זון הויבט זיך אָן אַראָפּזעצן, ווערט ער אומרויק און ער אײַלט זיך ביז פאַרנאַכט אָנצוציען אַהיים.

אויף בײַנאַכט פאָרט ער נישט אַרויס פון שטוב, מ'זאָל אים אפילו אָפּגילטן. טאָמער קומט ווער דינגען די פור אויף בײַנאַכט, דאַכט זיך אים, אַז דאָס איז אַן אָנגעשטעלטע זאַך, חברה ווילן אים אַרויסנאַרן פונדערהיים...

עסן גיט ער אים אַליין, לאָזט קיינעם נישט צו; די בעסטע גאַראַנדאָווע היי אינדערפרי און אויפדערנאַכט; בייטאָג אַ האַלבן טאָפּ האָבער מיט סיטקע — גוט אַדורכגעמישט, פאַרזיכטיק אַדורכגעזיפּט דורך די פינגער — עס זאָל זיך דאָרט יאָס נישט געפינען, צו דער צייט און דער מינוט...

און געפילט האָט זיך עפּעס אַזאַ מאָדנע פעסטקייט און גאווה: דו פאַרמאָגסט דאָך נישט מיין מיסט. פאַר דעם, וואָס מיין לבֿן, אַן עין-הרע, איז ווערט קויף איך דאָך אַזעלכע דריי-פיר שפּאַנען, ווי דײַנע, פערד-און-וואָגן, לייטער — אַפילו מיט די זאַטיטשקעס...

*

אויף איבעראַיאָר נאָך פּסח האָט מען אָנגעהויבן לערנען לבנען אין שפּאַן. עס איז ביי אונז געווען אַזאַ שמחה, ווי אַ יינגל וואָלט בר-מצווה געוואָרן, און זאָגט די אמתע דרשה, אָדער מ׳האָט דערלעבט שרייבן תּנאים מיט אַ טאָכטער...

בעל-עגלות פון שטעטל זענען צונויפגעקומען, געהאָלפן אים אָנטון, איינשפּאַנען, געלערנט, געוויזן, געעצהט; נאָר נישט געשלאָגן, עס הויבט זיך נישט די האַנט. לבנען שלאָגט מען נישט — געגלעט, געלאַשטשעט, איינגערעדט, נאָכגעגעבן אַלע משוגעתן, קאַפּריזן, ווי אַ משוגען ציטעריק קינד. און אַז ער איז געווען איינגעשפּאַנט אין גרויסן בעל-עגלהשן וואָגן, געשטיפּט, געדרייט זיך אין די אָלאָבליעס, האָט ער אַזוי מאָדנע אויסגעזען, ווי אַ בילד-שיינע גרעפין וואָלט פּלוצלינג אַרויפגענומען אויף דעם קאָפּ אַ גרויסע פויערשע פּאַטשיילע...

דעם גאַנצן זומער האָט מען אים געלערנט. אָפּטמאָל, אין אַ גוטן וועג, צוגעפּאָרן מיט אים אין אַ דאָרף נאָך אַ בינטל היי, צוגעשפּאַנט מיטן אָרטשיק, צו דער אַלטער שקאַפּע, ווי, להבדיל, מ׳נאַרט אַריין אַ קינד אין חדר אויף אַ שעה, צוויי, ביז ער געוויינט זיך איין און ער גייט...

אַז עס איז געקומען צו ווינטער, האָט דער טאַטע נישט געוווסט וואָס צו טון. אויף אַלץ איז געוואָרן אַזאַ יקרות. צוויי פערד צו האַלטן איז אוממעגלעך. פאַרקויפן? — רייסט דאָס האַרץ, אַזאַ שיינהייט און אַזוי פיל כּוחות אין אים אַריינגעלייגט. לאָזן אים? — ווי נעמט מען אַזעלכעס אין גרויסן וואָגן אַריין, צו די בלאָטעס מיט די רעגנס...

דער סוף איז געווען, אַז מ׳האָט לבנען אָפּגעשטעלט. די אַלטע שקאַפּע האָט דער טאַטע פאַרקויפט פאַר צען רובל — זי האָט שוין נישט געהאַט קיין ברעקל פוס, — האָט פאַר דעם געלט אַרויפגעלייגט אויפן בוידעם צוויי גוטע פורן גאַראַנדאָווע היי — און אויף אַן אמת געזומען לבנען אין וואָגן אַריין.

אַז דער טאַטע פלעגט ערגעץ פאָרן מיט עמיצן, פלעגט

אים באַלד באַפּאַלן אַ חשק, יענער זאָל וויסן, מיט וואָס פאַר אַ פערד ער פאָרט, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט מאַכט ער:

— איר ווייסט? אָט דאָס העזל איז דאָך נאָך קיין דריי יאָר נישט אַלט; נאָך פאַריאָרן האָט מען מיר געוואָלט אָפּציילן פאַר אים צוויי הונדערטער, ווי איר זעט מיך אַ יידן, און ער זאָל מיר אַזוי געזונט זיין. ווי ער וואָלט וועלן זאָגן:

—וואָס בין איך עפּעס אַ שמייסער-יונג, איך פאַרקויף נישט די נשמה פאַר אַביסל האָבראָק, פאַר אַ שוואָרצן פון וואָגן...

שכנים פון גאַס זענען געווען צופרידן, וואָס לבן איז געבליבן ביי אונז, און דער טאַטע פאָרט מיט אים. ווי עס וואָלט אַלעמען שווער געווען זיך צו שיידן מיט אים. און גלאַט טוט יעדן הנאה, אַז אַ ייד פאָרט מיט, קיין עין-הרע, אַ שיין פערד...

*

פון דער נאַטור איז לבן געווען אַ רויקער, אָפּט אַ פאַרקלערטער. שטעלט אָן די אויערן, פאַרגאַפט זיך אויף עפּעס, ווי ער וואָלט זיך וועלן אָן וואָס עס איז דערמאָנען...

אַ גלייכער און אַ לאַנגער טראָט, איין פוס אין דעם אַנדערן, נעמט ער אָן פון אָרט גלייך. פריער אַביסל זיך צוריקגעזעצט, זיך אָנגענומען מיט קוראַזש, אַ גאָס אָן געגעבן די פאָר אויגן, אַ נעם פאָרויס און אַוועק ווי נישט אים מיינט מען. האָט מען געקאָנט אָנלייגן אין די לייטערס דעם טייוול אין דער קאַפּאָטע, ס'אַרט דאגה האָט ער; ווילסט וואַליען—וואַליע. האָט קיינמאָל נישט גענומען אָן אַ זייט, נישט אַרויס פון קאָליע. נישט געמאַכט קיין העוויות, קונצן; נישט געוווסט פון רייסן, ברעכן, סנאָסטן — — איז געגאַנגען ווי אַן אַלט פערד. נאָר אַ קאַפּריזער, אַ האָנאָראָווער, ער לאָזט זיינס נישט אַדורך... אַ הויך וואָרט—אַהאַ, סטאָפּ! — ער שטייט שוין, רירט זיך נישט פון אָרט כאָטש ברען אים. מוז מען אַראָפּ פון וואָגן, אַ גלעט טון, איבערבעטן, צולאַסטשען אים, ערשט דעמאָלט גייט ער אַוועק, כאַפּט יעדעס מאָל אַ קוק אין וואָגן, ווי איינער זאָגט: — זעסט מיט גוטן מאַכט מען מער ווי מיט בייזן...

קיין בייטש האָט ער קיינמאָל נישט פאַרזוכט. לבן האָט בטבע פיינט בייטשן... און איינשפּאַנען פלעגט אים מוזן דער טאַטע, קיין פרעמדן לאָזט ער נישט צו...

איינמאָל האָבן אים חברה געוואָלט אַריינגאַרן, האָט וועלוועלע-יצחקס אָנגעטון דעם טאַטנס לייבל, דאָס היטל, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, אָפּגעבראָכן אַ שטיק פון דער שבתדיקער חלה און איז צו אים צוגעגאַנגען — לבן האָט געגעסן פון דער חלה, זיך געלאָזן אָנטון דעם כאָמעט, די שלייעס, אַריינפירן אין די אָלאָבליעס און געגומען שפּאַנען...

אַז ער האָט געהאַט אויפגעגעסן די חלה, האָט ער זיך אומגעקוקט און באַמערקט, אַז דאָס איז אַ פרעמדער, האָט ער געגעבן אַ פאַרלייג די אויערן, פאַרזשמורעט בייז די אויגן... אַ כאַפּ געטון מיט די שטאַרקע ציין פאַר איין אַרבל פון לייבל, עס אָפּגעפליקט — און אַרויס פון שפּאַן...

*

צו חנוכה האָט אָנגעהויבן ווערן גליטשיק. נעמט דער טאַטע אַראָפּ אַ מאָס, און באַשטעלט ביי בערל דעם שמיד פּאָדקאָוועס אויף שרייפלעך, מ׳זאָל נישט דאַרפן אַלע מאָל רייסן און קלאַפּן טשוועקעס.

איז זיך מיישב לבן און לאָזט זיך נישט צורירן. אַ פוס איז אַ פוס און שמידן לאָז איך זיך נישט. נישט מיט גוטן, נישט מיט בייזן. כאַפּט זיך בייסן, כראַפּעט, דרייט זיך און זעצט מיט די פיס. און ווען עס געלינגט שוין אים אָנכאַפּן ביי אַ פוס, און דער טאַטע מיט בערלען נעמען זיך אָן שטאַרק מיט אַלע הענט־הויבט ער אָן לאַנגזאַם צו פירן מיט דעם פוס הין און צוריק, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס פונאַנדערטרייסלען ; דער טאַטע מיט בערלען לאָזן נישט אָפּ, האַלטן שטאַרק און לויפן נאָך דעם פוס, ביז ער גיט מיטאַמאָל אַ ציי, אַ רייס אַרויס, און ער בלייבט אומגעשמידט.

דערנאָך, אַז עס קומט צום איינשפּאַנען, ווערט עפּעס מאַרנע שווער אַרום האַרץ. עס לייגן זיך נישט די הענט צום

שפּאַנען, און שווייגנדיק קוקט מען זיך איבער צווישן זיך, ווי מ׳וואָלט פרעגן איינער דעם צווייטן:

—האַ... וואָס? פאָרן?..

און אַלע קוקן אויף לבנען, ווי מ׳וואָלט וועלן זיך געזע־גענען מיט אים. זאָל כאָטש זיין אָנבליק בלייבן אין זכרון, ווער ווייסט, צי דאָס איז נישט דאָס לעצטע מאָל — — —

און ביז דער טאַטע קומט פון וועג, איז מען אומרויק, מען שטעלט זיך פאַר שרעקלעכע בילדער, עס נעמט אַדורך אַ ציטער: גאָט ווייסט, וואָס דאָרט האָט זיך געמאַכט אין וועג. מ׳שטעלט זיך אין פענצטער, מ׳כאַפּט זיך אַרויס פאַר דער טיר, מ׳הערט זיך צו צו דער גאַס, פיליי͏כט דערטראָגט זיך אַ גייס, אפשר דערציילט מען עפּעס. די כוחות גייען אויס, יעדע מינוט איז אַ יאָר...

דערנאָך האָט מען זיך צוגעוויינט, און לבן גייט נישט געשמידט בעסער ווי אַנדערע פערד געשמידט. פאַרקערט, עס טוט נאָך הנאה: קיין עין־הרע אַ פערד אַ גיבור, אַ שטאַרקער טראָט — מ׳דאַרף אים גאָרנישט שמידן.

אַז דער טאַטע איז אויפגעראָמט, באַרימט ער זיך: איר ווייסט? לבנס פוס האָט דאָך נאָך קיין פּאָדקאָווע נישט פאַר־זוכט...

ער איז געוואָרן אַלעמען נאָענט און זייער טייער, יעדן האָט עפּעס הנאה געטון אויף אים קוקנדיק. און טאָמער איז אים עפּעס אָפּגעגאַנגען, האָבן אַלע מיטגעפילט, זיך נאָכגעפרעגט, און איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן, וואָס ער מאַכט...

נישט איין קאַפּיטל תהלים האָב איך געזאָגט שטילערהייט און מיט האַרץ און בשעת מעשה אין זינען געהאַט:

עס זאָל זיין לרפואה שלמה לבן הארמין, ער זאָל געזונט זיין, און זיך לאַנג האַלטן...

*

דעם ווינטער בין איך שוין אָנגעקומען צום קאַרגן מלמד, דער גרעסטער מלמד אין תלמוד־תורה; געלערנט אַ בלאַט גמרא

מיט תוספות. און אינדערהיים בין איך שוין גוט געפּאָרן מיט דער פּור, געוווּסט און נאָכגעגעבן לבנען אַלע משוגעתן, געריטן אויף אים אונטערשפּרייטנדיק דעם וואַטאָוועון פּוטערל, צוגעפּירט אים צום וואָגן אָדער צו אַ פּלויט, זיך אַרויפגעכאַפּט און זיך שטאַרק אָנגעהאַלטן אין דער גזשיבע, אָדער אַרומגעהאַלזט אים מיט ביידע הענט, אויסציענדיק זיך איינגאַנצן אויפן קאַרק...

זיך געלערנט איינשפּאַנען, אַרומגעדרייט די אַסיפּאַניע אַרום האַנט, פאַרריסן דעם פּוס צום כאָמעט, זיך איבערגעקערט, אויפגעשטאַנען און גענומען פון דאָס ניי.

און זיצנדיק אין חדר איז ער מיר אויף אַ מינוט נישט אַרויס פון די געדאַנקען. אָט שטייט ער מיר פאַר די אויגן מיט דער ליסענע אויף דעם פּנים, מיט דעם גרויסן ווייסן פלעק אויפן בויך און אויף דער פּעדערשטער רעכטער לאַפּיטקע, דער לאַנגער רוקן, די געטאָקטע ברייטע קאָפּיטעס, דאָס קליינע רירעווודיקע קעפּל, – דאָס אַלץ האָט זיך מיר געטומלט, געמישט אין די געדאַנקען, מיר אַוועקגעריסן פון לערנען, איך פאַרגעס וווּ מ'האַלט, איך בין ווייט פון דער גמרא, פון רבין. ערגעץ ווייט, דאָרט !.. אין שטאַל לעבן לבנען ביים וואָגן מיט דעם געשפּאַן...

*

צוויי וואָכן פאַר פּסח האָב איך אויפגעהערט צו גיין אין חדר. נאָך שבועות האָב איך געדאַרפט ווערן בר-מצווה, און אויף נאָך-פּסח האָט זיך דער טאַטע געקליבן מיר אָפּצוגעבן צו אַ בעל-מלאָכה, לערנען סטאָלעריי.

איך האָב זיך געזעגנט מיט דעם קאַרגן מלמד, מיטן חדר, מיט דער גמרא כתובות אויף אייביק...

צוזאַמען מיט דעם טאַטן בין איך געפאָרן אויף די יאַר-דעס, געהאַלטן די לייצן און אָנגעטריבן: וויאָ, לבן הארמי! און לבן גייט, פאָלגט ווי אַ גרויסן מענטשן: אַז דו ווילסט איך זאָל גיין, זאָל זיין אַזוי, מיר איז אַלצאיינס – – –
און אַז ער טוט אַ הוסט, זאָג איך אים: אַ געזונט אין דיר,

אַ קראַפּט אין דיינע ביינער, פּונקט ווי דער אַלטער לייבוש, יאָר האַרציקער, געטרייער; מיט אַ קינדערשער הייליקייט, ווי, להבדיל, המפיל, קריאַת-שמע פאַרן שלאָף.

פאַר יום-טוב איז געווען אַסך אַרבעט און מען האָט גוט פאַרדינט. דער טאַטע האָט באַשטעלט פאַר זיך אַפּאָר שטיוול, די קינדער קאָרטענע גאַרניטורלעך און היטעלעך; די מאַמע איז געווען שטאַרק פאַרטון אין שטוב, געוואַשן, געראַמט אויף יום-טוב; דער טיש מיט די בענק זענען אויף דער גאַס געלעגן. די שטוב פריש אויסגעקאַלכט, שטאַרק אָנגעבלויט; אויף דעם פּאָל, פון וועלכן מ׳האָט ערשט פאַר אַ גאַנץ יאָר אָפּגעקראַצט די בלאָטע, איז געלעגן אַ באַרג צעמיאַטעטע שטרוי פון וואָגן, אויף וועלכע די קינדער האָבן זיך געוואַלגערט און געמאַכט קאָזשלקעס. געגעסן האָט מען אין קיך לעבן טיר אויף דער דייזשע. ווייטער האָט מען מיט דעם חמץ נישט געשמעקט.

— דו ווייסט וואָס? — זאָגט צו מיר דער טאַטע (ער פלעגט זיך שוין מיט מיר עצהנען, געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן בר-דעת) — מ׳דאַרף לבנען אויף יום-טוב אַביסל אויספּוצן, זאָל ער אויך וויסן פון אַ יום-טוב. מ׳דאַרף אים, — זאָגט ער, — די קאָפּיטעס אַרומרייניקן, זיי האָבן דאָך קיין צורה נישט — זעען אויס ווי צעגאָסענע פּאַמפּושקעס... אַ וווּנדער: אַ פערד ווייסט נישט, וואָס אַ פּאַדקאָווע איז — — —

מיר האָט אין האַרצן באַלד אַ טיאָכקע געטאָן, ווי עס וואָלט זיך דאָרטן עפּעס אָפּגעריסן. גאָט ווייסט, וואָס מ׳קאָן זיך אָנמאַכן, ער זעט אויס דעם פאַר-יום-טוב אַזוי שיין, מ׳האָט זיך שוין די צינגער פון אַקן אויסגערעדט... לייט האָבן אַזעלכע גרויסע אויגן, זאָלן זיי נאָר אַרויסקריכן, און די ערשטע כפּרה איז דאָס פערד...

צוריק האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט לבן, מיט דער ליסענע אויף דעם פּנים, מיט דעם סערן גנבישן קוק, ווען זיין אויף יום-טוב ריין אויסגעבאַרשט, צוגעגלייכט דעם ווידל, די גזשיבקע פאַרפלאָכטן אין צעפּעלעך מיט רויטע בלאָע

סטענגעס, די קאָפּיטעס אַרומגעשניצט, אַרומגעפּיילט, רונד, ווי געטאָקט...

און יום-טוב נאָכן עסן. אינדרויסן ווערט וואַרעמער די פּסחדיקע זון. די לופט איז פריש, זאַפטיק און אָטעמט מיט פרילינג. די גאַסן זענען טרוקן, ריין אויסגעקערט, אויסגעשאָטן מיט געלן זאַמד. קינדער שפּילן זיך, לויפן אַרום אין די נייע יום-טובדיקע גאַרניטורלעך, גרויסע יידן, ווייבער אין נייע בלוזעס שפּאַצירן פאַר די הייזער, באַטראַכטן דעם פּלויט, וואָס אַרום גערטל, וועלכן מ׳דאַרף באַלד נאָך יום-טוב פאַרזייען.

ביי לייזער דעם שוסטער זענען שוין די ציבלקעס אויפגעגאַנגען (ער איז שטענדיק פון די פריִקע). קוקן זיי אַרויס פון גערטל צו די קינדערלעך, ווי זיי וואָלטן זיי שטילערהייט געוואָרנט:

– קינדער! אַז מ׳עסט אונז אָן ברויט, דאַרף מען מאַכן „בורא פּרי האדמה..."

מעשטשאַנעס פון אַרויף גאַס האָבן איינגעשפּאַנט אָקסן אין די סאָכעס, פערד אין די באָראָנעס און זענען אַרויס אויף די פעלדער. טיכאָן האָט דער יונגער גניאַדער שקאַפּע, וועלכע האָט ערשט מיט אַכט טאָג צוריק אַ ליסן לאָשאַקל געבוירן, אין אַ פור מיסט איינגעשפּאַנט און פאָרט דורך דער גאַס. און דער קליינער לאָשעק מיט דעם גלעקעלע אויף דעם האַלז שליסט אין גאַס קאַנטשאַפּט מיט די יידישע קינדער, כאַפּט מיט זיי אַ שטיף, מישן זיך אויס און לויפן אַלע אינאיינעם...

און איך וועל זיין אָנגעטון אין נייעם גאַרניטור, אין קעשענע אַביסל זאַלץ קעגן אַן עין-הרע... וועל זיך מאַכן נישט וויסנדיק, ווי איך מיין גאַרנישט, אַריינגעגנבעט זיך אין שטאַל, פּאַוואָלינקע אָפּגעבונדן לבנען, גענומען אים פאַרן ציימל, מיט איין האַנט פאַר דער מאָרדע און אַ פיר אַרויס אינדרויסן, דורך דער גאַנצער גאַס, אומישנע צו אברהמקע דעם מילנערס ברונעם אים אָנצוטרינקען: נאַט! קוקט!...

און לבן וועט זיך צוכאַפּן צום טרינקען, איין עמער, אַ

צווייטער. דער זשוראַוול סקריפּעט, ווי ער וואָלט דער גאַנצער וועלט אָנגעזאָגט:

— שאַט, יידן! לבן הארמי טרינקט...

ער הערט־אויף אַ מינוט, רוט זיך אָפּ, קוקט זיך אַרום, באַטראַכט די גאַס, די קינדער, וואָס זענען אָנגעלאָפן, די יום־טובדיקע ריינע הימלען; זייעט אַדורך דאָס וואַסער מיט די ווייסע שטאַרקע און יונגע ציין, שאָקלט צו מיט איין אויער, פאַרקלערט זיך און נעמט ווידער טרינקען.

איך וועל אים גלעטן, פירן איבער אים מיט דער האַנט, זאָלן אַלע זען, אַז איך האָב קיין מורא נישט, צופייפן צום טרינקען — און פירן אים צוריק פאָרזיכטיק, ער זאָל מיר דעם נייעם גאַרניטור נישט פאַרסלינען, און אַז ער וועט אַ הוסט געבן, וועל איך זאָגן:

— אַ געזונט אין דיר, אַ קראַנקט אין דיינע ביינער...

*

אַ טאָג פאַר ערב־פּסח פאַרנאַכט. דער טאַטע איז פון וועג אַהיימגעקומען, האָט אויסגעשפּאַנט, אַוועקגעשטעלט דעם וואָגן אויף זיין אָרט, אויפגעהאָנגען דעם כאָמעט, די שלייעס אין שטאַל אויפן פלעקל, וואָס אין וואַנט, געגעבן אַ ווונק אויף מיר און מיר זענען אַוועק מיט לבנען צו בערלען אין קוזשניע.

פריער האָט בעריל געפּרוווט מיט גוטן, געגלעט, געלאַשטשעט, געקרעכצט: אפשר האָט ער פאַרגעסן אָן משוגעת און וועט געבן אַ פּוס. דערנאָך האָט ער גענומען אַ פאָסטראָנעק, אים דורכגענומען דורכן מויל איבערן קאָפּ, שטייף צוגעבונדן און איבערגעדרייט עטלעכע מאָל מיט אַ פלעקל. דאָס גאַנצע מויל איז געוואָרן צוזאַמענגעדריקט, אין די ווינקלען האָט זיך באַוויזן בלוט, און לבן שטייט, רירט זיך נישט, ווי נישט אים מיינט מען, ווי ער וואָלט גאָרנישט געווען דערביי, אָדער ער וואָלט זאָגן: אַז איך זאָג ניין — וועט שוין זיין ניין. קאָנט איר מיר אַפּילו געבן מיט עפּעס איבערן קאָפּ...

דערנאָך האָט מען אים אַרייגענומען אין אַ סטאַנאָק, פון

פיר שטאַרקע סלופּעס, פאַרצוימט פון אַלע פיר זייטן, הויך, שטייף פאַרריסן דעם קאָפּ און פעסט איינגעבונדן. ער האָט זיך איינגעהערט, אָנגעשטעלט די אויערן צעשראָקן און פאַרוואונדערט...

בערל האָט פאַרוואָרפן אַ פעטלע אויף אַ הינטערשטן פוס, אַריבערגענומען דעם פוס איבערן צוים און געבומען רייניקן...

לבן האָט זיך צוגעהערט צום קראַצן פון דעם שאַבּ־מעסער, אָנגעשטרענגט אומגעדרייט דעם קאָפּ, פאַרקרימט די אויגן, ביז די רויטקייט, וואָס אין די ווינקלען, און ביז אָנגעקוקט...

פּלוצלינג האָט ער זיך אַ שטאַרקן ריס געגעבן, אַ שפּרונג, אַ זעץ מיט די פיס אין סטאַנאָק, אַ מגושמדיקער קלאַפּ, אויס־געמישט מיט אַ ווילדן רעווערײַ. אַלע זענען פון שרעק אָפּגע־שפּרונגען און אַנידערגעפאַלן — — —

אַז מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט, איז לבן געזעסן ווי אַ הונט, אויפן הינטן זיך געשטיקט פון דעם שטריק, געכאָרכלט און אַרויסגע־שטעקט די צונג. באַלד האָט אים עמעצער מיט אַ האַק איבער־געהאַקט די שטריק. ער האָט אָפּגעעטעמט, דעם קאָפּ אַראָפּגע־לאָזט, און אים אין דער רעכטער זייט צום בויך פאַרדרייט; ער איז געבליבן זיצן ווי פריער, זיך נישט גערירט פון אָרט.

דער רעכטער הינטערשטער פוס איז געווען איבערגעבראָכן אויבן, איבער דער קני...

אַז דער טאַטע איז עטוואָס צו זיך געקומען, איז ער אויפגעשטאַנען, צוגעלאָפן צו לבנען, גענומען דעם פוס אין האַנט, באַטראַכט, שטייף געקריצט מיט די ציין, געקוקט אויף לבנען, לבן אויף אים, ווי איינער וואָלט דעם צווייטן געפרעגט;

— נו, וואָס? האָסט נאָך עפּעס צו זאָגן?..

דער טאַטע האָט אַ וואָרף געגעבן די צוואַנג, וואָס ער האָט ביז אַהער פאַרגעסן פון האַנט אַרויסצולאָזן, זיך געכאַפּט מיטביידע הענט פאַר דעם קאָפּ, ווי עס וואָלט אים ווער אומגעריכט פון הינטן מיט עפּעס דעם קאָפּ געפּלעט, און זיך געלאָזט לויפן אַהיים.

בערל דער שמיד האָט זיך קוים אויפגעשטעלט, און

געבליבן שטיין פונדערווייטנס, האָט זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט, געטרייסלט זיך ווי אַ בלאַט, ווי עס וואָלט אויף אים אַ קדחת אָנגעפאַלן.

און איך האָב אים געגלעט, געהאַלזט און געוויינט:

— לבן הארמי... לבן הארמי...

. . . .

אין דער מינוט איז די ידיעה אַדורך איבער אונזער גאַס:

— לבן הארמי האָט אויסגעבראָכן אַ פוס.

אַלע האָבן געקוקט אויף אונזער שטוב, ווי עס וואָלט דאָרט אַ טויטער געלעגן, דער טייערסטער... דער קאָפּ פון שטוב, און מ׳האָט אים נאָך נישט צוגענומען; און מ׳קוקט צו דער שטוב, ווי זעט זי אויס, וואָס וועט זי טון... וואָס קאָן די שטוב זאָגן אויף דעם...

אַרום קוזשנע האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל צונויפגעקליבן.

— אַ גוט אויג! בייזע מיילער האָבן אים אויפגעגעסן! אַ ייד אַ בעל-עגלה פאָרט נישט מיט אַזעלכע פערד...

*

אינדרויסן האָט מיט פרילינג געשמעקט. אַ וווּנדער-שיינע ערב-יום-טובדיקע אויסגעשטערנטע קילע נאַכט; אַ גרויסע פולע פסחדיקע זילבערנע לבנה איז איבער בלאָע, ריינע אויסגעצוואָגענע הימלען געשווומען, אַלע ווילע זיך באַהאַלטן אונטער אַ וואָלקנדל, און ווידער אַרויס, ווי זי וואָלט זיך געשפּילט מיט זיך אַליין. וואַרפט אַן אויג אויף דעם מידן איינגעשלאָפן שטעטל, אויף דעם ביסל יידיש אָרעמקייט, וואָס וואַלגערט זיך פאַר די הייזער אויף מאָרגן צום פשרן. יידן זענען מיד פון ערב-יום-טוב, האָט זי זיך דאָ אויף דער וואַרטע געשטעלט און היט אָפּ, מ׳זאָל זיי חלילה קיינער קיין שלעכטס נישט טון.

אַ ליבּ דרום-ווינטל האָט די ביימלעך געוויגט, געגלעט, און האָט פון ערגעץ אַ בשורה געבראַכט: „הנצנים נראו בארץ״.

דער פרילינג איז שוין דאָ, דער וויהאָן גרינט שוין, די לאַנ־קעס וועלן זיך באַלד מיט פּאַשע אָנקליידן, און אין די זומער־דיקע שטילע כּישופדיקע נעכט וועט מען מיט פערד אַרויספאָרן אויף „נאָצלעג״...

דער שניי האָט זיך פאַר דעם גרוס דערשראָקן און אין זיך אַליין אָנגעהויבן שמעלצן, איבער די גאַסן, אין די קאָלעס פון די רעדער האָבן זיך שמאָלע רינשטאָקלעך געגאָסן, גע־פלוסקעט מיט אַ ווייסן שוים פון אויבן; אויפן וועג מיט זיך אַ הויפן היי פאַרכאַפּט, בולבעס געמאַכט, זיך ערגעץ־ווו אָן אַ שטיין פאַרטשעפּעט, אים אויסגעמיטן, געפונען אַן אַנדער וועג, און אַוועק ווייטער אַראָפּ, צום וויהאָן צו, מיט אַ לייכטן גערויש, און מיט אַ שטיל ניגונדל, ווי עס וואָלט ווער פון שלאָף געזונגען...

די ערב־פּסחדיקע מידקייט האָט די גאַס אין אירע אָרעמס אַריינגענומען און זי איינגעשלעפערט. די פייערלעך האָבן אָנגעהויבן באַלד נאָך ביעור־חמץ זיך אויסלעשן, און די קלאָרע גרויסע לבנה האָט זיך אין שטומע, שוואַרצע שויבן אָפּגעשפּיגלט...

ביי אונז האָט נאָך געברענט אַ קליין לעמפּעלע. דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען געזעסן אויף דער ערד און געשוויגן. די קינדער זענען אָן וועטשערע איינגעשלאָפן אויף דעם שטרוי...

איך בין פאַר דער טיר געשטאַנען, געציטערט אין דעם פרישן קילן פרילינגס־לופט, זיך געטוליעט צו דער וואַנט און געוואַרט ביז מ׳וועט „אים״ אַדורכפירן...

באַלד האָט זיך דערהערט אַן איינגעגעסענע סקריפּעריי פון אַ לאַנג נישט געשמירטן וואָגן. דערנאָך האָט זיך פון יענער זייט קרעטשמע געוויזן ליטמאַנס ווייס פערד, נאָך אים אַ קליין וועגעלע אָן לייטערס, און אויף דעם וועגעלע איז לבן געלעגן אויף אַ זייט, שטאַרק אָנגעבונדן מיט שטריק.

אָט זענען זיי פאַר דער שטוב. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן דערהערט דאָס פאָרן און האָבן זיך אין פענצטער געשטעלט...

לבן האָט זיך געריסן פון וואָגן, געצויגן צום שטוב, גע־הירזשעט, גערופן. און ווען ער האָט געזען, אַז מ׳פּאָרט ווייטער, האָט ער דעם קאָפּ צו אונז אויסגעדרייט, פאַרווונדערט אויף דער שטוב געקוקט, און מיט אַן אוממעכטיקן שטומען בליק האָט ער זיך ווי געבעטן: פאַרוואָס לאָזט איר מיך אַליין?

לאַנג, לאַנג האָב איך אים נאָכגעקוקט. דאָס וועגעלע האָט ווי פריער געסקריפּעט, געצויגן זיין ווילד-מגושמדיק לידל, ווי עס וואָלט מיט מעסערס געקראַצט.

אָט האָבן זיי זיך אונטערן גלחס שטוב צום לאָנקע פאַר־קערט, און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז אין זיין לעצטן בליק איז געווען:

— בלייבט געזונט, לעבט גליקלעך...

און איז פאַרשווונדן פון אויג.

נאָך אַביסל האָט זיך דאָס סקריפּען פון ליטמאַנס וועגעלע אין דער נאַכט געטראָגן — אַזוי טרויעריק, יתומדיק, עלנט און האַרצרייסנדיק. און ערגעץ-ווו פון דער צווייטער זייט, אין דער גוייִשער גאַס, האָט זיך אַ הונט צעוואָיעט, אין אַ יאָמערלעך הינטיש כליפּען זיך צעגאָסן, זיך אַריינגעמישט אין דעם סקריפּען פון וואָגן און פאַרשווונדן אין דער נאַכט...

מילאָסנע, 1907

אַ מעשׂה מיט אַ חזיר

אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי :

בײַ לייזער דעם שוסטער איז געווען אַ שלעכטע צוים אַרום גאָרטן. אַ חזיר פון די חזירים, וואָס דרייען זיך אַרום און דערנערן זיך אין דער יידישער גאַס, האָט דאָס דערשמעקט, האָט ער אָפּגעשפּאַרט אַ ברעטל, צעוויסגעשאַרט אַביסל ערד, זיך צוזאַמענגעקוועטשט און איז אַריין.

אין איבערן גאַס אַדורכגעגאַנגען אַ געשריי : „אַ חזיר אין גאָרטן !!", האָט זיך ביי לייזער דעם שוסטער געגעבן אַ פּראַל אויף די טיר און אַלע פון שטוב האָבן זיך געגעבן אַ שאָט אַרויס אין דרויסן, כאַפּנדיק מיט זיך, וואָס עס איז געקומען אין האַנט. איז געוואָרן אַ געלויפעריי און אַ געשפּריגעריי איבער פּאַרזייטע בייטן און ראָזאָרעס ; און אַז דער חזיר איז שוין געווען אַרויסגעטריבן, האָט לייזער אויפגעזוכט אַן אַלט ברעטל, אַפּאָר טשוועקעס, פאַרקלאַפּט דעם לאָך, פאַרלייגט דאָס גריבל מיט אַ שטיין ; צו לעצט געפּרוווט נאָך אַפּאָר מאָל מיט דער האַנט, ווי שטאַרק דער פּלויט שטייט, און איז אַריין אין שטוב.

אין דער צייט, וואָס לייזער איז אַזוי געשטאַנען מיט דער שפּיציקער יאַרמלקע און לעדערנעם פאַרטעך און האָט מיט אַ קליין שוסטער-העמערל צוגעקלאַפּט דאָס ברעטל, איז זיך דער חזיר געשטאַנען אַביסל אָפּגעטראָטן פון דער זייט, האָט געקייט

און איבערגעקייט אַלץ, וואָס ער האָט מצליח געווען מיטצוכאַפּן אין איילעניש, און זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס לייזער טוט. און ווי לייזער איז נאָר די שוועל אין שטוב אַריין אַריבער־געטראָטן, איז ער צוריק געווען ביים גאָרטן, — דאָס ברעטל איז אַן אַלטס פון אַ צלט פּאָלירט בעט, צעגעסן פון דער מאָל, די טשוועקלעך פאַרזשאַווערטע, שוין אַסך גילגולים אַדורך — און ער איז שוין אינעווייניק...

דאָס צווייטע מאָל האָט לייזער אַ שטיק צווייג צוגעשטעלט צום ברעטל, פאַרשניצט שפּיציק, אַריינגעקלאַפּט אין דער ערד, אויבן שטאַרק מיט אַ שנירל צוגעבונדן און צום לאָך צוגעקאַטשעט אַ גרויסן שווערן שטיין.

צום דריטן מאָל האָט דאָס לייזער אָנגענומען פאַר אַן אָנשיקעניש פון זיין ליבן נאָמען... און אַרויסטרייבנדיק דעם חזיר פון גאָרטן, איז ער אים זייער לאַנג נאָכגעלאָפן און ווייט פאַריאָגט, ער זאָל שוין קיינמאָל צו דער גאַס נישט טרעפן, און נאָכלויפנדיק אים, אַלץ נאָכאַנאַנד נאָכגעוואָרפן דעם האַמער און געציילעוועט האָט ער זיך אים אַן אויג אַרויסצונעמען, נאָר אַן אויג — דאָס וואָלט אים אפשר געלאָשן דאָס בלוט.

נאָר אַז דער חזיר איז שוין איין מאָל געווען אין גאָרטן, האָט ער דאָס אַריינגענומען אין קאָפּ, ציט דאָס אים ווי מיט צוואַנגען. און אַז מ׳זוכט, געפינט מען. יידישע פּלויטן זענען פון שמות צוזאַמענגעשטעלט און מיט ציצית צונויפגעבונדן; טרעפט ער צו אַ שפּייכלערל, אַ קרעמל, וואָס האָט אַ שלעכטע טיר, און עפנט אויף אַ זאַק מעל, כאַפּט מען אַ בייגל ביי אַ זיצערקע, ווען זי פאַרקוקט זיך; טרייבט ער אָפּ אַ בהמה פון צעבער, געפינט ער אַ שטוב, ווו מ׳האָט אום זומער געלאָזט די טיר אָפן, שלעפּט צראָפּ אַ ברויט פון „דייזשע“. טוען שוין אַלעמען ווייי די הענט פון די קלעפּ, וואָס מ׳שלאָגט אין אים אַריין. ווו אַ שטעקן, אַ קאָטשערע האָט מען אויף אים צעבראָכן, און נישט איינמאָל האָט מען אויף אים אויסגעגאָסן דעם קרופּניק, געוואָלט אים אָפּפּאַרען, און געבליבן אָן אָנבייסן.

און אין דער יידישער גאַס האָט זיך אַ געפיל פון־שנאה,

מורא און אומבאַהאָלפנקייט צעטראָגן... אויף די שפּייכלערס און שטאַלן זענען געוואָרן אָנגעהאָנגען שלעסער און נייע האָקן צו די טירן צוגעשמידט, בעלי-ביתטעס זענען געבליבן זיצן אין שטוב, די שטוב צו היטן. און פון שטוב האָט מען די קעפּ אין די פענצטער געהאַלטן אויפן גאָרטן אַ בליק צו וואַרפן. קינדער מיט עסן האָט מען נישט געלאָזן אין גאַס, ער זאָל דעם פּיסק אין שיסעלע נישט אַריינשטעקן, פון הענטל דאָס באַשמירטע ברויט נישט אָוועקנעמען צוזאַמען מיט דעם הענטל, און זיצנדיק אין שטוב בײַ וואָס פאַר אַן אַרבעט עס זאָל נישט זיין, אָנגעטון אין טלית און תּפילין, שטייענדיק שמונה-עשרה האָט מען זיך צום גאַס צוגעהערט. און יעדע מינוט גרייט געווען צו וואַרפן זיך אין גאַס אַריין...

*

איינמאָל האָט זיך דאָס גאַנצע צוזאַמענגעקליבן עצהגעבן און קלערן, וואָס מ'האָט צו טון. און עס איז געבליבן, אַז מ'זאָל אָוועקשיקן מענטשן צו דער גוישער גאַס. זיי אַלץ דערציילן, פרעגן אויף יושר, בעטן אין נאָמען פון דער שטענדיקער פריינטשאַפט, און מתרה זיין, אַז קיינער איז נישט ערב, וואָס עס וועט זיך מיט אים נישט טרעפן...

און געגאַנגען זענען:

לייזער דער שוסטער, ער איז געווען דער ערשטער אויפן פייער. האָט שוין אויף אים אפשר פינף הענטלעך פון העמערלעך צעבראָכן און זאָגט, אַז ער וואָלט אים דערקענט אפילו אַן אָפּגעשינדענעם...

שמואל דער סטאָליער, אַ ייד, וואָס האָט כּל ימיו אין דאָרף אָפּגעוווינט, רעדט גוייש, ווי איינער פון זיי.

בערל דער שמיד, אַרבעט פאַר די מעשטשאַנעס און קען זיי אַלע מיט די נעמען.

און טוביה דער מלמד, אַ יאַדעשליוועד ייד מיט אַ סאַמעטן היטל און אַ יאַרמלקע אונטערן היטל, מיט אַ וואַטעווען לייבל אום זומער, אין וועלכן עס זענען אַריינגעמאַכט ציצית.

אַלע שכנים פון גאַס, וואָס האָבן אַמיינסטן געליטן, יידן בעלי-הבתים, מיט אייגענע הייזער און גערטנער, זענען דעפּו-טאַטן אין דער מעשטשאַנסקי אופּראַווע און וואַרפן גאַלקעס אויף אַ סטאַראָסטע.

געווען איז דאָס פאַרנאַכט, בין מנחה למעריב. די מעש-טשאַנעס זענען פון פעלד געקומען, אויסגעשפּאַנט, די וועגן אויף די ערטער געשטעלט און זיך געזעצט „וועטשערען". דערהערט פון זייער קומען, האָט מען זיך פון די טישן אויפגעהויבן און זיי אַנטקעגן געגאַנגען, — די שענסטע בעלי-הבתים פון גאַס:

דער „סטאַרשינאַ" (עלטסטער), אַ הויכער און זייער גראָ-בער פּויער, וואָס האָט אַסך פעלד און אַרבעט נישט אַליין, ווייל עס איז אים שווער זיך איינבויגן, דער „סאָטסקי", דער דעסאַטסקי, דער סבאָרשטשיק — אַ געוועזענער פעלדפעבל, זייער אַ טעמפּער פּויער, (די מעשטשאַנעס געפינען, אַז ער איז אין סלוזשבע גאָרנישט קליגער געוואָרן) אין אַ דענקע מיט רויטע לאַמפּאַסן פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס צייטן, און אַזוי על-טערע און חשובע בעלי-בתים פון גאַס.

דאָס יינגוואַרג איז געווען פון דער זייט, עס האָט זיי שטאַרק דאָס האַרץ געצויגן צוצוגיין, נאָר זיי האָבן נישט געוואַגט און מורא געהאַט פאַרן סטאַרשינאַ.

געשטעלט האָט מען זיך לעבן פּלויט, וואָס פאַרן סטאַר-שינאַס שטוב, און מ'האָט גענומען אויסהערן אַלץ, וואָס יידן האָבן דערציילט און געבעטן אין נאָמען פון זייער גאַס. אַז מ'האָט געענדיקט צו דערציילן, האָבן עפּאַר גויים שווער אָפּ-געזיפצט — זיך דערמאָנט אין דער וועטשערע, וואָס איז גע-בליבן שטיין אויפן טיש, אייניקע האָבן געשוויגן — ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט, אַז ביי זיי זאָל אַזעלכעס געשען. דער פעלדפעבל האָט געפונען, אַז עס איז ווייניק דיסציפּלין דאָ אויף דער וועלט, אַלץ איז געוואָרן הפקר, און דער סטאַרשינאַ האָט האָט שווער אַרויסגעברומט: טאַק, טאַק... ער איז מסכים, אַז זיי זענען גערעכט און צוגעזאָגט ברענגען די זאַך אין אָרדענונג,

דערנאָך האָט מען זיך פריינטלעך צעזעגנט, נאָכגעגאַנגען אַ שטיקל צום באַגלייטן, און די יידן געשיקט אַהיים.

נאָר צוריקגייענדיק האָט לייזער דער שוסטער זיך צוגע־קוקט צו זייערע גערטנער און באַטראַכט, ווי שיין עס איז אַלץ אויפגעגאַנגען, געדיכט באַוואָקסן, די קאַרטאָפל האַלט שוין ביים בליען, האָט ער זיך דערמאָנט אין זיינע דריי בייטן קאַרטאָפל, ווי עס האָט גאָרנישט דערלעבט אויפצוגיין, איז אים געוואָרן ענג אַרום האַרצן און ער האָט זיי געוואונטשן אַלע נכפהס...

*

עס זענען אַוועק טעג מיט וואָכן און אַלץ איז געבליבן ווי פריער. צווישן דיביידע גאַסן, ווו עס האָט שטענדיק געהערשט אַ פרידן, האָט זיך עפּעס גרויסס און שווערס פאַר־צויגן. אַרויסגייענדיק פאַרן שטוב זיך זעצן אויפן פּריזשבע, האָט מען אַהין געשיקט אַ בייזן בליק מיט אַ קללה.

און ווען קרוטקעוויטשיכע, אָן אַלטע שיכּורטע, וואָס קוואַ־פּעט זיך זייער אויף יידישע חלה, קומט שבת צו לייזער דעם שוסטער מעלקן די בהמה און אַראָפּנעמען די לייכטער פון טיש, שיקט זי פאַרבייגייענדיק שאַרפע באַגערנדיקע בליקן צו דער האַלבער חלה, וואָס איז פון נעכטן אויפן טיש געבליבן און זאָגט:

— אָבער איך טענה דאָך מיט זיי, אַז מ׳דאַרף זיך מיט שכנים נישט איינרייסן. אַז מ׳האָט אַ שלעכט חזיר, וואָס מאַכט הזיקות, נעמט מען און מ׳פאַרקויפט אים, און פּטור.

ווערט לייזערן וואַרעם אַרום האַרצן, וואָס עס איז דאָ נאָך איין מענטש, וואָס פילט אים מיט. רעדט ער נישט קיין וואָרט. נעמט זי אָן ביים האַנט, פירט זי צו צום גאָרטן:

— נאַ, זאָג דו אַליין, איך וועל שווייגן...

כאַפּט זיך די גויע ביים קאָפּ, צלמט זיך:

— באָזשע מוי! באָזשע מוי! — זי האָט נאָך אַזעלכס נישט געזען...

און חיים-לייב -זרחס, אַ געווענער בעל-עגלה, אַ לייב אויף דער עלטער מיט געשוואָלענע פיס און אַ געל פאַרמעט פּנים. אַ ווייס-ברודיק קאָלטונעוואַטע באָרד אונטער אַ היטל מיט שפּאַסענע פּאַטלעך און אין ווייסע וואָליאַקעס אום זומער, לעבט מיטן זכות פון זיין אַמאָליקן גרויסן נאָמען.

גיט אַכטונג אויף אַ פערד אין מאַרק, ווען דער פּריץ דאַרף עפּעס צווישן די קראָמען, כאַפּט אויף אַ באַריש אַ טרונק בראָנפן און אַ בולקע אין קעשענע. ווערט ער ביים צווייטן שנאַפּס ווייך און ריידעוודיק, ביים דריטן וויינט ער, ווי אַ קליין קינד, און ציט אַ פרעמדן פויער ביים אַרבל:

— אַנטאָש! ברודער אַנטאָש! פאַרוואָס פירן איבער אייערע חזירים ביי אונז די גערטנער? פאַרוואָס האָט איר אַזעלכע שלעכטע חזירים?

פילט דער פרעמדער פויער, אַז דער אַלטער האָט רעכט, כאָטש ער הייבט נישט אָן צו פאַרשטיין, וואָס ער וויל פון אים, ציט ער זיך צו אים אויף קושן:

— זאַכאַראָוו-סין, דידו. אָסטאַוו האָדע! עס זיין גענוג...

*

איינמאָל, אין אַ סוף-זומערדיקן שבת-פרימאָרגן, עס איז נאָר-וואָס טאָג געוואָרן, איבערן גאַס האָט זיך אַ קילע ליכטיקע שטילקייט צעגאָסן, יונגוואַרג זענען געשמאַק און האַרט גע-שלאָפן. עלטערע האָבן זיך געוועקט, אָנגעטון, נעגל-וואַסער אָפּגעגאָסן, זיך געזעצט מעביר-זיין די סדרה און זיך געקליבן אַרויסצולאָזן די בהמה אין פעלד — האָט זיך פלוצלינג פון דרויסן אַ גערודער און אַ פאַרדומפּן געשריי דערהערט. נישט טויט, נישט לעבעדיק האָט מען זיך אין גאַס געוואָרפן, ווייבער אין נאַכט-טשיפּיקעס, מאַנסבילן אין ווייסע פרישע העמדער און טליתים-קטנים. און אַז מ'איז געקומען אַהין, דאָרט, פונוואַנען דאָס געשריי האָט זיך געטראָגן, האָט מען דערזען — אַ גאָרטן, טוביה דעם מלמדס גאָרטן, ביים צוים אַפּאָר ברעטער אָפּ-געריסן, און אין גאָרטן איז דער חזיר. און אין גאָרטן אַן

איבערקערעניש, און טוביה אין א יארמלקע, מיט ווייסע אונטער־הויזן, וועלכע שאריען אזוי העל קעגן די פרישע מארגן־שטראלן. און דאס ווייב מיט א קאלדרע אויף די אקסלען, מיט שטעקנס אין די הענט, לויפן נאך דעם חזיר, לויפן מיט די לעצטע כוחות, און דער חזיר פירט זיי — בייט איין, בייט אויס, ראזאווע איין, ראזאווע אויס, און לאזט זיך נישט ארויסטרייבן.

דער עולם האט זיך אין גארטן א לאז געטאן, געכאפט וואס עס איז אין האנט געקומען, און באלד האט ער זיך גע־לאזן צום ארויסגאנג, לאנגזאם גאנץ רויק אדורך דעם פלייטל, ווו מ'איז פוןביידע זייטן געשטאנען מיט גרייט אויפגעהויבענע פיס אים א זעץ צו געבן. און איינהערנדיק זיך צו די קלעפ, וואס מ'האט אין אים ארייגעלייגט איז ער אפגעגאנגען אביסל פון דער זייט, האט ארויסגעלייגט א בארג קארטאפל, וואס ער האט מיטגעכאפט אין לעצטן אויגנבליק, און אנגעהויבן איבער־קייען איינציקווייז...

ווען דער חזיר איז שוין געווען אין דרויסן, איז טוביה צום ערשטן פלויט מיטן שטערן צוגעפאלן, עס האט אים פאר־פעלט אטעם — ער האט א ווארט נישט געקאנט אויסרעדן און סאפנדיק ווי א שמיד־זאק האט ער זיך מיטן האנט ביים הארצן צוגעהאלטן און געציטערט ווי א בלאט.

און אז טוביהס ווייב האט זיך דערמאנט, צוליב וועמען עס איז אט די גאנצע חתונה, אויף וועמעס בייז־ווונדער דער עולם איז דא צוזאמענגעקומען און שטייען ווי די גלאמפן, האט זי מיט ביידע הענט א זעץ געטון אין קאפ און הילכיק זיך צעוויינט. אלע זענען שטיל אויף די ערטער געבליבן, די קעפ אראפגעלאזן, און געפילט האט זיך, אז גאטס צארן האט זיך איבערן גאס פארשפרייט, קיינער קען אים נישט אנטקעגן שטיין...

*

צווישן די קליינע שטילע הייזלעך, וועלכע זענען זומער אין די הויכע טיטשקאווע באב געצוען פארטוליעט, האט א רויטער

בלעכענער דאַך פון אַ גרויסע הילצערנע שטוב מיט רויט-געפאַרבטע פענצטער צום גאַס אַרויסגעקוקט. פאַרן שטוב קלעצער מיט קאָוואַדלעס און איבערן טיר איז דער אושאַק געווען פאַררייכערט.

דאָרט האָבן געוווינט די קאָטליאַרעס: צוויי ברידער און אַנדערטהאַלבן טוץ שותפותשע בנים אין צוויי האַלבע הייזער. די אַלטע, געזונטע יידן מיט רויט-בלאָע קערגער, און ווייס-גרינע בערד פון זאַלץ-זויער האָבן דעם גאַנצן לעבן געאַרבעט ביי ברייהייזער, און היינט, זאָגט מען, טרייבן זיי אונטערן שטוב אַ ברייהייזל פאַר אייגן געברויך...

געלעבט האָט מען אין שותפות, געאַרבעט האָבן די זין, די אַלטע האָבן נאָר געבעל-הביתוועט, און אַז אַ טאַטע האָט עפּעס געזאָגט, האָט מען געקענט אַ מיתה-משונה איינגעמען און געמוזט פאָלגן, אַז מ'האָט געדאַרפט אויסהאַמערן אַ קעסל, האָבן זיך צעשטעלט פינף געזונטע יינגען, און פינף פאָלירטע האַמערלעך אין די הענט גענומען; אָנגעהויבן האָט דער עלטערער, דערנאָך דער צווייטער, לויט די יאָרן: איינס... צוויי... דריי... ווי שטילער איינגעהאַלטענער אַקאָרד, און וואָס ווייטער שנעלער, שטאַרקער, לעבעדיקער, און באַלד איז אַרום זיי געוואָרן אַ ווינט, עס האָבן זיך האַמערס מיט הענט שוין נישט געזען. נאָר אין דער לופט האָט עפּעס געפּייפט און אין דער ווייט אַריין האָט זיך אַ געזונטע פריילעכע מוזיק פון דעם האַמערן צעגאָסן ביז צום וואַלד געקומען און פון וואַלד אין אַן עכאָ צוריקגעקערט.

די טאַטעס זענען ביי דער זייט געשטאַנען, געשמאָלצן פון נחת און געוואָרנט:

— חברה, ברענט נישט! נאָר נישט צו הייס, איר וועט דעם קעסל אָנצינדן!

אין יענעם קילן שבת-פרימאָרגן זענען די אַלטע קאָטליאַרעס אויך געווען צווישן עולם, וואָס האָבן באַוויינט טוביה דעם מלמדס חורבן. און אַז עס האָט זיי שטאַרק פאַר-נומען ביים האַרצן, האָבן זיי אַהין צום שטוב, דאָרט ווו די

זין זענען ערשט אויפן בוידעם געווען, אין פרישע היי אויס־געצויגן און געשמאַק געשלאָפן, אַ קרומען, בייזן בליק געשיקט:

— ממזרים, אַ רוח אין אייערע לייבער אריין !..

נאָך זיי האָבן אַלע אַהין צום רויטן דאַך די בליקן גע־ווענדט, פול מיט חנינה, נקמה־געפיל און האָפענונג, ווי צום איינציקן שטערן, וועלכער האָט פאַר זיי געלויכטן אין יענעם שבתדיקן פרימאָרגן...

*

געשען איז עס ביינאַכט... קיין לעבעדיקע באַשעפעניש האָט נישט געזען, נאָר אַלע האָבן געוווסט, זיך געשטויסן, ווער, וואָס און ווען, זיכער געווען און געשוויגן...

די ערשטע שקצים, וואָס האָבן זיך פון „נאָצלעג״ גע־קערט און זענען רייטנדיק אויף די פערד צוזאַמען מיט די ערשטע טאָג־שטראַלן אין מאַרק אָנגעקומען, האָבן דאָס דערזען... און באַלד איז אין דער גוישער גאַס געוואָרן אומרויק, ווייבער האָבן אוועקגעוואָרפן אין מיטן די קי מעלקן, מאַנסבילן די פערד האַלב איינגעשפאַנט מיט איין אָלאָבליע אין דער לופטן און האָבן זיך צום מאַרק געלאָזן. נאָך זיי שקצים מיט שיקסלס אין איינע העמדער און קלענערע איינגאַנצן נאַקעט, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט.

— זשידזי סווינֿיו זאַבילי !

אַלע האָבן אים אַרומגערינגלט, באַטראַכט, געדרייט, צוגע־קוקט צום ווייסן שוים, וואָס איז אַרום פיסק פאַרקילט געבליבן. און עס האָט זיך געטראָגן אַ טומל, אַ גערודעריי, וועלכע האָט אין דעם ליידיקן שטיל־איינגעשלאָפענעם מאַרק, ווי פון אַ ליי־דיקער פאַס אָפּגעקלונגען: הו, הו, הו !..

אַסך פינגער האָבן געטייטלט אַהין, צום רויטן דאַך, דאָרט ווו די ייִנגען זענען שוין געווען אָנגעטון און מיט שטיקלעך אייזן אין די הענט דורך דעם קליינעם בוידעם־פענצטערל געלאָקערט צום מאַרק.

אין דער ייִדישער גאַס איז מען אין איינע העמדער פון

די בעטן אַרויס, אין דעם טונקעלן פּאַרטאָגיקן נעפּל, אַרום די פענצטער זיך געשפּאַרט, איינער איבערן אַנדערן, אויף די שפּיצן פון די גראָבע פינגער זיך געהויבן און ציטערנדיק פון קעלט, דורך די שפּאַרעס פון די שטאָרן אין מאַרק אַרויסגעקוקט...

נאָר צו קיין שלעכטס איז נישט געקומען, דער סטאַרשינאַ איז אַ גוי מיט יושר... האָט מצדיק געווען דעם דין און געזאָגט:

— גאַנץ רעכט. מ'האָט אים געדאַרפט נאָך פריער פּאָלגן...

ביז האַלבן טאָג איז געוואָרן געבראַכט אַ פור, אים אַרויפגעוואָרפן און, באַגלייט פון דער גאַנצער גויישער גאַס, אַוועקגעפירט אַהיים. יידן האָבן די שטאָרן אַרויפגעצויגן, זיך אין גאַס אַרויסגעוויזן, די קראָמען געעפנט און ווי עס וואָלט נאָרוואָס טאָג געוואָרן, האָבן די השכמה-יידן מיט טלית-זעקלעך אונטערן אָרעם אין בית-המדרש זיך געצויגן, שחרית מיט מנחה צוזאַמען געדאַוונט, און קומענדיק צו „ולמלשינים" האָבן זיי מיט כוונה די ווערטער באַטעמט:

„וכל הרשעה כרגע תאבד"—און אַלע, וואָס קלערן שלעכטס אויף דיין פאָלק, זאָלן פאַרשניטן ווערן, און די מוטוויליקע זאָלסטו אויסרייסן, פאַרטיליקן און זאָלן שוין קיינמאָל קיין תקומה נישט האָבן.

און אַ לאַנגע צייט נאָך דעם, ווען יידן-העבדלער און מעשטשאַנעס צעזעצן זיך אין אַ זונטיק, אָדער אַ חגא-טאָג אויף די קלעצער, וואָס אַרום מאַרק-ברונעם, ווערן די שמועסן גאָר אין אַנהויב איבערגעריסן, און דערמאָנענדיק זיך אין יענער „מעשה", לאָזט מען אַראָפּ די קעפּ און מ'שווייגט...

וואַרשע, 1910

יואל און ציפע

יואל איז אַ בעל-עגלה בירושה פון טאַטן, זיידן און עלטער-זיידן. אַז ער איז אויף דער וועלט געקומען איז אים צוקאָפּנס אַ בייטש געשטאַנען, זיין וויג, אַן אויסגעפלאָכטן קיישל פון לאָזע פריטער, איז אויף אַלטע לייצן-שטריקלעך פון בעליק געהאָנגען, און אין וויגל צעמיאַטעטע שטרוי פון וואָגן אָנגעבעט.

זומער, אַז דער וואָגן איז פאַרן שטוב געשטאַנען, האָט אים די מאַמע אין אַ קורץ העמדל מיט נאַקעטע פיסלעך אַריינגעזעצט אין דעם שטרוי מיט דער ברוסט איבערן לייטער זיך אַריבערגעבויגן און געגעבן אים צו זייגן. ווען ער האָט אָנגעהויבן אַרומגיין, האָט מען אים אויפן פערד געזעצט, צוגעהאַלטן און געלערנט רייטן.

אַריינגעגאַנגען אין חדר, איז אַ וואָוו אַ זאָטיצקע, אַ יוד — אַ קוציק, אַ לאַנגער נון — אַ בייטש-שטעקל, אַ כ— אַ פאָדקאָווע, אַ לאַנגער צדיק — אַ דישעל. פון חדר אין וואָגן, אויף ווייטע יאַזדעס זיך פאַרשלאָגן, מיט לישאַיעס אויפן פנים און אונטערגעשלאָגענע אויגן, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַן אייגן געשפאַן.

דאָס פערד איז אים נאָענט און ליב, ווי אַ טייל פון זיך — ווי די רעכטע האַנט, ער פאַרשטייט אים און רעדט צו אים, ווי צו זיינס אַ גלייכן.

און ליב האָט ער דאָס שיינע פערד, מעג עס זיין אַ ווילד-פרעמדס, מעג ער אים זען צום ערשטן מאָל. אַ שיין פערד פאַרשיכורט אים. נישט איינמאָל לאָזט ער דורך אַ באַן,

ער שפּאַנט איין, פאָרט אַרויס, דערווייל דערזעט ער אַ שיין פערד שטיין אין מאַרק, שטעלט ער זיך צו מיט דער פור און קען אַזוי אָפּשטיין פאַרגאַפּט ביז דער עולם הויבט זיך אָן ווייזן צוריק פון באַן. דערמאָנט ער זיך, מאַכט זיך נישט ווייסנדיק, פאַרקירעוועט, פאָרט צו צום שטאַל און שפּאַנט אויס...

מער ווי דאָס פערד ליבט ער דאָס פאָרן. ער האָט ליב גוט און שיין צו פאָרן. אַז מען פאָרט אַדורך דעם מאַרק דאַרף בליצן, עס דאַרף דעם מאַרק אויפּרירן, אַ בעל־עגלה מוז האָבן אַ גאַנץ פערד, אַ גלייכן און אַ פּינקטלעכן וואָגן. אַ בעל־עגלהשער שפּאַן דאַרף זינגען.

שיין איז דאָס בעל־עגלהשאַפט, פערד־און־וואָגן, די שמו־עסן, דאָס אַרויסגיין און אַוועקשטעלן זיך אין מאַרק מיט חברה. דער פאַרדינסט איז אים נאָר נויטיק וויפל פערד־און־וואָגן דאַרפן פאַר זיך: היי, האָבער, שמירעכץ און אין קוזנע, דאָס איבעריקע, פאַלט עפּעס אַראָפּ פון פערד ברענגט ער אין שטוב — אַ פור האָלץ אַמאָל אום ווינטער, אַן אַכטל קאַרטאָפל פון אַ דאָרף, אַ מלבוש אויף אַ יום־טוב פאַר אַ קינד — אַנישט איז אויך גוט...

*

ציפּע ווייסט, וואָס זי האָט צו טון. פאַרלאָזט זי זיך נישט אויף אים און האָט אַ שטוב־פּרנסה: רייסט גרויפּן אויף דער זשאָרנע, האַלט שטענדיק אַ גוטע בהמה, ווערט אָן דאָס גע־זונט, שלעפּנדיק די שעפלעך פאַר איר, האָדעוועט אין שטוב הינער און קלייבט אָן איי צו פאַרקויפן. די הינער קלייבן אויף אַ פאַרשאָטן קערנדל, אַ גרויפּ, און מיט דער לוסקע איז גרינגער דער בהמה אַדורכצווווינטערן.

אַמאָל, יונגערהייט, איז איר שווער געווען. די הענט פלעגן בלייבן, ווי קלעצער, קליינע קינדער ציען דאָס בלוט. דערנאָך האָט זי זיך צוגעוווינט. דאָס שטיינדל גייט ביי איר ווי אַ שפּי־לעכל, עס דרייט זיך, דאַכט זיך, אַליין. אין קיך, וווּ די זשאָר־נע שטייט, איז טונקל, דאָס קליינע פענצטערל איז מיט שטויב

פאַרוואַקסן. פון די שטיינער טראָגט זיך אַ לייכטער פּיל, ווי אַ בלויליכער רויך, און שוועבט אַרום איבערן קיך. ציפּע האַלט מיט איין האַנט דאָס פלעקל און דרייט דעם שטיין אַמאָל צו זיך און אַמאָל פון זיך. די צווייטע האַנט שטעקט זי יעדעס מאָל אין זעקל, און שיט הויפנסווייז אין לאָך, וואָס אינמיטן שטיין. דערווייל פאַרקלערט זיך די האַנט, וואָס גייט פון זאַק צום שטיין, און בלייבט שטעקן אין זאַק.

ציפּע מאַכט צו די אויגן און די געדאַנקען טראָגן איר ערגעץ-ווו אַוועק. יענע האַנט ווייסט פון גאָרנישט און דרייט אַלץ דאָס שטיינדל. ווערט אונטערן שטיין לוידיק, צעטראָגט זיך אַ הילכיקער פּוסטער רייבן אַ שטיין אין אַ שטיין, וועקט זי זיך אויף, דערמאָנט זיך אין דער האַנט, וואָס איז אין זאַק איינגעשלאָפן, ווערט זי לעבעדיקער, הויבט אָן אונטערצושיטן און דרייט ווייטער...

פאַרנאַכט. ציפּע האָט אַוועקגעלייגט די אַרבעט, פאַרטריבן די הינער אין קאָטוך, איינגעהייצט אין דער הרובע און ביים פּייער צוגעשטעלט אַ קליין טעפּעלע וועטשערע און אַ גרויסן טאָפּ וואַסער פאַר דער בהמה.

עס טונקלט. דורך דעם פאַרפרוירענעם פענצטער בלייכט דער לעצטער טאָג-שיין און לעשט ביסלעכווייז אויס. אין דער הרובע האָט זיך דאָס האָלץ צעברענט און צעגאָסן דורך דער אָפענער טירעלע אַ פּאַס רויטע ליכט אויף דער ערד. ביי די זייטן אַרום איז די פינצטערקייט שווערער געוואָרן און געדיכט ווי אַ וואַנט — ציפּע זיצט אויף אַ שייט האָלץ ביים פּייער, איר שאָטן האָט זיך אין דעם פּאַס ליכט אויף דער ערד צעלייגט שוואַרץ-און-אומעטיק, און די צוויי שפּיצן פון דער קאָסינקע, וואָס אויפן קאָפּ, שאָקלען זיך צו-צייטנס, באַוועגן זיך, ווי זיי וואָלטן צווישן זיך געפּ״רט אַ שמועס.

אַ שטילע עלנטקייט האָט זיך איבערן שטיבל צעגאָסן, די קינדער האָבן זיך אין דער פרעמד פאַרשלאָגן: רבקה דינט ביי יענעם, כאַפּט זי זיך אַמאָל אַראָפּ גייענדיק אַ גאַנג, שטעקט איר ציפּע אַריין אַ שטיקל קיכל אין האַנט. דעם

יינגל האָט מען אַוועקגעגעבן אין אַ דאָרף צו אַ שמיד אויף דער לער מיט עסן. דער קליינער, וואָס גייט נאָך אין תּלמוד-תּורה, לאָזט זיך שוין אויך נישט פון איר — און צוואָגט זיך אַליין יעדן פּרייטיק...

דערווייל דערהערט זיך אַ „סוף" פון שטאָל אַרויס — דער-מאָנט זי זיך אין טאָפּ וואַסער, וואָס שטייט פאַר דער בהמה, טוט איר אַ הנאה, וואָס די בהמה מאָנט פון איר, קוקט אויס פון איר האַנט. ציפּע האָט ליב אַרבעט, און ווען נישט די לוסקע פאַר דער בהמה, דאַכט זיך איר, אַז עס וואָלטן זיך איר די הענט צו דער זשאָרנע נישט געלייגט...

*

אין שטוב האָבן זיי פייגט חשבונות: מיינס, דיינס. ברענגט ער אַפּאָר גילדן, גיט ער איר אַוועק, פעלט אים אויס אויף האָבער, באָרגט ער ביי איר און מאַכט זיך שטענדיק פאַרגעסן ביז עס דאַכט זיך אים, אַז ער האָט איר שוין אַוועקגעגעבן.

נאָר אין שטאַל האַלטן זיי זיך פונדערווייטנס, ווי זיי וואָלטן זיך גאָרנישט געקענט. דאָס פערד איז זיינס, די בהמה איז אירע, יעדער האָט זיך זיין ווינקל; דעם צווייטנס גייט אים נישט אָן.

אַמאָל דאַרף מען האָבן איינער צום אַנדערן. זי מאַכט דעם צעבער, קען זי אים אַליין נישט אַרויסשלעפּן, דאָס יינגל איז נאָך צו קליין. בעט זי אים, העלפט ער צו. דערפאַר העלפט זי אים אָנשמירן דעם וואָגן, לייכט אים צו מיט דער לאַמטערן, ווען ער דאַרף איינשפּאַנען. אַ האַנט וואַשט אַ האַנט, און מען בלייבט נישט קיין בעל-חוב.

טיילמאָל איז מען אויפגעלייגט, וויל ער זי מהנה זיין. און אַז ער נעמט דאָס פערד פויען לאָזט ער אויך אַרויס די בהמה צום וואַסער, אָדער זי גייט די בהמה אַרויסלאָזן. בינדט זי אָפּ דאָס פערד, פירט אים צום ברונעם פאָרזיכטיק, מיט האַרץ-קלאַפּעניש, ער זאָל איר קיין זעץ נישט געבן און טרינקט אים אָן.

נאָר דאָס טרעפט זייער זעלטן. און אַז ס׳טרעפט שוין יאָ אַמאָל, האָבן זיי דערויף חרטה, פאַרשעלטן זיך דאָס לעבן.

ער זאָגט, אַז אַ פערד פון אַ בהמה קען נישט טרינקען, אַ פערד קען די סלינע פון אַ בהמה נישט ליידן, שטעקט זי אַריין דאָס מויל, מאַכט זי דעם עמער אומריין, ווייל דאָס פערד נישט פאַרזוכן. אַ פערד איז נישט קיין בהמה.

פאַרדריסט דאָס איר, פילט זי זיך באַליידיקט און וויל אים אויפווייזן, אַז לויט איר ווייבערשן שכל איז פאַרקערט:

אַ פערד איז אַ טריפה זאַך, אַ פגירה, די פעל און די איבעריקע פאַר הינט, און איבער אַ בהמה מאַכט מען אַ ברכה ביים קוילענען, מען דערלאַנגט זי אויף אַ חתונה־וועטשערע. נו, וואָס איז בעסער?...

צינדט זיך אין אים אָן אַ רציחה:

— נו, ווער הייסט דיר טשעפען אַ פערד, אַ פגירה, אַ טריפה זאַך?

— שאַ, שאַ, — זאָגט זי, — האַלט זיך מיט אים, איך בין דיר מוחל די טובה זאָלסט מיר פויען די בהמה. זי פאַרפאַטש־קעט דאָך דיר די עמערס...

ווערט מען ברוגז, און מ׳פאַרשווערט זיך, אַז עס זאָל שונאי־ציון העגט און פיס אָפּנעמען איידער מ׳וועט איינער מיט דעם אַנדערן האָבן אַ מגע־משא, מעג זיך די שטאָל איבערקערן גייט מען נישט צו, גישט זי צום פערד, נישט ער צו דער בהמה...

*

דער בעל־הבית אין שטאָל איז דאָס פערד, ער פאַרנעמט די גאַנצע שטאָל, אויך אַן אָרט פאַרן וואָגן, די בהמה איז ווי אַ שכנה, אַן איינגעבעטענע, אָפּגעצוימט מיט אַפּאָר אָפּולקעס אין אַ ווינקל. און ווען יואל קויפט פאַר דעם פערד אַ גוטע פור גאַראַנדאָווע היי און פאַרנעמט דעם גאַנצן בוידעם, יאָגט זיך ציפע יעדן זונטיק נאָך אַ בינטל היי און מוז קויפן, וואָס עס מאַכט זיך, נישט וואָס די בהמה האָט ליב, און אַ גאַנצע וואָך וואַלגערט זיך דאָס אונטער די פיס.

עס טרעפט אַמאָל פאַר פורים, ווען ביי דער בהמה איז דאָס מיסט הויך אָנגעשטאָנען, שפּרינגט זי אַריבער דאָס פּלויטל, כאַפּט זיך צו און עסט אויף אַלץ, וואָס מען האָט פאַר דעם פערד אָנגעגרייט אויף ביינאַכט.

אַז יואל קומט אַריין אינדערפרי אין שטאַל און דערזעט, ווי די בהמה שטייט ברייט אויסגעגעסן מיט געשוואָלענע זייטן, דער קאָפּ אין זשאָלאָב, ווערט ער משוגע פאַר כעס, ווייסט ער נישט וואָס צו טון, כאַפּט ער אַ בייטש, אַ שטעקן, אַן אָגלאָבלע און וויל איר שלאָגן.

כאַפּט זי זיך באַלד צוריק אַריבער צו איר אין שטעלכל, פאַרטוליעט זיך אין אַ ווינקל, קאָרטשעט זיך צונויף, ציטערט און קוקט אויף אים מיט אַזאַ רחמנות-בעטנדיקן בליק, ווי זי וואָלט זאָגן:

— ווילסט שלאָגן? שלאָג, שלאָג! הרגע צוויי נפשות...

דאַכט זיך אים, אַז ער האָט געזען, ווי דאָס קאַלב האָט זיך ביי איר אין בזיך אַ וואָרף געטון, פאַלט אים אַרויס, וואָס ער האַלט אין האַנט, גיט ער אַ שפּיי און לויפט אין שטוב. נאָך פאַר דער טיר שרייט ער:

— גיי זע, וואָס דיין בהמה האָט אָנגעמאַכט, האָט אַלץ ביים פערד אויפגעגעסן, דאָס פערד איז געבליבן הונגעריק...

און אַז ער קומט אַריין אין שטוב, האָט ער שוין מער נישט וואָס צו רעדן, קוקט איר גלייך אין די אויגן, ווי איינער זאָגט:

— נו, האָסט נאָך עפּעס וואָס צו זאָגן?

זי שווייגט, ענטפערט אַ וואָרט נישט: זי פילט, אַז ער איז גערעכט, און קען אים גלייך אין די אויגן אַריין נישט קוקן, נאָר אין הארץ שמייכלט זי. עס טוט איר הנאה, וואָס די בהמה האָט אַזוי קלוג אָפּגעטון און זיך אויסגעגעסן (וואָלט עס איר נאָר נישט שאַטן).

*

ווינטער, פרייטיק-צו-נאַכטס. אין שטיבל איז וואַרעם אויסגעהייצט. צוגעקליבן, מיט געלן זאַמד אויסגעשאָטן, פיר

אָפּגעשייערטע מעשענע לייכטער מיט גראָשענע חלבנע ליכטלעך אויפן טיש, צוויי חלות מיט פלעכטלעך איבערגעדעקט מיט אַ טישטעך. עס איז מאָדנע שטיל. ציפּע זיצט לעבן אויוון — די הענט הינטער זיך — און חלומט דרימלענדיק; די קאַץ איז אויף דעם אויוון איינגעשלאָפן. די הינער האָבן די קעפּלעך אונטער די פליגל באַהאַלטן — און צו-צייטנס הערט זיך אַ קנאַקן מיט די שנאָבלען צווישן די פעדערן. אָט איז געקומען יואל פון דאַוונען, האָט די מזוזה געקושט, דעם שטיבל אַ גוט-שבת געזאָגט, און אָנגעהויבן „שלום-עליכם" פון סידור אַרויס.

אַ מאָדנע אָנגענעמע היימישקייט, ווי זיי וואָלטן פון ערגעץ פון מרחקים צוריק אין דער אַלט-באַקאַנטער וואַרעמער היים געקערט — און וועלן דאָ אַ טאָג, אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג פאַרברענגען — פערד מיט בהמה זענען אין שטאַל אין דער וואַרעם. פאַרנאַכט האָט יואל אַ סנאָפּ שטרוי צעהאַקט און זיי ביידן טרוקן אונטערגעבעט, דעם פערד היי און האָבער פאַרלייגט. ציפּע האָט פאַר דער בהמה אַ גוטן צעבער אָנגעפּאַ-רעט. ערשט זענען זיי זאַט, ליגן אין דער ווייך און דרימלען אין דער שטילער טונקלקייט.

פערד מיט בהמה האָבן שלום געמאַכט. און אַ שבתדיקע רויקע צופרידנקייט טראָגט זיך פון שטאַל אין שטוב אַריין. דערמאָנט מען זיך אין די קינדער, פרעגט יואל, וואָס רבקה מאַכט, קומט מען אַרויף אויף דעם ייִנגל, וואָס אין דאָרף. דער-מאָנט זיך יואל, אַז ער האָט די וואָך פון אים אָפּגענומען אַ גרוס. ער מאַכט שוין טשוועקעס צו אַ פּאָדקאָווע.

דריקט איר ביים האַרץ, פאַרוואָס מ׳פאַרגעסט אין אים אַ גאַנצע וואָך. ווי ער וואָלט אַ שטיף-קינד געווען. דערוועקט זיך אין יואלן דער טאַטע און ער זאָגט:

— דו ווייסט וואָס? די וואָך כאַפּ איך מיך אַראָפּ אױ-מישנע צו אים זען, וואָס ער מאַכט.

דערמאָנט זי זיך, זי האָט אַפּאָר קעזלעך טריקענען, וועט זי זיי מיטשיקן. ווערט דאָס מאַמע-האַרץ פול, איבערפולט, און עס שטעלן זיך איר טרערן אין די אויגן...

*

דער שבתדיקער טאָג איז אַ קורצער. באַלד נאָכמיטאָג גייט יואל אַוועק אין בית-המדרש הערן אַ יידיש וואָרט. ציפּע נעמט לייענען די סדרה און קוקט אויס דורך דעם פענצטער אויף רבקהן. אָט האָט זי זיך פון ראָג גאַס געוויזן. ציפּע שמייכלט צו איר דורך דעם ריינעם שפּעלטל, וואָס זי האָט אויפגעזוכט אין שייבל. פון אונטערן טיר הערט זיך דאָס אַרומקלאַפּן די שנייאיקע שיך מיטן בעזעם, דערנאָך קומט זי אַריין, אַ יונג מיידל אין אַ מאַנטל מיט אַ גאַרן-טיכל אויפן קאָפּ, מיט רויטע פּראָסטיקע באַקן פון טיכל אַרויס, זאָגט זי:

— גוט שבת.

ציפּע ענטפערט:

— גוט שבת, גוט יאָר.

לייגט ציפּע אַוועק דעם טייטש-חומש, זעצט איר אַוועק לעבן זיך, באַטראַכט איר און קוקט איר אַרום, ווילט זיך איר מיט רבקהן עפּעס שמועסן ווי אַ מאַמע. און כאָטש קיינער איז אין שטיבל נישטאָ, בייגט זי זיך צו און פרעגט איר עפּעס אויפן אויער... נעמט אַרויס אַ ברוקווע און מ׳מאַכט ברכה. דערווייל הויבט אָן צו נאַכטן, רבקה טוט אָן דאָס מאַנטעלע און קלייבט זיך גיין, נעמט ציפּע די פּאַטשיילע אויף זיך און גייט איר באַגלייטן. שמועסט מען אַביסל פאַר דער טיר און מען פאַרגייט אַזוי ביז צום שטאַל. רבקה וויל זען, וואָס פערד און בהמה מאַכן, באַטראַכט זי זיי, גלעט זיי און גיט זיי עפּעס פון האַנט, ציפּע שטייט פון דער זייט און קוקט צו, ווערן זיי איר אַלע נאָענט, אַלע דריי זענען דאָך אירע... רבקה איז אויך אירע...

זאָגט רבקה:

— ווייסט וואָס, מאַמע, איך וועל פאַר זיי ברענגען אַ טרונק. ווייניק וואַסער שלעפּ איך דאָרט אויס פאַר די ממזרים...

לאָזט איר ציפּע נישט אַליין טראָגן און העלפט איר צו. טראָגט מען אַזוי לאַנג וואַסער אין צווייען מיט אָפּגעפרוירענע בלויע הענט, ביז מ׳טרינקט אָן דאָס פערד מיט דער בהמה...

די נאַכט האָט זיך דערנענטערט, אין צימער טראָגט זיך אַרום אַ גראָע טונקלקייט און פון מינוט צו מינוט ווערט עס גראָער, שטילער — און אומעטיק-קאַלט. ווען יואל קומט פון מעריב איז שוין אין שטוב שטאָק-פינצטער און שמעקט מיט אַ וואָכנדיקער קעלט. ציפּע זוכט אויף אין דער פינצטער דעם לאָמפּ — און זאָגט פון אויסנווייניק „גאָט פון אַברהם״. „דער ליבער שבת איז אַוועק״, פאַרשווונדן... נאָך הבדלה גייט דער שבת אַראָפּ פון טיש. ציפּע קריכט אַריין אין וואָך, נעמט זיך צום הייצן די הרובע און מאַכן אַ שעפל פאַר דער בהמה. יואל טוט אָן די בורקע מיטן פּאַס אַרומגעגאַרטלט, גענומען דעם גרויסן פאַררייכערטן לאַמטערנע און אַוועק ביידע צום שטאַל — די לאַמטערן אויף אַ טשוואָק אויפגעהאָנגען. ציפּע האָט זיך געזעצט מעלקן די בהמה און יואל האָט גענומען מאַכן דעם וואָגן...

אַ זומערדיקער שבת. די בהמה איז גאַנץ פרי מיט דער טשערעדע אין פעלד אַוועק. דאָס פערד איז אין שטאַל געבליבן (יואלס פערד קען שטיין אין שטאַל און עסן האָבער). נאָכמיטאָג האָט זיך דער עולם אין גאַס אַרויסגעשאָטן, ווער עס האָט זיך פאַר די הייזער אויף די בענק געזעצט און ווער עס האָט זיך געלאָזט אין אַ שפּאַציר פאַרן שטוב. יונגוואַרג האָבן זיך זייער גלייכן געפונען און האָבן זיך מיט דער גרעבלע אַוועקגעלאָזן הינטער שטאָט. רבקה איז, ווי איר שטייגער, פון דער שטעל צו דער מאַמע אויף שבת-אויבס געקומען, באַטראַכט זי דעם גאָרטן, וואַרפט אַ בריקל דער קוואָקע מיט די הינדעלעך, פאַרקוקט אין שטאַל און פירט דאָס פערד אָנטרינקען.

יידן זענען פון שלאָף אויפגעשטאַנען, נעגל-וואַסער אָפּגעגאָסן און אַוועק אין בית-המדרש.

אין בית-המדרש איז אַן עולם. די פענצטער זענען אָפן און עס פילט זיך אַ דושנעקייט. יעדער ייד האָט זיך זיין חברה, זיצט מען ביי גרויסע טישן און מ'הערט צו, ווער אין עין-יעקב, ווער אַ פרק משניות, ווער אַ פרשה הומש; למדנים יידן

האָבן זייערע שטענדערס מיט זייערע ספרים אין די קעסטלעך. עס האָט זיך ווער לעבן אַ שאַפע ביי אַ ספר זוכן אין ספר זיך פאַרקלערט און איז דאָרט שטיין געבליבן. גאָר אַ פּראָסטער ייד האָט זיך אַ ילקוט אויפגעזוכט, שטיל אין ווינקל צוגעזעצט — האַרציק פאַר זיך אַ קאַפּיטל תהילים אָפּצוזאָגן.

נאָך מנחה. די זון האָט זיך געזעצט. אין גאַס איז קי־לער געוואָרן און שאָטנדיק — אַ גרויסער עולם יידן האָבן זיך פון די בתי־מדרשים אַרויסגעשאָטן און ציען זיך לאַנגזאַם אַהיים. זיי זענען זיכער, אַז אין דער היים וואַרט אויף זיי אַ מילכיקער שלש־סעודות — פּירישקעס מיט קעז, מיט פּאָדסמעטאַנקע, נאָר זיי מאַכן זיך ווי נישט וויסנדיק.

ווייט פון וועג האָט זיך אַ געדיכטער בלויער שטויב גע־וויזן. די טשערעדע גייט פון פעלד, בעלי־בתים שטעלן זיך צו אין גאַס, וואַרטן אָפּ דער בהמה און שפּאַצירן מיט איר אַהיים. אָפּגעפּוצטע זיידענע יידן האַלטן זיך פונדערווייטנס, ווי זיי מיינען גאָרנישט: ער גייט — די בהמה גייט.

יואל האָט אויפגעזוכט זיין בהמה און גייט לעבן איר; די האַנט אויפן רוקן. געפּעלט אים, ווי זי איז אין לייב. דערמאָנט ער זיך: ווייניק שעפּלען שלעפּט ציפּע אויס פאַר איר, ווייניק דרייט זי אויס די הענט אויף דער זשאָרנע. ווילט זיך אין האַרץ אַריינגנבענען אַן אומעט, לאָזט אָבער נישט דער שבת — דער עולם שטייט פאַר די טירן אין די שבתדיקע קאַפּאָטעס, די הענט אין די קעשענעס און קוקן אים נאָך. דערפילט ער אַ גרויסקייט:

אַ פערד מיט אַ בהמה איז היינט אַ פאַרמעגן. גייט ער אַזוי מיט אַ צופרידן געמיט ביז ער קומט צו צום שטוב...

*

ווען די בהמה דאַרף זיך קעלבן, איז אים שטענדיק באַ־שערט אָנצוזאָגן די בשורה. ער שטייט אויף איינשפּאַנען, קומט אַריין אין שטאַל, דערזעט ער אַ קעלבל, שפּאַנט ער איין. און אַרויספאָרנדיק קלאַפּט ער אַריין אין פענצטער:

— ציפּע, מז"ט! זאָלסט נעמען ביים פערד פון דעם גאַראַנדאָווע היי און איר געבן...

די בשורה צוזאַמען מיט דעם פאַרפּסחדיקן העלן טאָג פילן אָן די שטוב מיט ליכט און האָפענונג.

ציפּע שטעלט לאַדעשקעס — נעמט אַראָפּ און גיסט איבער און אָט איז קעז און אָט איז סמעטענע אין שטוב — און אין אַפּאָר טעג אַרום. ווען יואל קומט פון באַן און זעצט זיך צום טיש, טראָגט זי אים צו אַ רעכטן טעלער פּאָדסמעטאַנקע מיט אַזאַ צופרידנקייט, ווי זי וואָלט אים דערלאַנגט לעקעך פון אַ קינדס תנאים.

יואל האָט נישט ליב צו בלייבן אַ בעל־חוב.

נישט ווייט אין אַ שטעטל, אַפּאָר וויאָרסט, האָט ציפּע אַ שוועסטער און דעם ערשטן טאָג חוה"מ־פּסח שפּאַנט יואל איין דאָס פערד, באַרשט אים אַרום. פּוצט אים אויס מיט גלעקלעך און קוטאַסן. פאַרבינדט אים דעם וויידל און שטעלט זיך פאַר דער שטוב.

שיקט מען רופן רבקהן, מ'פאַרשליסט די שטוב. מ'בעט אַ שכנה, זי זאָל פאַרנאַכט אויסמעלקן די בהמה און מ'זעצט זיך אַוועק אָנגעטון יום־טובדיק, ער מיט איר אויבנאָן, רבקה מיט די יינגלעך אַנטקעגן (דאָס יינגל פון דאָרף קומט אויף יעדן יום־טוב אַהיים). דאָס פערד איז אויסגערוט, ווילד און אומגעדולדיק, און ער גיט אַ פאָר דורך דעם מאַרק, אַז די ערד ציטערט. אַז מ'כאַפּט זיך אַרויס אַלע פון די קראָמען...

וואַרשע.

ו ו אַ ר ק אַ

אינדערפרי. עס האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן העלן אויף טאָג איז שמחה דער קצב שוין געווען אָפּגעדאַוונט. אין קעשענע אַ שטיק ברויט, שטייט ער לעבן זאַנוול דעם שוסטערס שטוב און פּויקט פּאָרזיכטיק אין פענצטער:

— זאַנוול! ס'טייטסט אויף? זאַנוול!

פון שטוב האָט זיך דערטראָגן אַ סקריפּ פון אַ הילצערן בעט, אַ לאַנגער אויסגעצויגענער גענעץ, און נאָך יעדער „זאַנוול" איז געקומען אַלס ענטפער אַ שלעפעריקער „וואָס".

דערנאָך האָט אין שטוב אַ ווייבערשער איינגעגעסענער קול זיך „צעזאַנוולט" און איבערגעקרימט דעם „וואָס".

און נאָכדעם ווי זאַנוול האָט הויך און דייטלעך געזאָגט: — אָט באַלד, איך גיי! — האָט מען זיך באַרויקט.

ניט לאַנג האָט געדויערט און פון שטוב האָט זיך באַוויזן אַ רירעוודיקער בלייכער יונגערמאַן, שוואַרץ באַוואָקסן, אָנגעטון אין שבתדיקן פּאַלטאָ מיט אַ גרויסן שאַל אויפן האַלז, איין עק יאָלדיש פאַרוואָרפן אויף הינטן. אַ שפּיציק אַכטקאַנטיק היטל און אַפּאָר נצטע שטיוועלעך מיט האַרטע כאָלעוועס.

זיי האָבן איבערגעוואָרפן צווישן זיך אַפּאָר ווערטער — שטיל, ווי זיי וואָלטן ניט געוואָלט אויפוועקן דאָס שטעטל, האָבן זיך גענומען מיט דער גרעבליע פון וואַנען עס האָט נאָך אַ שטיק נאַכט אַרויסגעלויערט, און זיי זענען אַרויס פון שטעטל.

עס האָט זיך געשטעלט אַ העלער, ליכטיקער סוף־ווינ־טערדיקער טאָג. אויף אַלץ איז אַ ווייסער זילבערנער פראָסט געלעגן — אויף די דעכער, אויף אַ קליאַמקע פון אַ טיר, אויף אַ טשוואָק־קעפּל אין וואַנט, אויף די נאַקעטע בוימער־צווייגן; און ווי אָנגעגאָסענע דימענטן קעגן די ערשטע זון־שטראַלן אין טויזנטער פאַרבן זיך געמינעט און געבלענדט די אויגן.

די זון איז אין עק הימל גאָר נידריק פון איבער טונקעלע פייכטע פעלדער מיט אַוווּ־נישט־ווו ווייסע שניי־פלעקן אָנגעהויבן אַרויפשטייגן. האָט דרייסט, העל און שאַרף צו דער וועלט אַרויפגעקוקט און האָט צוגעזאָגט אַ ליכטיקן וואַרעמען טאָג.

שמחה איז פאַרויס געגאַנגען. אין אַ זייט מויל האָט ער מיט שטאַרקע ציין געהאַלטן דאָס קליינע ליולקעלע און געלאָזן שמאָלע פּאַסעקלעך ווייסן רויך, מאַכנדיק מאָנאָטאָן מיט די ליפּן: פּאַף, פּאַף... און צייטנווייז פון דער צווייטער זייט מויל געשפּיגן הילכיק אינדערלופטן.

פון צווישן דעם פונאַנדערגעשפּילעטן פּלאַשטש האָט אַרויסגעקוקט אַ רויט בייען לייבל מיט אַ לעדערנעם פּאַסעק אַרומגעגאַרטלט, צוויי פּ. אָקסענע פּאַרבלוטיקטע ציצית, אַפּאָר גרויסע ווייסלעכע שטיוול מיט אַראָפּגעלאָזענע כאַלעוועס און אַוווּ־נישט־ווו פאַרהאַרטעוועטע שוואַרצע בלוט־פלעקן.

זאַנוול איז אים נאָכגעגאַנגען. אויף דעם בלייכן געזיכט האָט זיך פון דעם יונגן פּראָסטיקן מאָרגן אַ פרישע יונג־חנעוודיקע רויטקייט צעגאָסן, און אַ צופרידענער שמייכל איז אים געלעגן אויף די ליפּן.

גייענדיק האָט ער אויסנווייניק געדאַוונט און צופרידן געקלערט:

י״ב טבת איז געוואָרן אַ יאָר נאָך דער חתונה. דעם מיטוואָך ווערט וועלוועלען שוין צען וואָכן. ווען ער איז ערשט אַרויס פון שטוב איז דאָס קינד ביי איר 'אין בעט געלעגן און געזויגן די ברוסט. דורך דער שפּאַרע פון לאָדן האָט זיך אַ שמאָל שניפּל טאָג־ליכט צעגאָסן איבער זיין בלאָנד קעפּל מיט די צוויי קאָלטנדלעך פון הינטן. פון דעם קעפּל האָט זיך

דאָס שנירל איבער איר ברוסט געצויגן און אַרויף ביז צום ווייסן האַלז, דער האַלז איז, דאַכט זיך, ווייסער און פולער געוואָרן, פון דעם האַלז איבערן פאַרמאַכטן האַלב-איינגעשלאָ-פענעם אויג ביז דעם ראָזן טשיפּעקל.

ער האָט איבער זיי פאַרריכט דאָס איבערדעק און דעם קליינעם ווארעם קעכל אַ קוש געטאָן צווישן די קאָלטנדלעך. די שוויגער האָט נאָך אים פאַרמאַכט די טיר און ער איז אַרויס פון שטוב.

און ווי שנעל עס איז אַלץ געוואָרן. אָט ווי נעכטן איז ער נאָך ביי יענעם אַ געזעלן-יינגל געווען, פלעגט זומער זיך אַריינכאַפּן אין גאָרטן, אָנטרייסלען באַרעלעך, פלעגט דאָס העמד מיט אַ פּאַס אַרומגאַרטלען און אָנפילן מיט באָב און אַרבעס-סטרוטשעס. הושענא-רבה פאַרטאָג פלעגט מען מיט חברה, אָנ-געגורט מיט גרויסע שטעקנס און מעסערס, זיך אַריבערכאַפּן אין גראַפס גרויסן סאָד און אָנשניידן הושענות ביי דער סאַזשלקע.

היינט איז ער אַ בעל-הבית מיט אַן אייגן ווערקשטאַט, אַ יינגל צו דער האַנט. ביי דער שוויגער אין דער שטוב אַן אַלקער צום וווינען, אַ פענצטער צו דער אַרבעט, אַפּאָר בייטן אין גאָרטן, אַ שטאָט אין בית-מדרש. און צווישן מנחה-מעריב זעצט מען זיך גלייך מיט אַלע יידן הערן אַ פּרק עין-יעקב...

און ערשט פּירט אים שמחה דער קצב זען אַ בהמה. און עס פרייט אים, וואָס ער וועט זיין מער פאַרנומען. חברה וועלן האָבן אָפּשיי און אויפהערן אין שול די ציצית פון טלית פאַר-קניפּן, באַהאַלטן פון אים דאָס טלית-זעקל...

פאַרנומען מיט די מחשבות גייט ער איבער די „שמונה-עשרה", „תחנון", שפּייט אין „עלינו", פאַרקוקט זיך אויף שמחהס ברייטע פלייצע און ברודיק פאַרוואָקסן פּוילן האַלז-און-אָקן, און טרעט אים אין פוס אַריין.

די געדאַנקען גייען אַריבער צו דער בהמה. שמחה האָט אים זי ריכטיק אָפּגעמאָלן — אַ פריסטע, אַ קליינע און אַ זשיזאַווע. אַ יונגס, אין דער צווייטער פּאַשע מיט דער ערשטער

קאַלב. אים וועט מען נישט אָפּנאַרן. אויף די הערנער דערקענט מען, נאָך יעדן קאַלב ווערט אַ רייפּעלע. דער ווידל דאַרף זיין לאַנג ביז די קנעכל. די דויקעס דאַרפן זיין גרויסע און גראָבע, און נאָך און נאָך סימנים ווייסט ער...

*

די זון איז העכער אַרויפגעקומען. עס האָבן זיך קלאָרע הימלען פאַרצויגן. די דימעטלעך האָבן אָנגעהויבן צעגיין און איינציקווייז פאַרשווונדן.

דער שליט-וועגס איז אַראָפּ. עס האָט זיך אונטערן פוס דערפילט אַ ווייכקייט. וווּ-נישט-וווּ וואַלגערט זיך נאָך אַ שטיקל ווייס ברודיק אייז, וועלכס פּלאַצט אונטערן פוס און ווערט צעקראָכן.

קליינע ליוזשקעלעך האָבן זיך צעגאָסן אין די וויבוען, אין די קאָליעס פון די רעדער. איבער נאַכט ווערן זיי מיט דינע גלעזערנע הייטלעך באַצויגן און מיט טאָג צעגייט דאָס צוריק.

פון די ווייטיקע דערפער האָבן זיך געוויזן פויערן אין ווייסע זונטיקדיקע סערמיגעס מיט ליקענע פּאָסטעלעס אויף די פיס און ציען צום שטעטל אין קלויסטער אַריין. אַ פויערטע, אין אַ ווייסע נאַמיטקע אויפן קאָפּ, טראָגט אַ הון, עטלעכע אייער אין אַ טיכל, אַ פּעקל חזיר-האָר. אַ פויערש פורל, געשפּאַנט צו אַ בייכיק פוילע קלאַטשע, פירט אַ בינטל היי, אַן אַכטל קאַרטאָפל צום פאַרקויפן אין שטאָט.

זיי זענען צוגעקומען צום דאָרף. עטלעכע צענטליק הויפן זענען פון ביידע זייטן וועג געשטאַנען. די הייזלעך האָבן זיך מיט דער ברייט צום גאָס געשטעלט, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעדרייט און פאַרקוקן צו זיך אין הויף.

אַ הונט האָט זיי דערפילט, אַרויסגעקראָכן פון אונטער אַ טויער און הייזעריק, נאַריש, איינגעגעסן זיך געוואָרפן אויף זיי. באַלד זענען צו אים נאָך עטלעכע צוגעקומען. שמחה האָט זאַנוולען געלאָזן פאָרויס. איז אים גאַנץ קאַלטבלוטיק נאָכגעגאַנגען

מיט דער ליולקע אין מויל און דעם שטעקן הינטן אויף אָפּ־טרייבן די הענט.

עס האָבן זיך אין די קליינע שייבלעך בלאָנדע קינדער־קעפּלעך באַוויזן. עס האָט זיך אין אַ שפּאַלט פון אַ טיר אַ פּנים אַריינגעשטעקט און אַ הונט ביים נאָמען אָפּגערופן. אַ פּויער מיט אַ הוילן קאָפּ און אַן אָפן האָריק האַרץ, אויף וועלכן עס האָט זיך אַ גאָל מעשן צלמל אויף אַ רויט סטענגעלע געהוידעט, איז אַרויס פון שטוב און זיך געביטן מיט שמחהן מיט אַ גוטמאָרגן און אַ גוטן געזונט.

פאַר אַ שטיבל מיט צוויי קליינע פענצטערלעך צום גאַס האָט זיי אָפּגעוואַרט דער בעל־גוף — וואַסיל באַראַן.

דאָס איז געווען אַ מאָגערער, אויסגעהאָרעוועטער, ברייט־ביינ׳יקער פּויער אין די מיטעלע יאָרן, סערע, קליינע און שאַרפע אויגן. אין דעם האַרט־אָפּגעבריענטן פּנים האָבן זיך קנייטשן געפּאַלבט, ווי זיי וואָלטן צו זיך אַליין אַרויסגערופן אַכטונג... די באָרד און האַלז איז באַשאָטן מיט בלאָנדע געשוירענע שטעכעדיקע האָר, אַ גרויס באַראַשקאָווע היטל איבער די אויערן, וועלכן עס האָבן ווי אַ האַלבע רייף גלאַטע לאַנגע בלאָנד־ברודיקע האָר אַרומגעזוימט...

די ווייסע נייע זונטיקדיקע סערמיגע איז ביים האַלז מיט אַ שטעקעלע צו אַ פּעטלע פאַרשפּילעט. פון דעם אָפענעם האַלז קוקט אַרויס אַ שפּיציקער גאָרגל, און צוויי מאָגערע פיס אין אויסגעוואַשענע צוגעלאַטעטע ליוונטענע הויזן שטייען אין אַפּאָר גרויסע נייע שטיוול.

אויף זייער „גוט מאָרגן” האָט ער זיך טיף אַ נייג געטאָן און מיט „אַ גוטן געזונט” געענטפערט.

אַריינקומענדיק אין הויף האָט ער אָנגענומען ביים קאַרק דעם גרויסן, סערן, האָריקן הונט, — וועלכער איז די גאַנצע צייט געלעגן שטיל דעם קאָפּ צווישן די פעדערשטע פיס און גנביש אַרויסגעקוקט צו די געסט, — צוגעשלעפּט צו דער בודע און צוגעבונדן.

פון שטוב האָבן זיך העל-בלאָנדע קעפּ געוויזן, ווייסע קאָפּ-טיכלעך, נייגעריק און מיט שנאה זיי נאָכגעקוקט.

דער בעל-גוף האָט זיי אין שטוב געיאָגט, ווי מען טרייבט אַ סטאַדע שעפּסן:

— אַנו, דאָ כאַטי! (אין שטוב אַריין.)

זיי האָבן געפאָלגט און אין שטוב געצויגן. נאָר איינע אַן עלטערע אין אַ ווייסע נאַמיטקע אויפן קאָפּ, ווייסע עקן איבערן האַלז אַראָפּ, מיט אַן אָפּגעברענט קופּערנעם פנים, האָט איינגעגעסן זיי נאָכגעשאָלטן, גיפטיק און באַטאָנט מיט ביידע הענט:

— אָ טאָ איך ליכאָ נאַניעסלאָ, שאָב וויטי נאָהי וויוויכנולי! (דער טייוול האָט זיי אָנגעטראָגן, הלוואַי וואָלט איר די פיס אויסגעדרייט.) און געשאָטן און געשאָטן...

וואַסיל האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט.

*

גלייך מיט דער שטוב — אַ שייער מיט אַ ברייט אונטערדעכל, אונטער וועלכן עס איז געשטאַנען אַ ליידיקער וואָגן, עטלעכע אַלטע רעדער, אַ סאָכע, אַ באָראָנע. אויף דער וואַנט זענען געהאָנגען פאַרשידענע כלים צום האַנט. אַ ווילקע, אַפּאָר גראַבלעס, אַ קאָסע. קעגנאיבער אַ סטויגל גאַראַנדזאָווע היי מיט אַן אויסגעצופּטע לאָך פון אונטן. און אַ שוואַרץ פאַרפוילט ווערך מיט סימנים פון ברודיקן שניי פון אויבן.

לעבן שייער אין דער ברייט — די שטאַל, אַן אַלטע ביידעריקע געביידע. ביי אַ וואַנט צוגעבונדן אויף קליוטשקעס זענען געשטאַנען די שטיקלעך: אַפּאָר מגושמדיקע גרויסע שפּאַן-אָקסן מיט ברייטע פונאַנדערגעוואָרפענע הערנער, וועלכע דערלאַנגען ביז די קראָקעוועס, אַפּאָר ביקלעך צום לערנען, קעלבער פון דער ערשטער פּאַשע, און עטלעכע אָפּגעקעלבטע בהמות מיט קעלבלעך אַרום זיי.

קעגנאיבער ביי אַ קאָרעטע — אַ בייכיקע שקאַפע מיט אַ לאָשעקל. אין אַ ווינקל אָפּגעצוימט האָבן עטלעכע ברודיקע

חזירים געכרוקעט און עטלעכע ווייסע געדיכט-באַוואַקסענע שאָף האָבן זיך געטוליעט איינע צו די אַנדערע.

ווען זיי זענען אַריין אין שטאַל האָבן די „שטיקלעך" נייגעריק אומגעדרייט די קעפּ און זיי אָנגעקוקט. די שקאַפּע האָט זיך צעהירזשעט צו דער אָפענער טיר.

וואַסיל האָט זיך אין שטאַל געפילט מאָדנע היימיש, ער איז צו יעדן צוגעגאַנגען, עטוואָס פאַרריכט, אַ גלעט געטון, צוגעוואָרפן, ווי ער וואָלט זיי באַגריסן און יעדן באַזונדער האָבן וואָס צו זאָגן.

צוקומענדיק צו אַ בהמה מיט אַ קעלבל, האָט ער איר אָנגערופן ביים נאָמען „וואַרקאַ" און געהייסן זי זאָל זיך אומדרייען. זי האָט זיך מיט אַ זייט געשטעלט, אומגעדרייט די קאָפּ און בהמיש פאַרגאַפט באַטראַכט די געסט.

זי האָט זייער יונג און קליין אויסגעזען, רירעוודיק מיט אַ קליין שיקלעך קעפּל, מיט גראָבע קורצע הערנער און גרויסע רויט-ווייסע פלעקן, די זייטן איינגעפאַלן און אַ צאַרטע ווייכקייט פון נאָכן קעלבן.

אַרום איר האָט אַ קליין ביקל אויף הויכע פיסלעך אַרומגעטאַנצט — ווי צוויי טראָפּן וואַסער די מאַמע, נאָר דער קאָפּ עטוואָס קורצער און ברייטער אין די שלייפן. יעדעס מאָל, ווען ער קומט פאַר איר, פאַרהאַלט זי אים, קושט און לעקט אים אויס יעדן גליד.

זאַנוולען איז זי געפעלן. קיין שענערע בהמה האָט ער זיך נישט געקענט פאָרשטעלן. און איז געבליבן וואַרטן מען זאָל אָפּזעצן דאָס קאַלב און זען ווי זי מעלקט זיך. שמחה איז וועגן זיינע ענינים אַוועק אין אַ צווייטן דאָרף.

יוען מען האָט פון איר צוגענומען דאָס קאַלב און פאַרשפּאַרט אין שטעלכל צו די שעפסן, האָט וואַרקאַ דעם האַלז שטאַרק אָנגעצויגן, נייגעריק און מיט שרעק נאָכגעקוקט און אַרויסגעלאָזן אַ רחמנותדיקן „מו !", האָט זיך אָנגעהויבן רייסן און וואַרפן אויף די ווענט. די אויגן זענען איר געוואָרן משונה גרויס און איבערגעקערט.

וואָסיל האָט איר אָפּגעבונדן. מיט איין שפּרונג איז זי געווען ביים שטעלעכל און אָנגעהויבן אַרום דעם שטעלכל אַרומ־טאַנצן, דאָס קעלבל איז איר נאָכגעלאָפן און אינעווייניק אַרום די ווענט איר אַנטקעגן געטאַנצט. די שעפּסן האָבן זיך איינע אין די אַנדערע איינגעבורעט און זענען געוואָרן איין שטיק.

ווארקאַ האָט געפונען אַ לאָך אין פּלייטל, זיך אַוועקגע־זעצט אויף די קני, אַריינגעשטופּט דאָס מויל און אויסגעשטרעקט די צונג.

דאָס קעלבל האָט זיך צו איר געטוליעט און אייניציקווייז יעדן אבער דערלאַנגט צום קושן.

פון שטוב האָט זיך באַוויזן אַ קליין שיקסל אין אַ רויט בייען קליידל. די באָרוועסע פיס אַריינגעשטעקט אין גרויסע לאַטשן, אָפּגעשניטענע פון טאַטנס שטיוול — ווארקעס פּאַסטושקע. זי האָט איר אויסגעכאָוועט און לאַנגע זומער־טעג מיט איר פאַרבראַכט

אַריינגעלאָפן אין שטאַל, איז זי צום פּאַטערס פיס צוגע־פאַלן, די שטיוול מיט די קליינע הענטלעך אַרומגענומען און ציטערנדיק געכליפּעט:

— באַטקאָ, ניע פּראַדאַי נאַשו ווארקו! באַטקאָ, האָלובוש־קאַ, זאָזילקאָ, פּטאַשקאָ, סאָקאָליקאָ!..

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער טאָג איז געווען אַ ווארימער, און זאַנוול איז גע־בליבן דעם גאַנצן טאָג אין הויף. וואָסיל האָט זיך שטום אי־בערן הויף אַרומגעדרייט, אויפגעזוכט פאַרשידענע אַרבעט און אויסגעמיטן אַריינצוקומען אין שטוב.

זאַנוול האָט זיך צו אַלעם צוגעקוקט. מען האָט די שטיק־לעך צום ברונעם אַרויסגעלאָזן, ווארקאַ האָט חנעוודיק און שיקלעך אויסגעזען. ווי זי איז נאָר צום ברונען צוגעקומען האָט זי זיך באַלד צוריקגעוואָרפן צום שטאַל מיט אַ „מ—ו—ו!” זאַנוולען איז געפעלן אירע קאַפּריזן. עס האָט אים עפּעס גע־צויגן צו איר. און צוזאַמען דערמיט האָט ער זיך געפילט

שולדיק געגן די שטובישע און האָט מורא געהאַט זיך טרעפן מיט זייערע בליקן.

פאַרנאַכט איז שמחה צוריק פון די דערפער געקומען. מען האָט באַטראַכט די מילך, זיך געדונגען, צוגעפּאַטשט און פאַרענדיקט.

זאַנוול האָט פון דעם לעדערנעם בייטעלע, וואָס איז ביי אים געהאַנגען אויפן האַלז אונטערן העמד אויף אַ לעדערנעם שנירל, אַרויסגענומען דאָס געלט אויף אַן אויפגאַב. און מען האָט זי אָפּגעשטעלט אין דאָרף ביז דינסטיק — אַ מזלדיקער טאָג, אין אים איז געזאָגט געוואָרן צוויי מאָל „כּי טוב" — וועט ער קומען זי אָפּנעמען.

שטיל האָט זיך די נאַכט מיט אַ געשמאַק לייכט פרעסטל פאַרשפּרייט איבערן פעלד, דאָרף און שטאָט. און אין דער שטילער טונקלקייט האָבן זיך צוויי מענטשן איבערן וועג פון דאָרף אַהיים געצויגן. איינער פויל, טעמפּ און גלייכגילטיק, און דער צווייטער האָט פון גליק די פיס נישט געפילט און נישט באַמערקט ווי דער וועג איז אים אַדורך.

אין שטעטל איז שוין געוועזן נאָך מעריב. די שיין פון די פענצטער האָט זיך איבערן גאַס צעגאָסן און האָט איינגע-רוימט פון אַ היים, אַ געקאָכטע וועטשערע און אַ וואַרעם בעט.

זאַנוול איז געוועזן מיד מיט אַ פאַרב אין פּנים, אַ צו-פרידענער גלאַנץ אין די אויגן. ער האָט מיט אַ טעם און עפּעס אַ זיסקייט אין מויל דערציילט און דערציילט. און מיד, קינדע-ריש-גליקלעך איז ער איינגעשלאָפן...

*

דעם מאָנטיקדיקן טאָג האָט מען זיך געגרייט. אויפגע-רוימט דאָס שטעלכל, אויסגעבעט ווייך מיט שטרוי, צראָפּגע-נומען פון די פסחדיקע כּלים אַ צעבער און געגעבן דעם שמיד צו זאָל דאָס איבערציען, געבאָרגט ביי אַ שכן — ביז עפּעס וואָס — אַ זאַק האָבערנע פּליצווע. און דינסטיק גלייך מיטן טאָג האָט זאַנוול דאָס איבעריקע געלט אויסגעציילט, האָט מיט

זיך אַ שטיק ברויט מיט זאַלץ גענומען און איז אַוועק אין דאָרף.

געטראָפן האָט ער איר שטיין באַזונדער און פאַר איר אַ באַרג גאַראַנדאָווע היי, וואָס מען האָט איר אָנגעלייגט צום געזעגענען.

דאָס קאַלב האָט אַרום איר פרייליך אַרומגעטאַנצט, יעדעס מאָל פאַרזונקען אין דעם באַרג היי און צוריק אַרויס. זיך געכאַפּט צום זויגן, אָנגעקלאַפּט דעם אייטער, אָנגענומען און צוריק אָפּגעלאָזן... ווען ער פלעגט אָנהייבן זויגן האָט וואַרקאַ דעם קאָפּ געהויבן פון דעם היי מיט דעם עסן אין מויל לאַנגזאַם, פאָרזיכטיק אים נישט איבערצושלאָגן, דעם קאָפּ פאַרדרייט אויף אַ זייט און מיט אַסך ליבע צוגעקוקט, ווי ער זויגט.

זאַנוול האָט איר געגעבן דאָס ברויט מיט זאַלץ, דאָס זאָל באַטייטן: פון היינט אָן גייסטו אַריבער אויף מיין זאַלץ און ברויט.

אין אָנהייב האָט זי זיך פאַר אים געשראָקן. דערנאָך האָט זי אויסגעצויגן דעם קאָפּ, באַשמעקט דאָס ברויט און ביי אים פון האַנט אַרויסגענומען. זי האָט דאָס ברויט געגעסן, זיך באַלעקט, געלעקט זיין האַנט, ווי זי וואָלט איינגעשטימט מיט אַלע זיינע פּלענער.

וואַסיל האָט מאָנאָטאָן צו אַלץ צוגעקוקט מיט אַ מאָדנעם שווייגן. דערנאָך האָט ער וואַרקען אויף די הערנער אָנגעבונדן אַ נייעם שטריק, — צו ווייזן, אַז ער גיט איר אָפּ מיט אַ ברייטע האַנט, — אַרויסגעפירט פון שטאַל. מיט דער פּאָלע פון סערמיגע אָנגענומען די שטריק און זאַנוולען אין דער פּאָלע די שטריק איבערגעגעבן. און אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ האָט זאַנוול אין אַ לייכטע אומרויקייט אויסגעהערט וואַסילס ברכות.

זאַנוול האָט איר אָנגעהויבן אָפּפירן פון שטאַל. דער בעלגוף האָט נאָכגעטריבן. וואַרקאַ האָט זיך דערשראָקן, זיך געוואָרפן אין אַ זייט און מיטגעשלעפּט זאַנוולען מיט זיך. עטלעכע

מאָל אים אַרומגעדרייט, זיך אָפּגעשטעלט, אים אָנגעקוקט מיט שרעק און די פֿיס־שטראָם אײַנגעשפּאַרט — נישט פֿון אָרט.

באַלד איז איר אָבער דאָס קאַלב פֿאַר די אויגן געקומען. וואַרקאַ האָט נאָכגעלאָזן דאָס שטריקל, און ווען זי האָט געזען, אַז דאָס קאַלב גייט איר נאָך, האָט זי זיך געלאָזן פֿירן און מיט אַ ווייכן „מו!" אים מיטגערופֿן.

צוקומענדיק צום טויער האָט זיך פֿון שטוב באַוויזן דאָס שיקסל באָרוועס, מיט אַ געשוואָלן פֿאַרוויינט פּנים. זי האָט אין קליידל געבראַכט וואַרקען אַ פּאָר קאַרטאָפֿל צום געזעגענען.

זאַנוול האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיט די קליינע הענטלעך האָט איר דאָס שיקסל די קאַרטאָפֿל איינציקווייז אויסגעקאָרמעט, געהאַלזט אַרומגענומען און שטיל געכליפּעט...

ביז פֿון דאָרף אַרויס האָט וואַסיל דאָס קאַלב אויף די הענט געטראָגן. וואַרקאַ איז אים נאָכגעלאָפֿן און פֿאַרלאָפֿן, אים אַנטקעגן געשפּרונגען, נאָכשלעפּנדיק מיט זיך זאַנוולען. דערנאָך האָט ער דאָס קאַלב פֿון די הענט אַראָפּגעלאָזן און זיך געקערט אין דאָרף אַרײַן.

וואַרקאַ איז צוערשט צוגעלאָפֿן צו דעם קאַלב, ווי זי וואָלט זיך וועלן איבערצײַגן, צי מען האָט אים נישט געטון קיין שלעכטס. דערנאָך האָט זי דעם קאָפּ אויסגעדרייט צום דאָרף און הילכיק אויסגעצויגן געמוקעט, ווי זי וואָלט פֿון דאָרט הילף גערופֿן. פֿון דאָרף האָט אַ פֿאַרדומפּן קול פֿון אַ שטאַל אַרויס אָפּגעענטפֿערט:

— מו, מו!.. מיר קענען נישט, מיר קענען גאָרנישט העלפֿן...

ווי לאַנג דער דאָרף איז נאָך געווען צו זען האָט וואַרקאַ זיך געריסן און צוריק געצויגן צום דאָרף. דערנאָך האָט זי זיך באַרויִקט און אָנגעהויבן גיין מיט דעם שליאַך צום שטאָט צו. דאָס קאַלב איז זיך אײַנגעגאַנגען און איר נאָכגעלאָפֿן. אַ פּאָר מאָל האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, געדרייט, געטאַנצט נאַריש אַרום דעם קאַלב, זיך פֿאַרקוקט אויף די פֿעלדער און אין דער ווייט אַרײַן גערופֿן.

אָפּט באַגעגנט זי אַ ברודיק שטיקל אייז, לאָזט זי אַראָפּ דעם קאָפּ, צעשראָקן, צעשפּרייט די נאָזלעכער, און כראָפּענדיק שמעקט זי אַרום דאָס ווייסע. און ווען זי שפּאַרט זיך איין נישט צו רירן פון אָרט, נעמט זאַנוול דאָס קאַלב אויף די הענט און וואַרקאַ לויפט אים נאָך.

אַהיים האָבן זיי זיך דערשלעפּט ערשט קעגן פאַרנאַכט. זאַנוולען האָט אַלץ וויי געטון. שווער געאָטעמט, דאָס פנים האָט אים געפלאַמט מיט פייער.

וואַרקאַ איז פאַרן שטוב שטיין געבליבן, זיך געטרייסלט ווי אין פיבער, די איינגעפאַלענע זייטן האָבן זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ. פון מויל האָט מיט ווייס געשוימט, פאָרזיכטיק זיך אַרומגעקוקט און געהיט דאָס קאַלב.

דער קליינער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. דאָס קעפּל אַראָפּגעהאָנגען און זיך אַלץ געטוליעט צו דער מאַמען.

באַלד האָט מען זיי דורך דער פאָרהויז געבראַכט אין שטעלכל. אין אָנהייב האָט זיך וואַרקאַ געאַמפּערט, זיך גע- שראָקן פאַר דער טיר. נאָר ווען מען האָט פאַר איר דאָס קאַלב אַריינגעטראָגן, האָט זי מיטאַמאָל אַריבערגעשפּרונגען די שוועל און איז אַריין.

ווען זי איז שוין געווען אינעווייניק, האָט זי זיך נישט אָריענטירט, נייגעריק אַרומגעקוקט און געשמעקט. זאַנוולס ווייב האָט איר אָפּגעבלאָזן פון אַ גוט אויג, אַרומגעפירט מיט אַ ביסל זאַלץ, אויסגעשאָטן ביים שוועל און מען האָט זיך גענומען פלייסיק מאַכן פאַר איר אַ שטעל.

וואַרקאַ האָט דאָס עסן לאַנג אַרומגעשמעקט, פאַרזוכט און אָפּגעגאַנגען. אָפּגעזוכט אַ ווינקל, די פיס אונטער זיך אַרונ- טערגענומען, מיט אַ קרעכץ זיך אַוועקגעלייגט, און אויסציענ- דיק דעם קאָפּ צו די שטומע טונקעלע ווענט, נייגעריק זיך איינגעהערט אין דער ווייטער וועלט אַריין.

דער טאָג האָט גענידערט. אַ שטיק רויטער הימל פון דער פאַרגאַנגענער זון האָט זיך אויף די ביימער פון דער גרעבליע אַראָפּגעזעצט. בעלי-מלאכות לייגן אַוועק די אַרבעט און איילן

אין בית-מדרש אַריין. בעל-הביתטעס מעלקן די בהמות און אי-בערגעדעקט די מילך מיט דעם פאַרטעך, פאַר לייטישע אויגן, לויפט מען איבער פון שטאַל אין שטוב אַריין. עס האָט זיך פון אַ קוימען אַ שמאָל בלוילעך רויכל געוויזן, אַן אָנזאָג אויף דער צוגעשטעלטער וועטשערע, און שטיל זיך געצויגן צו די שטילע פאַרנאַכטיקע הימלען.

זאַנוול האָט זיך נאָך אַלץ אַרום שטאַל געפּאָרעט. בעסער אונטערגעבעט, וואַסער געבראַכט, אַן אַלט העמד צעריסן און פאַרשטעקט די שפּאַרעס.

און ווען אין גאַס האָבן אָנגעהויבן די לעמפּלעך אויס-לעשן, יידן לייענען קריאת-שמע און קלייבן זיך שלאָפן גיין, די גאַס מיט די הייזער אין די הענט פון דער נאַכט אָנגעטרויט, האָבן ביי זאַנוול דעם שומטער אין שטעלכל, ווו עס פלעגט שטענדיק ליגן האָלץ, קלעפּקעס פון אַ צעשאָטענער באַליע, אַלטע קאָפּיטעס, — צוויי לעבעדיקע נפשות האַלבדרימלענדיק געאָטעמט און עפּעס אומרויקס, אומדייטלעכס האָט זיך ביי זיי אין קאָפּ געפּלאָנטערט.

*

עטלעכע טעג איז וואַרקאַ געווען אומעטיק, האָט צע-שראָקן באַטראַכט די שטאַל, מאָנאָטאָן געמוקעט און געבליבן איינהערן צום עכאָ פון איר „מו".

געגעסן האָט זי ווייניק, וואַסער האָט מען איר געטראָגן אין שטאַל אַריין. און ווי זי שטעקט נאָר אַריין דעם קאָפּ אין עמער, דערשרעקט זי זיך באַלד, רייסט אַרויס דעם קאָפּ און הייבט אָן זוכן דאָס קאַלב.

די ערשטע צייט האָט מען זי נישט געמאָלקן. פון בענקשאַפט איז איר מילך אָפּגעפאַלן, קוים גענוג געווען פאַר דעם קאַלב. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן אַראָפּנעמען פון דעם קאַלב אַ האַלב גלאָז, אַ גלאָז. מיט דער מילך איז אויף געווען די גאַס. יע-דערער האָט פאַרזוכט און מבינות געזאָגט. מען האָט די מילך געלאָזן איינשטיין, דאָס ביסל סמעטענע אַריינגעטון אין אַ פלאַש

און לאַנג געקלאַפּט ביז עס איז געוואָרן פּוטער. די זויערמילך־אָפּגעזאָדן, געמאַכט גאָמולקעס און אַוועקגעלייגט איבערן ווערק־שטאַט אויפן פענצטער צום טריקענען.

ביסלעכווייז האָט זיך וואַרקאַ צוגעוויינט. די שטאַל, די מענטשן זענען איר געוואָרן באַקאַנט. פונדערהיים, פון יענע בהמות האָט זיך נאָך וואָס געפּלאָנטערט ביי איר אין מוח, נאָר זי האָט אָנגעהויבן פאַרגעסן און זיך שטאַרק צוגעבונדן צום קאַלב.

אין נאַטור איז זי געווען אַ רויקע, אַ צוגעלאָזענע. דאָס מעלקן איז זייער לייכט צוגעגאַנגען, באַלד האָט זי צוגענומען דעם רעכטן פוס, געלאָזט אַרומוואַשן דעם אייטער און רויק זיך איינגעהערט צום מעלקן.

נאָר דאָס קאַלב האָט איר געמוזט זיין פאַר די אויגן. עס איז גענוג געווען דאָס קאַלב זאָל זיך נאָר אָפּקערן, זי זאָל ווערן אומרויק, פאַרבויגן דעם קאָפּ און אָנגעהויבן איר רופן אַזוי ווייך בעטנדיק... און טאָמער קומט זי נישט באַלד, גיט זי זיך אַ דריי, קערט אַלץ איבער און לויפט צו צום קאַלב, ציטערנדיק אינגאַנצן. דאָס שטילע ווייכע מו — מו, דאָס אַרומטאַנצן, דאָס קושן איז געווען אַזוי גליקלעך און פאַרשיכורט, אַז עס האָט אויסגעזען — אָט ווערט זי משוגע פאַר גליק...

*

אויפן צווייטן דאָנערשטיק, ווען שמחה דער קצב איז געקומען נעמען דאָס קאַלב צו שחטן אויף שבת, איז ער אַליין אַריין אין שטעלכל, האָט וואַרקען אַרויפגעוואָרפן אַ זאַק אויפן קאָפּ, דעם קאַלב ביים עק אָנגעכאַפּט און אַרויסגעשלעפּט פון שטעלכל.

לאַנג האָט וואַרקאַ מיטן זאַק מלחמה־געהאַלטן, געבריקעוועט, און דרייענדיק דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, יעדע ווייַלע זיך אָנגעשלאָגן אין וואַנט.

ווען זי האָט דעם זאַק פון זיך אַראָפּגעוואָרפן, האָט זי זיך פלייסיק אַרומגעקוקט און אַרויסגעלאָזן אַ טרויעריקן, האַרצ־רייסיקן „מו!“, זיך געדרייט אויף איין אָרט, ווי אַ הונט, וואָס

וויל אָנכאַפּן זיין אייגענעם עק. דערנאָך איז זי צוגעפאַלן צו דער ערד אויף די פאָדערשטע קני, מיט די הערנער די ערד געגומען גראָבן, אינדערהויך אַרויפוואַרפן און אַזוי ווילד גע־ריטשעט, אַז עס האָט זיך אַ שרעק איבערן גאַס צעגאָסן.

מענטשן האָבן זיך אַרום שטאַל געקליבן. קיינער וואַגט נישט אַריינצוגיין...

זאַנוול איז ווי משוגע געלאָפן צו שמחהן צוריק אָפּנעמען דאָס קאַלב. ווען ער איז צו שמחהס שטוב צוגעקומען, האָט זיך צו אים, נאָך פונדערווייטנס, אַ ריח פון בלוט און פריש מיסט דערטראָגן. פאַרן שטוב האָט אַ מאָגערער, אויסגעקראָ־כענער הונט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם עק געפאַדעט און עפּעס אַרומגעשמעקט.

די שטאַל איז געווען אָפן, קעגנאיבער פאַרן טויער איז אַ גרויסע „טול" געהאָנגען, וועלכע האָט דערלאַנגט פון בעליק ביז דעם מיסט. אַפּאָר אָפּגעשונדענע קני האָבן צום גאַס צו אַרויסגעשטאַרטשעט. פון האַלז האָט זיך שוואַרץ פאַרקילט בלוט געצויגן און מיט דעם מיסט זיך אויסגעמישט. ביים זייט איז געלעגן אַן אָפּגעשונדענער קאָפּ מיט שטיקלעך רויטע פעל אַרום די ליפּן און בולטע גרויסע אויגן, וואָס זעען אויס גרעסער ווי לעבעדיק...

אין דער צווייטער זייט איז געשטאַנען אַ טיש, אויפן טיש אַ לונג־און־לעבער. שמחה האָט דעם גאָרגל אין מויל געהאַלטן און אינגאַנצן רויט ווי אַ בוראַק אין אים געבלאָזן...

שלום דער שוחט, אַ יאַדעשליווער ייד, מיט אַן איינ־געצויגן האַרץ, האָט מיט דער האַנט איבערן אָנגעבלאָזענעם לונג געפּאַטשט, ערטערווייז געגעצט מיט שפּייעכץ און צו־געהוסט.

אין אַ ווינקל, אָפּגעצוימט איז געשטאַנען אַ לעבעדיקע בהמה, וואָס האָט גלייכגילטיק צו אַלעם צוגעקוקט.

העכער אַרויף זענען געהאָנגען עטלעכע קעלבער. זאַנוול האָט זיינס באַלד דערקענט. אויף אַ פלעקל, וואָס איז געווען דורכגענומען דורך די הינטערשטע קני, איז עס פון בעליק

געהאָנגען. דאָס פּעלכל אָפּן, ווי אַ פונאַנדערגעשפּיליעט מלבוש. דאָס בייכל ליידיק און מיט אַ העלצל פונאַנדערגעצויגן.

פון פּעלכל האָבן פיר פּיסלעך געהאָנגען, ווי זיי וואָלטן געווען צוגעניייט און זיך געבאָמבלט גלאַט אין דער וועלט אַריין. דער האַלז פּונקט אויף דעם ווייסן איבערגעשניטן, מיט שוואַרצע בלוט-פלעקן. די אויגן אָפּן און גרויס, מיט אַן אומגעהויערער שרעק, ווי עס וואָלט אין זיי דער לעצטער לעבנסציטער פאַרגליווערט געוואָרן. דאָס קליינע מיילעכל איז שטייף פאַרשטשימעט מיט אַ שטיקל צינגל פון צווישן די ציין אַרויס. אויף דעם שפּיץ צינגל איז אַ שלענגל שוואַרץ בלוט פאַרקילט געבליבן...

*

אַ שווערע נאַכט דערשטיקט צו ווערן.

אַ נאַכט, וואָס איז נישט נאַכט און נישט טאָג. אַ כאַאָס, וואָס האָט נישט קיין הימל און נישט קיין ערד. שלאָגט אָפּ מיט אַ נודנע גרינקייט און מען ווייסט נישט, צי עס איז ליכטיק, צי פינצטער.

עס וואַקסט פון ערגעץ אויס אַ שטאַל, און אַרום שטאַל פאַדען הינט אַ גאַנצע נאַכט און וואָיען טרויעריק איינגעגעסן... זאַנוול וויל צו זיי אַרויסשרייען:

— צו אייערע קעפּ און צו אייערע בעל-הביתימס קעפּ!- עס ליגט אים אָבער ווי אַ שטיין אויפן האַרצן.

די הינט האָבן זיך אונטערן שטאַל אַרונטערגעגראָבן, האָבן פון דאָרטן אַרויסגעשלעפּט אַ נאַקעטן אָפּגעשונדענעם קאָפּ מיט אויגן, וואָס גלאַנצן אין דער פינצטער. עס איז געוואָרן אַ געשלעג, אַ געבייסעריי און אַ בילן, טויב צו ווערן. האָבן דעם קאָפּ אויף שטיקער צעריסן און פאַרבלוטיקטע, שפּרינגנדיק אויף דריי פיס מיט אָפּגעריסענע אויערן, פאַרשווינדן זיי ערגעץ ווי אויסער דער וועלט.

עס שטייגט אַרויס פון שטאַל דאָס קאַלב — וואַרקעס קאַלב, פּונקט ווי ער האָט עס געזען. מיט אַן אָפענעם בויך און איבערגעשניטענעם האַלז. עס גייט אויף צוויי אָפּגעשניטענע

קני, נאָכשלעפנדיק נאָך זיך די פעל מיט די פיסלעך. עס גייט גלייך אויף אים. די אויגן זענען איבערגעקערט און שפיגלען אָפּ אַ גרינגע שרעק...

עס איז צוגעקומען צו אַ שטוב.—ער דערקענט די שטוב — זיין שטוב, מיט אַ נייע שינדל-לאַטע אויפן דאַך. אַט איז עס אַריין אין אַלקער און צוגעגאַנגען צום קינדס וויגעלע. צוערשט האָט עס זיך איבערן וויגעלע אַריבערגעבויגן און לעקט דעם קינדס פנימל מיט דעם שטיקל פאַרשטשימעט, פאַרבלוטיקט צינגל, דערנאָך האָט עס די נאַקעטע פעדערשטע קני צום וויגל אויסגעשטרעקט און וויל דאָס קינד פון וויגל אַרויסנעמען. דאָס קינד פאַרשטייט און לאָזט זיך נישט. האַלט זיך אָן ביי די שנירלעך אויף וועלכע דאָס וויגל הענגט און שרייט:

— מאַ—מע !..

זאַנוול איילט זיך און וויל דאָס קאַלב אַוועקנעמען פון וויגל. לאָזט עס זיך נישט. אַמפּערן זיי זיך ביידע און פאַרוואַלגערן זיך אויף דער ערד אין אַ געראַנגל.

פלוצלינג האָט זיך זאַנוול פון זיינע אייגענע קולות אויפגעוועקט. ער האָט זיך דערזען ליגן אין בעט אין אַ טייך שווייס. ער האָט דערקענט דעם אַלקער, אָנגעטאַפּט דאָס קאָפּ-ווענטל פון זיין בעט, מיט די גאַלקעלעך אין די ווינקלען. פון צווייטן צימער האָט זיך געהערט דאָס באַקאַנטע קלאַפּן פון זייגער — „טיק, טאַק” — און פון גאַס האָט זיך דייטלעך געטראָגן אַן אומעטיק וואָיען פון אַ הונט.

ער האָט אָנגעצונדן פייער און צוגעלאָפן צום קינד. דאָס קינד איז אין וויגל געלעגן אַדורכגעוואַרעמט, מיט אַ צעפריעט רויט בעקל און גליקלעך געשמייכלט אין שלאָף.

ציטערנדיק אינגאַנצן איז זאַנוול מיטן לאָמפּ אין האַנט געשטאַנען ביים וויגל און זיך איינגעהערט צום קינדס אָטעם.

עס האָבן זיך אַלע אין שטוב אויפגעוועקט און מיט שרעק געקוקט אויף זאַנוולען. דאָס ווייב האָט דאָס קינד אַ שלעפּעריקס פון וויגל אַרויסגעכאַפּט, אָפּגעבלאָזן, אויסגעשפּיגן ניין מאָל, אויסגעקושט און גענומען צו זיך אין בעט אַריין.

פון גאַס האָט זיך נאָך אַלץ דאָס זעלבע באַקאַנטע בילן געטראָגן. זאַנוול האָט אין פענצטער אַריינגעקלאַפּט און איבער־געחזרט דריי מאָל:

— צו דיין קאָפּ און צו דיין בעל־הביתס קאָפּ!

דערנאָך האָט ער אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, זיך אָנגעטאָן און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף טאָג...

*

אינדערפרי איז וואַרקאַ געלעגן אין אַ טיפן גרוב, וועלכן זי האָט אַליין אויסגעגראָבן, שטיל געקרעכצט, ווי עמעצער וואָלט געוויינט פון שלאָף.

דער אָ' האָט זי זיך לאַנגזאַם אויפגעשטעלט, אויסגעצויגן, אויסגעגלייכט, אויסגעקנאַקט די ביינער און פאַרחלומט זיך אַרומ־געקוקט, ווי עס וואָלט זיך איר וואָס געדאַכט, ווי זי וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, און אויסציִענדיק דעם קאָפּ האָט זי פאַר זיך, ווי אַ בלינדע, עפּעס געזוכט.

נאָר ווען מען האָט פאַר איר אַוועקגעשטעלט דאָס מיט שטרוי אָנגעשטאָפּט פעלכל אויף די פיר הילצערנע פיסלעך, האָט זי זיך פריער ווי אין עפּעס איינגעהערט, דערנאָך האָט זי אַ שפרונג געטאָן און משוגע פיבערהאַפט גענומען לעקן, קושן די טויטע אייסגעלעכערטע אויגן, דעם צונויפגענייטן ברודיק־פאַר־בלוטיקטן האַלז, דאָס מיילכל פון וועלכן עס האָט אַפאָר שטרוי אַרויסגעקוקט...

און פּלוצלינג איז זי צוריק אָפּגעשפרונגען, אַ טיפן ברום געטאָן, דעם קאָפּ מיט די הערנער אַראָפּגעלאָזן, אונטערגעבויגן, זיך פאַרמאָסטן. די אויגן זענען געוואָרן איבערגעקערט, מיט אַסך בלוט אין די ווינקלען און קאָנוולסיוו כראָפּענדיק האָט זי מיטן קאָפּ אונטערן אָנגעשטאָפּטן פעלכל אַ זעץ געטאָן, הויך אונטערגעוואָרפן, און גענומען עס רייסן און טרעטן מיט די פיס.

איבערן גאַס האָט זיך אַ מגושמדיק רעווערייַ צעגאָסן...

אַכט טאָג האָט זיך אין שטעלכל געטון חורבן... מען האָט

די טיר מיט שטריק פאַרבונדן און מיט האָלץ פאַרלייגט, זי זאָל זיך נישט אַרויסרייסן. מ׳האָט אין בוידעם אויפגעריסן אַ ברעטל און מיט אַ שטריק איר דערלאַנגט אַ טרונק וואַסער. זי פלעגט פאַרזוכן דאָס וואַסער און באַלד איבערקערן, אָדער אַ קאָפּע טון מיט אַ פוס, אַרויפוואַרפן, אַז עס פלעגן פון עמער בלייבן נאָר די קליעפקעס.

ווען זי איז מיד געוואָרן, האָט זי זיך אַוועקגעלייגט און איז אַ ווײַלע אָפּגעלעגן שטיל מיט אַ ווײַסן שוים אַרום מויל, און זיך ווידער אויפגעכאַפּט.

אַכט טאָג איז זאַנוויל אַרומגעלאָפן ווי משוגע, האָט געלאָזט אָפּשפּרעכן און אָפּרעדן פון אַ גוט-אויג. אין וואַגן אַ מעסער אַרײַנגעשטעקט פאַר אַ סגולה. דער ווערקשטאַט האָט געפּוסטע-וועט ווי אין „שבעה", און איז געווען איבערגעדעקט מיטן פאַרטעך.

ער איז אַוועק אין דאָרף, האָט דעם שיקסל געבראַכט אַ פּאַטשיילקע אַ „האָסטיניעץ", זי זאָל זיך איבערבעטן און זאָגן, אַז זי זשאַלעוועט נישט.

דאָס שיקסל האָט קינדיש צעשראָקן אויף אים געקוקט און האָט נישט געזאָגט קיין וואָרט.

די גאַס, די שטאָט, אַ וועלט מיט מענטשן האָבן זיך צום שטאַל געצויגן און פאַרביכן צום שטאַל זיך אײַנגעהערט. עס האָט פון דאָרטן אַן אומעט, אַ טויט-אומעט פול מיט שרעק געשטיגן און ווי אַ שוואַרצע קראָ זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַס.

פון דאָרף איז געקומען וואַסיל דער בעל-גוף. ער האָט דורך אַ שפּאַרע אַרײַנגעקוקט אין שטאַל. לאַנג געקוקט און באַטראַכט. אויף דעם אָפּגעברענטן געזיכט האָט געשוועבט אַ טיפער ווייטיק און יאוש. די קנייטשן אַרום די אויגן האָבן נערוועז געציטערט. ער האָט אין שרעק עטלעכע מאָל אָנגערופן גאָטס נאָמען, זיך געצלמט און צוריק אַוועק אין דאָרף...

*

ווען שמחה דער קצב מיט שלום דעם יאַדישלעוון שוחט זענען אַרײַן אין שטאַל איז וואַרקאַ געלעגן מיט אָפּגעקלאַפּטע

הערנער, פאַרבלוטיקט און ברודיק, און זיך נישט גערירט פון אָרט. ליגגדיק האָט זי דערפילט זייער אַריינקומען, אויסגעצויגן דעם קאָפּ און געשמעקט צו זייערע פאַרבלוטיקטע שטיוול. די אויגן האָבן גרויס געסטאַרטשעט, מוטנע און געקוקט אויף איין פינטל...

שמחה האָט איר געלייגט אויף אַ זייט, דעם קאָפּ פאַר־ריסן. זי האָט נאָכגעגעבן, זיך אויסגעצויגן, ווי זי וואָלט זיך צו עפּעס איינגעהערט.

נאָר ווען דאָס מעסער איז אַדורך איבערן ווייסן פלעק וואָס אַרום האַלז, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף, זיך אַ שטאַרקן וואָרף געטאָן, הויך כאָרכלענדיק דעם האַלז, נאָך שטייפער אויסגעצויגן און אַרויסגעשטעקט די צונג.

און ווען פון דעם צווייטן האַלב־איבערגעשניטענעם האַלז האָט דאָס בלוט דורך דעם גאָרגל געשטראָמט אין מויל אַריין, האָט זי זיך מיט דער רויטער וואַרעמער פּיענע באַבלעקט. עס איז איר מאָדנע זיס און וואַרעם געוואָרן. אַ רגע איז זי שטיל געבליבן. קאָנוווּלסיוו די פיס אויסגעצויגן, שטייף מיט אַ ציטער. איבערן קערפּער איז איר אַדורך אַ קעלט... זי איז שטיל געבליבן.

שמחה האָט דאָס מעסער אַפּאָר מאָל איבערן האַק אַדורכ־געפירט אים אָנצושאַרפן. אין דער אונטערשטער ליפּ געמאַכט אַ לאָך, אַריינגעשטעקט אַ פינגער און אָנגעהויבן שינדן דעם קאָפּ.

דאָס בלוט איז נאָך וואַרעם געווען. געשלאָגן מיט אַ פּאַרע. ערטערווייז געשוימט. איבער דער פעל איז וווּ־נישט־ווּ אַ פּאַליע — ווי געטריבן מיט אַ גרינג ווינטל — אַדורך אַ ציטער און לייכט, לייכט זיך געפּאַלבט...

וואַרשע, 1909

אין האָלץ־הויף

ווען מ׳זאָל „דונקען“ **פרעגן: ווי אַזוי זי האָט** אַדורכגע־לעבט די לעצטע פּאָר יאָר, איידער זי איז אָנגעקומען אין דעם האָלץ־הויף, וואָלט זי גערן פאַרשוויגן, אַ דריי געטון מיטן עק און געזעען אַרויספירן דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש...

נאָר ווען איר יעצטיק לעבן וואָלט זי מיט שטאָלץ געענטפערט, אַז זי האָט אַ היים, ווייסט איר בודע, פאַרשטייט אירע פליכטן צום האָלץ־הויף און פאַרדינט איר עסן — יעדן אינדערפרי אַ פונט טרייבעכץ, ביי טאָג אַביסל רעשט פון קיך — גאַנץ ערלעך.

ווי אַזוי זי איז אַהערגעקומען האָט זי נאָר אַ גליקלעכן צופאַל צו פאַרדאַנקען. גראַדע איז אין האָלץ־הויף מיט אַ קורצע צייט צוריק געוואָרן פריי אַ פלאַץ. דער פריערדיקער הונט איז פלוצים פון דער וועלט געגאַנגען, נישט אַ טראַכט טועגדיק אַפילו, צי עס איז געבליבן אַן אַנדערער אויף זיין אָרט. און דער אַלטער קאָסטוס, זייער אַן אַלטער איינזאַמער פויערל, וועלכער דינט אין דעם הויף גאַנץ געטריי שוין פון אַסך יאָרן, האָט זיך שטאַרק באַאומרויקט, איז די נעכט זייער שלעכט געשלאָפן; און ווי ער איז נאָר איינגעשלאָפן, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז מען קריכט איבערן פאַרקאַן, מ׳שלעפּט ברעטער, מ׳שלעפּט און מ׳טראָגט, און מען וועט דעם גאַנצן הויף אַרויסטראָגן. פלעגט ער זיך אויפכאַפּן אין שרעק, אַרויסלויפן פאַר דער טיר פון זיין זעמליאַנקע, אַדורכגענומען מיט אימה פאַר דער שטומער, טיפער נאַכט, און ציטערנדיק אינגאַנצן, האָט ער נישט

געוואַגט טיפער אין הויף אַריינצוטרעטן, האָט נאָר געקלאַפּט מיטן שטעקן פאַר זיך — און איבערן הויף האָט זיך אַן אַלטע פאַרדומפּן־ציטערדיקע שטימע צעגאָסן:

— „זלאָדזשעי״! הו! הא!..

ער האָט זיך פאַר דער צייט אַזוי אַראָפּגערוקט, געוואָרן בייז און אויפגערעגט, אַז מ'האָטווירקלעך געקאָנט רעכענען אויף נאָך אַ וואַקאַנסיע אין האָלץ־הויף...

*

דערווייל האָט דאָס גליק אַזוי געפירט (יעדע באַשעפעניש האָט דאָך איר מזל), אַז גראָדע אין אַזאַ צייט האָט דונקע פאַרבלאָנדזשעט אין הויף און אַז זי האָט דערזען דעם אַלטן, האָט זי זיך גאָרנישט געשראָקן, אָבער גאָרנישט, ווי איר האַרץ וואָלט איר פאָרגעזאָגט, אַז דאָס וועט זיין איר אויסלייזער און באַשיצער. האָט זי זיך אים אַנטקעגן געשטעלט, אַרונטערגעקוקט אין די אויגן און חניפהדיק געדרייט מיטן עק, ווי זי וואָלט געזאָגט:

— טשעפּע נישט, גלויב מיר, עס איז נישטאָ פאַרוואָס...

איז דעם אַלטן דער שטעל געפעלן געוואָרן. און דערמאָנענדיק זיך די לעצטע עטלעכע נעכט, וואָס ער האָט אַדורכגעלעבט, האָט ער מיט אַן אומרויקע האָפענונג אין האַרצן געקלערט:

— ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען אָט דאָס הינטל וואָלט זיך צוגעוויינט און געבליבן אין הויף...

האָט ער איר געוויזן אַ פריינדלעך פּנים, אַרויסגעטראָגן אַ שטיקל ברויט, געפּרוווט איר אַ גלעט טון. זי האָט זיך געלאָזן גלעטן, נאָר פאָרזיכטיק, פון דער זייט, געוואָרפן אַ בליק מיט חשד און אַזוי ווייטער, פאָרזיכטיק ביז עס איז געשען...

אַז דער אַלטער פלעגט די ערשטע צייט הערן אין שלאָף דונקעס בילן, פלעגט ער צופרידן טיפער דעם קאָפּ אין געלעגער איינגנורען און אין אַ פאַרנעפּלטער רויקער זיכערקייט ווידער איינשלאָפן, און לאַנג האָט זיך צו אים דער באַקאַנטער בילן

זוי פון ערגעץ גאָר ווייט דערטראָגן און ווי אָנגענעמע מוזיק-טענער ביים אויער געגלעט.

און דונקע האָט זיך אַליין נישט געגליבט, זיך אַלץ אַרומ-געקוקט און נישט געקענט אָריענטירן. און יעדן אינדערפרי, אַז זי באַקומט איר חלק טרייבעכץ, קוקט זי אַריין טיף אין די אויגן, צי מען מיינט דאָס מיט אַן אמת, און האַלטנדיק דאָס שטייף צווישן די פּאָר פּעדערשטע פיס, וואָס קיין באַשעפעניש וואָלט נישט געוואַגט ביי איר דאָס אָפּנעמען, האָט זי אין די זייטן אומרויקע בליקן געוואָרפן, פאָרזיכטיק אַרום זיך צוגעהערט און שטיל הינטיש געברומט.

נאָר מיט דער צייט האָט מען זיך צוגעוויינט און איינ-געלעבט, דער אַלטער האָט יעדן פאַרנאַכט גאַנץ פיין זיך אויס-געבעטן, געצלמט, אָפּגעזאָגט וואָס מען דאַרף און זייער רויק איינגעשלאָפן.

דונקע האָט זיך באַקאַנט מיטן האָלץ-הויף, אָריענטירט אין די מענטשן, וואָס קומען אַריין, און יעדן אינדערפרי האָט זי באַקומען איר פּאַרציע צופרידן און מיט אַ דריי מיט דעם עק, אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט, אַוועקגעלייגט צווישן די פיס — און גענומען עסן לאַנגזאַם און מיט הנאה.

און אַט אַזוי זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין טאָג-טעג-לעכן לעבן, און איין אויסזען האָבן זיי געהאַט, ווי עס וואָלט שוין אַזוי געווען פון אַלע מאָל, ווי זיי וואָלטן זיך אַנדערש גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן...

נאָר ווען קאָסטוס זעט דעם בעל-הביתס גלייכגילטיקייט און אומדאַנקבאַרקייט צו אַזאַ הונט, ווי דונקע, קרענקט דאָס אים שטאַרק, פּונקט ווי מ׳וואָלט שוין גאָרנישט פאַרשטיין, וואָס איז אַ גוטער הונט, פּונקט ווי דער שכנותדיקער דאָרף וואָלט נישט געווען העלפט אויסגעבויט פון געגנבעט געהילץ, פּונקט ווי עס וואָלט נישט געווען אין שטאָט אַזעלכע הייזער, וווּ מ׳ווייסט גאָרנישט פון דער מאָדע צו קויפן האָלץ, און פונדעסטוועגן, אַז מ׳קומט צו זיי ווינטער איז שטוב אַריין שמעקט מיט וואַרעם...

נאָכמער האָט אים געקרענקט אויף די אַרבעטער — זיי,

אַז זיי פּלעגן וועלן אים עפּעס טון אַ צו־להכעיס, פּלעגן זיי מיט עפּעס אַ וואָרף טון אין דונקען, אָדער פאַרבייגייענדיק אַ קלאַפּ טון מיטן פוס. דאָס האָט ער שוין נישט געקענט פאַרשווייגן, זיך געקריגט מיט זיי און געזידלט:

— פאַרוואָס קומט צו טשעפּען אַ הונט? פאַרוואָס קומט צו שלאָגן אַ באַשעפעניש פון גאָט, וועלכע איז אַזוי געטריי און ערלעך? פאַרוואָס קומט צו באַליידיקן אַ שטומע זאַך, וועלכע קאָן צוריק נישט געבן? ליבערשט וואָלטן זיי אים אַ זעץ געטון.

און אָט אַזוי פלעגט ער אַרומגיין און רעדן, וואָרטשען מיט דעם נאַקעטן אָנגעיינערדיקן מויל, ביז ער פאַרסלינעט זיך און עס באַשלאָגט אים אַ קאַלטער שווייס.

און די אַרבעטער הערן אויס גאַנץ רויק מיט אַ שמייכל אַלץ, וואָס ער האָט דאָ געזאָגט, און אַז ער דרייט זיך נאָר אָפּ, רופט זיך אייגער אָן:

— זעסט אויפן „באַטראַק", דעם אַלטן בחור, ער האָט זיך אין דער סוקע פאַרליבט, ער פירט אַ ליבע מיט דונקען.

און פּאַנאַס, אַ יונגער שייגעץ מיט ברענענדיקע גנבישע אויגן, גיט זיך אַ פאַרגנבע, אַ בייג אַראָפּ, אַ הויב־אויף אַ שטיקל העלצל און אַ שיק אַריין גלייך דונקען אין אַ פּיסל אַריין, גיט דונקע אַ שפּרונג פון אָרט, אַ טראָג־אַרויף אין דער לופטן מיט אַ קוויטש, אַז עס פאַרשלאָגט איר דעם אָטעם. נאָר אַז זי כאַפּט אין דער מינוט אַ קוק צו דער קאָמפּאַניע, זייער כלומרשטער קוקן אָן אַ זייט, פּאַנאַסעס קראַצן זיך אין קאָפּ, פאַרשטייט זי באַלד, פון וואַנען עס קומט, און ווי זי וואָלט זיי נישט פאַרגינען... בלייבט זי שטיל, פאַרשטשימעט די ציין, און אויף דריי פיס שאַרט זי זיך צו צו דער בודע און זעצט זיך אַרומלעקן דאָס געשלאָגענע אָרט...

און דער אַלטער, אַז ער האָט דערהערט איר געשריי, דרייט ער זיך אום און זייער לאַנג קוקט ער מיט גיפט אויף דער חברה:

— „אַלע כאָליעריעס זאָל אייך טרעפן!"

און אַזוי שעלטנדיק, שלעפּט ער זיך צו צו דער בודע, לייגט זיך אַוועק לעבן דונקען, ביז עס גייט אים איבער דער כּעס און זי האָט פאַרגעסן אָן קלאַפּ...

ווענן קאַסטוסן זענען אין הויף פאַרשידענע מעשיות אַרומגעגאַנגען. און אַלע נישט צו זיין טובה. געזאָגט האָט מען, אַז ער האָט קיינמאָל קיין „שלוב״ נישט גענומען, און יונגער־הייט האָט ער געהאַט אַזעלכע מגושמדיקע פאַרריסענע ליפּן, מיט דעם אַריינגעפאַלענעם שטערן און קליינע חיהשע אייגעלעך, אַז קיין מיידל האָט נישט געוואָלט פאַר אים חתונה האָבן. און אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער האָט אַמאָל, שוין גאָר זייער לאַנג, חתונה געהאַט, נאָר זי איז באַלד פון אים אַוועק, ווייל ער פלעגט איר שלאָגן און נישט געגעבן קיין עסן, און אַזוי איז ער געבליבן אַליין.

נאָר סיי די ערשטע, סיי די צווייטע האָבן אים געווייכט און זענען זיכער געווען, אַז ער איז אַ פאַרשאָלטענער פון גאָט. און דערציילט האָט מען, אַז אין די האַרבסט־פינצטערע נעכט, ווען שדים שטייגן פון די וועלדער אין שטאָט אַריין, און הינט הערן נישט אויף צו בילן גאַנצע נעכט, פאַרקלייבן זיך „יענע״ אויפן האַלק־הויף, שפּילן חתונה מיט דעם אַלטן, הוליען, טרינקען, זענען זיך משמח ביז דער האָן טוט אַ קריי, דאַן פאַרשווינדן זיי ערגעץ און נישטאָ. און אויף מאָרגן גייט דער אַלטער אום אַ גאַנצן טאָג אַ בייזער, רעדט צו זיך און בענקט נאָך זיין כּלה...

און כאָטש זיי האָבן געוווּסט, אַז אויסער דאָס ביסל איבערגעבליבן געקעכץ, וועלכע ער טיילט זיך מיטן הונט, באַקומט ער גאָרנישט, האָבן זיי געגלויבט, אַז ערגעץ טיף אין דער בודע האָט ער אַ קניפּל מיט אַלטע זילבערנע מטבעות באַהאַלטן. און נישט איין אַרבעטער האָט פון זיי געחלומט, און פלעגט אַזוי ווייט פאַרגיין אין זיין חלום, ביז ער פלעגט קומען צו אַ שענק, מיט ביר אויפן טיש, מיט קאַלטע פיס און בראָנפן און זויערע אוגערקעס.

נאָר אַזעלכע חלומות זענען קיינמאָל נישט מקוים געוואָרן,

ווייל עס איז קיינמאָל נישט געלונגען דעם אַלטן פון הויף אָוועקנאַרן...

און קוקנדיק אויף אים, מיט דעם קליין איינגעצוירעט קע־פּעלע צווישן די אַקסלען, מיט די קליינע גרינלעכע אייגלעך, מיט דעם געל־ביינערדיק מאַלפּעשן פּנים, וואָס ענדיקט זיך מיט אַפּאָר ווייסע הערלעך, וועלכע קענען וועגן זיין עלטער גאָר־נישט זאָגן, און די ליקענע פּאָסטעלעס מיט דעם אויסגעקראָכן פּעלצל, וועלכער דינט ביי אים, סיי זומער, סיי ווינטער, אי פאַר אַ מלבוש, אי פאַר אַ צודעק, מיטן נאַקעטן אויסגעקראָכן מיצל,—האָסטו אויף קיין פאַל נישט געקאָנט וויסן, וועלכעס פון אַלץ וואָס מ׳דערציילט וועגן אים איז אמת.

*

פון הויף זענען זיי קיינמאָל נישט אָפּגעטראָטן, אויסער וואָס דונקע פלעגט זיך אַמאָל איבערשמעקן מיט אַ דורכ־לויפנדיקן הונט פאַרן טויער און צוריקגעקערט אין הויף.

נאָר איינמאָל האָט זיך דונקע אויף אַפּאָר טעג פון דער־היים פאַרשלאָגן (צו דער נאַכט איז זי געקומען און אינדער־פרי ווידער אַוועק). און ווען זי האָט זיך אומגעקערט און צו־ריק דעם הויף און דעם אַלטן געבליבן טריי, האָט זי מיט זיך פון דרויסן אַ סוד מיטגעבראַכט, אַזאַ גליקלעך־אָנגענעמען סוד, פון וועלכן זי האָט זייער געוואָלט, אַז אַלע זאָלן וויסן. נאָר דער אַלטער האָט גאָרנישט באַמערקט און זיך אין קיין זאַך נישט אָנגעשטויסן...

שפּעטער, אַז דער אַלטער האָט צום ערשטן מאָל אָנגע־הויבן עפּעס באַמערקן, האָט ער זיך געוווּנדערט, נישט גע־גלויבט. אויף דעם אַלטן געל־ביינערדיק געזיכט האָט זיך אַ ראָזי־קייט, ווי די פאַרב פון אַ יונג מיידל, צעגאָסן. און צוקוקנדיק זיך בעסער, האָט ער אָנגעהויבן זיכער ווערן, און אַז ער האָט געזען איר ליגן אויף אַ זייט אויסגעצויגן און קוקן אויפן בויך, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עפּעס לעבט אינעווייניק, און אָט

באַוועגט זיך דאָס... אין דער מינוט האָט זיך אים פאַרוואָלט אַ קאָפּע טון מיטן פוס, נאָר ער האָט עס נישט געטון...

דער אַלטער האָט זיך פאַרקלערט, דעם קאָפּ אונטערגע-שפּאַרט און איז אומעטיק געוואָרן. און געדאַכט האָט זיך, אַז אַ פּאַרדרוס, אַ נאָגנדיקע באַליידיקונג איז פון ערגעץ, גאָר פון דער אַלטער אויסגעלאָשענער יוגנט געשטיגן און זיין האַרץ אָנ-געפילט, און ווי דונקע וואָלט ערשט מיט אַ כּיון, אויף צו-להכעיס, אים פאַר די אויגן זיך אויסגעצויגן און גערייצט:

— אַן אַלטער, אַ טרוקענער, אַן אויסגעהאַקטער, דאַרער בוים...

*

דאָס, וואָס עס האָט דעם אַלטן אַזוי פאַרוואונדערט און אי-בעררעשט, האָט דאָך צו קיין שלעכטס נישט געפירט. פאַר-קערט, אַז דער אַלטער האָט זיך צוגעוויינט און באַטראַכט די זאַך, האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס פרייט אים. יאָ, געוויס פרייט אים, פאַרוואָס זאָל אים נישט פרייען?

און אַפילו די אַרבעטער האָבן זיך אַסך געענדערט—וואָס עס געהער צו דונקען. און אויב זיי האָבן די געשיכטע אויס-גענוצט אויף פאַרשידענע שפּאַסן, וועלכע האָבן דעם אַלטן גע-קרענקט, האָט דאָס דונקע נישט פאַרשטאַנען...

און אַז פאַנאַס האָט פון געוווינהייט זיך פאַרגנבעט, אַראָפּגעבויגן און אויפגעהויבן אַ פלעקל, איז זי פאַר אים נישט אַנטלאָפן, האָט זיך צו אים אויסגעדרייט און אים אָנגע-קוקט אַזוי גלייך שאַרף און ליבלעך, ווי זי וואָלט צו זיין געוויסן גערעדט:

— ניין, דו וועסט דאָס נישט טון. אין אַזאַ צייט וועט דיר דאָס האַרץ נישט לאָזן.

און ווירקלעך פלעגט פאַנאַסן דאָס האַרץ נישט לאָזן. דאָס פלעקל האָט זיך פון האַנט אַרויסגעגליטשט, ער האָט זיך אָפּגעדרייט, ווי ער וואָלט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, פאַר זיין שלעכטן געדאַנק...

*

די צייט שטייט נישט און אין אַ שיינעם פרימאָרגן, נאָך אַ גאַנצע נאַכט דרייען זיך און קרעכצן, וועלכע קיינער אויסער דעם אַלטן קאַסטוס, האָט נישט געהערט — האָט דונקע זעקס קליינע בלינדינקע הינטעלעך געבראַכט אויף דער וועלט, און באַלד האָט זי זיי אַרומגעלעקט, געטריקנט, ציטערנדיק אינגאַנצן, ווי אין אַ פיבער, און געוואָיעט פון גליק...

מיטן ערשטן אָנקומען פון די אַרבעטער האָט זיך דאָס נייס צעטראָגן איבערן הויף — און אַז עס איז אָנגעקומען ביזן קיך האָט מען פון דאָרט, לכבוד דער שמחה, געבראַכט אַ טעלער מילך מיט אָנגעבראָקטע בולקע...

דעם גאַנצן טאָג איז דונקע פון זיי נישט אָפּגעטראָטן, און ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, דער טויער האָט זיך צוגעמאַכט און אויפן הויף איז שטיל געוואָרן, די געהילץ מיט דער בודע האָבן זיך שטיל אין דער נאַכט איינגעטוליעט, איז דונקע אויף אַ זייט געלעגן, מיט פולע שווערע בריסט אַרויס, די אויגן צוגעמאַכט, און זיך צוגעהערט, ווי זעקס קליינע ליבע, טייערע באַשעפענישן קריכן, פויזען אַרום איר און איבער איר, קוילערן זיך איבער און דראַפּען זיך צוריק אַרויף, זוכן מיט די גרויסע און בלינדע קעפּלעך, געפינען די וואָרצלען און בייסן שטאַרק אַריין, פון וואָס עס נעמט איר אַדורך אַן אָנגענעמע, גליקלעכע וואַרעמקייט און אַ זיסער דרימל, ביז זי הויבט אָן איינשלאָפן.

און דער אַלטער איז די נאַכט נישט געשלאָפן, האָט זיך צום הויף צוגעהערט, אין דער פינצטער פאַרנומען דונקעס אָטעמען און דאָס זייגן פון די קליינע—צס, צסס—, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער שמייכלט.

אין דער פינצטער, אין דער ענגער זעמליאַנקע, ווו עס האָט זיך ערשט אַ שטיק פינצטערער נאַכט פאַרקליבן, האָט זיך אַרומגעטראָגן אַ שמייכל.

און אַזוי זענען עטלעכע שיינע, פריילעכע טעג פאַריבער. דונקע איז פון הויף אויף אַ מינוט נישט אָפּגעטראָטן. אין דער

צייט איז זי שרעקלעך בייז געווען — און אויסער דעם אַלטן קיינעם צו זיי נישט צוגעלאָזן. געגעבן זיי צו זייגן, אַרומגע-לעקט, געקושט און געקוקט מיט פאַרגעניגן, ווי זיי וואַקסן אין די אויגן... און דער אַלטער האָט זיך מיט זיי געשפּילט, גע-גלעט, אָנגערופן פאַרשידענע נעמען, געקאָרמעט און געזעען, אַז דונקע זאָל אַלעס האָבן צו דער צייט און נישט פאַרהונגערט ווערן.

און ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ נחת זיי וואָלטן געווען דערלעבט, ווען עס זאָל זיך נישט טרעפן פּלוצלינג אָט דאָס, וואָס האָט זיך געטראָפן.

גראָד האָט מען דעם אַלטן ערגעץ אויף אַ מינוט אַוועק-געשיקט, דונקען צום קיך פאַרגאַרט, און ווען זיי האָבן זיך צו דער בודע צוריקגעקערט, האָבן דונקען פינף הינטלעך גע-פעלט, און דער אַלטער האָט אין איין מינוט דאָס קניפּל מיט די פּאָר זילבערנע רובלס פאַרלוירן, וועלכע ער האָט צענטליקער יאָרן געהיט, און ווער ווייסט, וואָס ער האָט געקלערט וועגן זיי איבערצוגעבן פאַרן טויט..

דונקע האָט זיך, ווי משוגע, אין דרויסן געוואָרפן און אין איין אויגנבליק דעם גאַנצן האָלץ-הויף אָסך, אָסך מאָל אַדורך, אַלע קאָנורעס אויסגעשמעקט, און צוריק צו דער זעמ-ליאַנקע, און אַרום איר. דערנאָך האָט זי ביים אַריינגאַנג ווי אָן עפּעס זיך אָנגענומען, אין אָנהויב געצווייפלט, זי איז נישט זיכער, דערנאָך האָט זי דעם קאָפּ פאַר זיך אַראָפּגעלאָזן און ציענדיק זיך לאַנגזאַם, ווי זי וואָלט זיך ביי אַ שנירל אָנגעהאַלטן, איז זי אַוועק פאָרויס.

באַלד האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. דאָס שנירל רייסט זיך, זי צווייפלט ווידער, דרייט זיך, זוכנדיק אויף איין אָרט, ווי זי וואָלט אַ לעבעדיקע זאַך וועלן אָנכאַפּן און דאָס לאָזט זיך נישט, אַפּאָר טריט צוריקגעגאַנגען און ווידער פאָרויס, און אַוועק, אַזוי ווייטער, ווייטער, ביז זי איז צוגעקומען צו דער סאַזשלקע, וועל-כע האָט זיך ווייט הינטערן הויף צעגאָסן. דאָרט האָט זי דער-פילט, ווי דאָס שנירל וואָלט זיך מיטאַמאָל איבערגעריסן, דאָס

וואַסער האָט איבערגעריסן. זי האָט אַ ציטער געטון, ווי פון אַ טיפן שלאָף זיך אויפגעוועקט.

האַרט ביים ברעג אין איין אָרט, וווּ עס האָבן זיך פרישע טריט-צייכנס געזעען, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, פלייסיק די ערד און דאָס וואַסער אַרומגעשמעקט, אַסך מאָל די סאַזשלקע אַרומגעלאָפן, אָבער אַזוי שנעל, אויסציענדיק זיך אינגאַנצן, מיטן בויך צו דער ערד, געשמעקט אין לופט, ווילד אין דער ווייט געבילט, ווי זי וואָלט זיך נאָך אַוועלכן ס׳איז שאָטן נאָכגעיאָגט, וואָס רייצט זיך מיט איר, פאַרשווינדט און ווייזט זיך צוריק.

און ווידער אויף יענעם אָרט זיך אָפּגעשטעלט, געוואָיעט, געשנאָרכט זוכנדיק. פלוצלינג האָט זי זיך דערמאָנט אָן קינד, וואָס איז אין דער היים געבליבן, געצווייפלט, זיך אָפּגעשטעלט און צוריק צום טייך און אַזוי פלייסיק גענומען זוכן, שמעקן, גע־גראָבן און אַרויסגעוואָרפן דאָס זאַמד.

זי איז מיד געוואָרן, די צונג אַרויסגעשטעקט, שווער און שיטער אין זיך דעם אָטעם געצויגן, האָט זי זיך אויף דעם אָרט אַוועקגעלייגט מיטן פנים צום וואַסער, וווּ דער שליאַד פון אירע קינדער איז פאַרשוונדן און זיך ביטערלעך צעוויינט.

און אַזוי איז אַוועק אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און נאָך אַ טאָג, אָט דאָ האָט זי געפילט זענען די קינדער אומגעקומען. און דאָ האָט זיך דער שליאַד איבערגעריסן און פאַרלאָרן גע־גאַנגען. און זי קען פון דאַנען זיך נישט אָפּרייסן, און דאָס האַרץ דריקט צוזאַמען, אַז עס באַפאַלט איר אַ חלשות. זי שווי־דערט אינגאַנצן און דאָס וואָיען ווערט וואָס ווייטער שוואַכער, ווי פון צווישן די ציין, אָבער אַזוי מגושמדיק ווילד, ווי די גאַנצע וועלט הינט וואָלטן געוויינט מיט איר, ביז זי האָט זיך איינגעשטילט...

עס האָבן נאָר אַפּאָר אָפענע פאַרגליווערטע בייזע אויגן אויף איין פינטל געקוקט, און צוויי רייען פאַרשטשימעטע ציין לאָזן אַרויס ציטנווייז פון צווישן זיך אַ שוואַכן ברום, און אַזוי האָט זיך געדאַכט איז זי איינגעשלאָפן... נאָר די פעל האָט נאָך

אַלץ געציטערט, פון זיך אַליין געציטערט — דונקע איז שוין דערביי נישט געווען...

*

דונקע איז שטיל, רויק ביים ברעג געלעגן און אין האָלץ-הויף האָבן צוויי נפשות מיט אומגעדולד געוואַרט אויף איר, וועלכע האָבן נישט געגלויבט און נישט געוואָלט גלויבן, אַז זי וועט שוין קיינמאָל נישט קומען...

אַ געל הינטל האָט אין דער בודע הונגעריק, אַרומגע-פויזעט און, אויסציִענדיק דאָס קעפּל, געשמעקט פאַר זיך און בלינד געזוכט די ברוסט, און אַזוי נאָגנדיק-איינגעגעסן גע-פּישטשעט. דעם אַלטן האָט דאָס פּישטשען, ווי מיט מעסערס געקראַצט, האָט ער אים געוואָלט איינשטילן, אַ מאַמע זיין, גע-טוליעט צו זיין אַלטער דאַרער ברוסט, געוואַרעמט, געגעבן אים דעם פינגער צו זייגן, געקייט ברויט און פון מויל צום מויל דערלאַנגט. און ווען ער האָט געזען, אַז עס גוססט, האָט ער דאָס ביידל פאַרלאָזט, אין הויף און אַרום הויף אַרומגעקראָכן, און גע-רופן, זיך געבעטן, אַזוי האַרציק-ווייך:

— דונקאַ, דונושאַ! וווּ ביסטו? ווּהין האָט דיך דער גו-טער יאָר פאַרטראָגן?

און פאַרבייגייענדיק די אַרבעטער, האָט ער אויף זיי גע-וואָרפן אַ בליק פול מיט שנאה און גיפט, אַז עס האָט זיך גע-דאַכט, אָט וואַרפט ער זיך אויף זיי און צעבייסט זיי מיט דעם נאַקעטן, אָנציינערדיקן מויל..

און נישט לאַנג האָט געדויערט און אין האָלץ-הויף זענען מיטאַמאָל צוויי פלעצער פריי געוואָרן...

ווארשע 1910

ר׳ ז י ס ע ל ע

אַ בלייך יינגל, אַ קלויזניק איז ר׳ זיסעלע אַהער אַראָפּגעקומען פון ראָזשענאָי – נישט ווייט אַ שטעטל – און האָט זיך געזעצט לערנען אין געמויערטן בית־מדרש.

פון זינט ער איז צום שכל געקומען האָט ער געהאַט אַ מאָדנע מאַניע, אַ מין יצר־הרע צו מילך – די רייכסטע „טעג" פלעגט ער אָפּזאָגן אָדער אויסבייטן מיט אַן אַנדער יינגל נאָר דערפאַר וואָס מען עסט דאָרטן אַממערסטן פלייש. און ער פלעגט זוכן אַ פּראָסטן „טאָג", ווו מען גיט אַ מילכיקן באָרשטש, אַ שטיקל קעז, אַ קרופּניק פאַרווייסט מיט סמעטענע. די זאַכן פאַרדייען זיך לייכטער. נאָך די גבירישע מאכלים פלעגט ער שטענדיק האָבן בויך־ווייטיק.

מילך האָט ער געדאַרפט טרינקען ווי לעבן. ער האָט געהאַט אַ שוואַך האַרץ (אַ ירושה פון טאַטן) און פלעגט זייער אָפּט הוסטן. פרעמדע אָרעמעלייט, וואָס פלעגן בלייבן נעכטיקן אין בית־מדרש און האָבן אים געהערט הוסטן, פלעגן זאָגן פה אחד, אַז ער מוז טרינקען מילך.

פון אָרעמעלייט האַלט ער שטאַרק: זיי וויסן אַלץ, זעען אויס וועלטן מיט מדינות. ער האָט שטענדיק ליב צו שמועסן מיט זיי, הערן וואָס עס טוט זיך ביי לייטן, נעמט אָפּ גערוס, און אַמאָל אַ פּעקל פונדערהיים.

דער ענין וועגן טרינקען מילך איז אים אַריין טיף אין האַרצן. ער האָט געזען בחוש, אַז אויף דעם הענגט אָפּ זיין לעבן. נאָר ווי אַזוי קומט מען דערצו? ער וועט בעטן אויפן טאָג מען זאָל אים געבן צו טרינקען מילך? וואָס איז ער אַ בן־יחיד? אָדער אַן איידעם אויף קעסט?

און אין האַרצן פלעגט ער האָפן, אַז גאָט וועט אים אַמאָל אויסלייזן פון דעם ברויט, אַז ער וועט אַמאָל חתונה האָבן, ווערן אַ מענטש פאַר-זיך, איז די ערשטע זאַך וועט ער זאָרגן עס זאָל זיין אַ בהמה אין שטוב.

פאַר דעם פריזיוו האָט ער נישט קיין מורא, — אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן — פלעגט ער זיך באַרימען, ווען מען פלעגט אין אַ שמועס אַרויפקומען אויף דעם פריזיוו:— אַ קראַנקער, אַ בן-יחיד און אַ יתום פון טאַטן.

אַ טאָג גייט אַוועק און אַ טאָג קומט און מען רעדט אים שוין שידוכים. און נישט לאַנג האָט געדויערט, האָט ער חתונה געהאַט מיט דער בתולה שרה-ביילע, אַ יתומה פון אַלטן דיין, אַ בלייך מיידל מיט אַן איינגעצויגענער ברוסט — זי האָט אויך געמעגט טרינקען מילך...

נאָר אַז עס איז געקומען אַ רייד וועגן אַ בהמה, האָבן זיי זיך נישט געקענט אויסגלייכן. זי איז געווען דאַקעגן.

— מיר האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין בהמה און איך ווייס נישט ווי אַזוי מען גייט לעבן אַ בהמה. מען מוז שוין האָבן אַן אַנדערע דירה מיט אַ שטאַל, מיט כלים אַלערליי. דאָס איז אַ גאַנצע אַרבעט. ווילסטו טרינקען מילך, וועל איך דיר נעמען יעדן טאָג ביי זאַנוול דעם שוסטער אַ האַלבע קוואָרט מילך, וועסטו טרינקען.

ער האָט זיך געלאָזט איינרעדן, נישט געוואָלט מאַכן קיין מחלוקות באַלד נאָך דער חתונה, אַריינפאַלן צו דער שוויגער אין מויל. דאָס געלט איז אויך נישט ביי אים אין האַנט, איינ-געלייגט אויף שלישיתן — שווייגט ער...

ער האָט זיך איינגעאָרדנט אַ מעמד — קינדער פון די שענסטע בעלי-הביתים. די שוויגער רייסט איין. מען האָט פאַר איר מורא. ער האָט שוין ברוך-השם אייגענע עטלעכע קינדער, נאָר צו קיין בהמה איז ער נאָך נישט געקומען.

דאָס מילך טרינקען האָט ער דערווייל אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט — די קינדער זענען בילכער. אין געקויפטע, געוויגענע און געמאָסטענע איז קיין מזל-ברכה נישטאָ.

ער האָט אָנגעהויבן זאָגן עין־יעקב אין בית־מדרש בין מנחה־מעריב. מען רופט אים שוין לאַנג רבי, אין די אויגן און הינטער די אויגן, נאָר דער געדאַנק וועגן אַ בהמה און מילך האָט אים נישט פאַרלאָזן. עס האָט זיך בײַ אים טיף אין דער נשמה אַרײַנגעזעצט.

*

שבת נאָכמיטאָג פאַרגינט ער זיך אַדורכצוגיין מיט דער גרעבליע און אַוועק הינטער דער שטאָט. די גרעבליע איז באַזעצט פון בײדע זײטן מיט אַלטע קרומע צונויפגעפלאָכטענע לאָזינקעס. מאַנכע זענען אויסגעברענט און אַדורכגעלעכערט פון די דונערן אין וועלכע אומשולדיקע פויגעלעך פלעכטן אויס פאַר זיך נעסטן.

די גרעבליע פירט אַרויס אויף אַ ברייט לאַנג פעלד. דערטרונקען אין אַ ים פון גרינקייט, וועלכע פאַליען זיך אַזוי ווייט ביז ערד מיט הימל גיסן זיך צוזאַמען. בײַם זײַט איז אַ יונג כוואָיִנע וועלדל. גלײַכע שורות ביימלעך ציִען זיך אַרויף, ווערן אַלע מאָל געדיכטער. דאָס אויג שווינדלט ביז עס ווערט אָן די ליניע.

פון הינטן איז געבליבן דאָס שטעטל — קלײנע הײַזלעך מיט אַלטע שטרויענע דעכלעך זענען ווי דערטרונקען אין די הויכע טיטשקאָווע באַב. דרימלען שטיל, שבתדיק.

עס ווײַזן זיך מיט דער גרעבליע אַרויס אַפּאָר דינסט־מיידלעך אין העלע סיצענע בלוזעס. גײענדיק באַטראַכטן זײ און פאַרריכטן אײנע די אַנדערע. שפּאַצירן פאַרבײַ ר׳ זיסעלען, הייבן זײ אָן רויטלען. די הענט ווערן זײ איבעריק, האָבן זײ נישט ווו אַהינצוטאָן.

דערנאָך גיבן זיך אַ ווײַז אַפּאָר געזעלן־יונגען מיט פּאַפּי־רענע קעלנער. פון שטאָט אַרויס מאַכן זײ שפּרײַזן ווי אָפּגע־רעדט... דערזען ר׳ זיסעלען, הייבן זײ אָן פאַרקלענערן, מאַכן שבתדיקע טריט פּונקט ווי זײ מײנען גאָרנישט. גײען פאַרבײַ,

וואַרפֿן אַרויס אַ גוט-שבת אין זיין זייט און ווערן פֿאַרשוווּנדן אין וועלדל.

ר׳ זיסעלע האָט אָפּגעזוכט אַ שיין אָרט צום זיצן. קוקט אַרום און באַטראַכט גאָטס וועלט. איבער אַלץ איז פֿאַרשפּרייט הויכע, ווייטע, פּוכיק-ווייכע הימלען, און אין זיי שווימט אַרום אַ געטרייע, מילדע, האַרציקע, וואַרעמע זון.

דאָס אויג ווערט נישט זאַט. אומעטום איז גאָטס גייסט אויסגעגאָסן. דעם אויבערשטנס מעשים איז נישט אָפּצושאַצן. אַלץ איז פֿון זיין וואָרט באַשאַפֿן און דורך זיין גענאָד ווערן מיר געשפּייזט. אַלץ איז דאָ פֿריש און זאַפֿטיק און עס אָטעמט זיך אַזוי ברייט און פֿריי...

עס קומט אים אַרויף אויפֿן געדאַנק אַ משנה: — „כל המפסיק ממשנתו ואומר מה נאה אילן זה... הרי הוא מתחיב בנפשו". ער דערמאָנט זיך אָבער פּיקוח-נפש. ער דאַרף האָבן די פֿרישע לופֿט ווי לעבן. ער וואָלט וועלן ערשט אַסך אין זיך אַריינאָטעמען, וואָלט אים דער הוסט אַ גאַנצע וואָך נישט אַזוי געמאַטערט.

די זון הייבט אָן זיך אַראָפּצולאָזן, אין דער לופֿט האָט זיך דער פֿאַרנאַכט צעגאָסן, עס בלאָזט אַ ווייך פֿאַרנאַכט-ווינטל, צעשאָקלט די פּאָלעס פֿון זיין קאַפּאָטע, ווי זיי וואָלטן זיך מיט אים אין אַ שפּיל אַריינגעלאָזט. נישט ווייט פֿליסט אַ שטיל קלאָר וואַסערל, ער גייט צו, וואַשט די הענט און שטעלט זיך דאַווענען מנחה מיטן פּנים צו דער אויפֿגייענדיקער לבנה. ער דערמאָנט זיך עפּעס פֿון אשרי תמימי דרך און זאָגט אויסני-ווייניק, ביז עס נידערט דער טאָג.

אַהיים קערט ער צוזאַמען מיט דער טשערעדע. ער גייט ביים זייט וועג, באַטראַכט יעדע קו, שטעלט זיך פֿאַר: ווען אָט די פֿריסטע וואָלט געווען זיינע — ער וואָלט זיך נישט שעמען יעדן טאָג איר גיין אָפּוואַרטן, און גיין מיט איר צוזאַמען אַהיים. פּונקט ווי אַ טאַטע גייט אָפּנעמען אַ קינד, ווען ער זיצט ווינטער אויפֿדערנאַכט...

די בהמות גייען רויק, זאַט אויסגעגעסן, רונד-קיילעכדיק,

יו די שיינע עפּעלעך, פולע אָנגעגאָסענע אייטערס, אָט סטאַר־טשעט פון זיי די מילך אַרויס. ער דרייט אָפּ דעם קאָפּ, ער זאָל נישט עובר זיין אויף „לא תחמוד”. און אין האַרץ גנבעט זיך אַריין אַ מין תרעומות, פאַרוואָס כביכול פירט אַזוי די וועלט: איינעם אַסך, צוויי גוטע בהמות, אַז עס קריכט אים פון האַלז, און דער, וואָס דאַרף דאָס ביסל מילך, האָט עס נישט... און פאַר־טיפט אַזוי אין זיינע מחשבות, גייט ער מיט דער טשערעדע און קומט אין שטעטל אַריין גלייך מיט דער נאַכט, ער פאַר־נעמט זיך גלייך צום בית־מדרש דאַווענען מעריב.

אין בית־מדרש איז ענג און טונקל, דער עולם האַלט אין זאָגן תהילים. ווער עס האָט זיך צו דער שוואַכער ליכט פון יאָרצייט־לאָמפּ צוגעטוליעט, די ליקוטים אין די הענט און זאָגן „אשרי תמימי דרך” מיט אַ טעם אין מויל. און ווער עס איז אויף זיין אָרט געבליבן זיצן, איינגעהילט אין דער טונקל, ברומט ער אויס אַ שטיל ניגונדל, וועלכער צעגיסט זיך אין חלל פון מקום־קדש און פילט אָן דעם שטילן דעמערונג מיט אַ שטילע, האַרציקע אומעטיקייט.

מעריב הייבט מען אָן מיט דעם קאַלטן וואָכנדיקן ניגון. און נאָכדעם ווי מען האָט אָפּגעמאַכט הבדלה און אָפּגעטיילט בין קודש לחול, ליכט פון פינצטער, יידן פון גויים — ציט מען אַהיים, ווי קינדער, וואָס זענען פאַרטריבן פון טאַטנס טיש.

*

זיינע ביינאַכטיקע תלמידים, פאַר וועלכע ער פלעגט זאָגן „עין־יעקב”, האָבן כמעט אַלע געהאַט בהמות. האָבן זיך פאַרשטאַנען אויף בהמות און האָבן געהאַט וואָס אַרויסצוזאָגן זיך וועגן דעם ענין...

נאָכן לערנען און נאָך מעריב בלייבט מען אין בית־מדרש אויף אַביסל שמועסן. און פון שמועס צו שמועס קומט מען אַרויף וועגן בהמות.

די מיינונגען זענען פאַרשידן, למשל, אַברהם דער קצב

זאָגט, אַז אַ בהמה זאָלסטו קויפן אַ גרויסע, זי מעג אַפילו זיין אַלט. ערשטנס איז זי „ספּאָקאָינער", און צווייטנס, טאָמער הערט זי אויף זיך מעלקן, נעמט מען „מ'פּאָפּראַוועט" איר. מ'גיט איר אַוועק אַ צוואַנציק־דרייסיק פּוד קאַרטאָפל אָדער בוראַקעס, מ'פּאַרקויפט זי אויף שחיטה און מ'קריגט אַן אַנדערע.

די געוויינלעכע בעלי־הבתים מיינען אַנדערש: למשל, לייזער דער שוסטער זאָגט: „בייטן אַ בהמה איז ערגער ווי דער טויט". דאָס איז אַ גליק־זאַך, ווען מען גאָט העלפט און ער טרעפט צו אַ בהמה קאָן ער איר אָפּהאַלטן דאָס גאַנצע לעבן, און אַל תפתח פה לשטן, אַז גאָט וויל נישט–איז אָך און וויי...

צום ביישפּיל: קויפסט אַמאָל אַ בהמה אַ שיינע, אַ ברייטע, אַ געזעצטע, אַ מילכיקע, האָט זי אָבער אַ נאַטור, אַז זי קלאַפּט מיטן פוס, נו, וואָס טויג דאָס? האָסט אָנגעמאָלקן אַ דויניצע מילך, נעמט זי מיט איינמאָל און גיסט אויס. איינע וויל זיך נישט מעלקן אָן „אונטערן נאָז". און דווקא עפּעס רעכטס... די אַנדערע האָט ליב זיך צו פּאַרלאָזן אַ האַלב יאָר פאַרן קעלבן, און גיי האָדאָווע אַן אָקס... איינע האָט אַ קאַלב אַ גרויסן, אַ שיינעם, וועלכער באַצאָלט פאַר דעם גאַנצן ווינטערניש — און די צווייטע האָט אַ קאַלב, אַז עס איז אַ חרפה צו רופן דעם קצב. אַ בהמה איז אַ מזל־זאַך.

נאָך אַזעלכע שמועסן נעמט אים אָפּ דער גאַנצער לוסט צו בהמות. ער דרינגט אָבער די זאַך צוריק: פונדעסטוועגן האָבן דאָך יידן בהמות, עלטערן זיך מיט זיי און אַז מ'דאַרף פאַרקויפט מען און מען קויפט אַן אַנדערע.

ר' זיסעלע האָט אָנגעהויבן אַדורכשמועסן אינדערהיים. שרהביילע איז שוין אויך מסכים. זי איז שוין נישט מער קיין יונגע ציג. מען דאַרף טאַקע האָבן דאָס ביסל מילך. און וואָס איז דער תכלית פון קויפן אויפן גראָשן? און עס איז געבליבן, אַז אויף דעם קומענדיקן יריד דאַרף מען זען עפּעס קויפן.

דער יריד פאַלט אויס באַלד נאָך שבת־נחמו. די פּרייזן זענען שוין נישט אַזוי פייערדיק. ביז ווינטער וועט זיין מילך אין שטוב. דער ווינטער אַליין איז אויך נישט אַזוי געפערלעך. מען

גרייט אָן אַביסל היי, מעקענע — קאָסט דאָס וועלוועלער. דער־ווייל איז דאָ פּאַשע אין פעלד, אין שטוב אַביסל שאָלעכץ פון אַ קאַרטאָפל, דאָס, יענץ, און אין שטוב איז אַ מזל־ברכה.

לייזער דער שוסטער מיינט, אַז גלייכער איז אַ יאַלאָווע. קיין סך גיט זי נישט, אָבער דעם גאַנצן ווינטער איז אין שטוב נישט פּוסט. אברהם דער קצב האַלט פון אַ קעלביקע. אַז עסן חזיר, — זאָגט ער, — זאָל רינען פון באָרד.

צום יריד זענען אַלע אין מאַרק אַרויס העלפן איינקויפן. דעם גאַנצן טאָג האָט מען זיך אַרומגעדרייט. יעדן געפעלט עפּעס אַנדערש. ערשט קעגן פאַרנאַכט איז די קניה געמאַכט געוואָרן: — נישט קיין אַלטע און טאַקע אַ קעלביקע, מיט דעם פּערטן קאַלב. זי דאַרף זיין אַרום פאַר־פּסח...

דאָס שטעטל איז צופרידן געווען, וואָס סוף־כל־סוף איז ר׳ זיסעלע געקומען צו אַ בהמה.

צו זיין שמחה איז נישטאָ קיין גרענעץ: ער גייט איר אַנטקעגן, ווען זי קומט פון פעלד, און פירט זי אַהיים. שטייט מיט אַ גלאָז אין האַנט, ווען דאָס ווייב מעלקט איר, און טרינקט וואַרעמע פרישע און שוימיקע מילך. ער האָט נאָר מורא, עס זאָל אים חלילה נישט אָפּגערעכנט ווערן פון זיין חלק דאָרטן...

אינדערפרי טרייבט ער איר אַרויס צום פּאַסטעך, באַגלייט איר ביז דעם וועלדל, וואָס הינטערן שטאָט, שטייט און קוקט איר נאָך ביז זי ווערט פאַרשווונדן פון אויג.

נאָכן לערנען קומט מען ווידער אַרויף אויף אַ שמועס וועגן דער בהמה. אברהם דער קצב איז צופרידן — זיינע מבינות. מ׳שמועסט, ווי מ׳גייט אַרום אַ בהמה, וואָס מ׳מעג און וואָס מ׳טאָר איר נישט געבן, דעריקר, ווען זי בלייבט שטיין אויפן שטאַל. און וואָס טוט מען, טאָמער ווערט זי חלילה נישט געזונט, — ביז מען צעגייט זיך.

*

דער סוכּות איז געווען אַ קאַלטער. מען האָט קוים דער־לעבט די סוכה באַגלייטן. תּיכּף נאָך־יום־טוב האָבן זיך אָנגעהויבן

שלעכטע וועטערן, רעגנס און רעגנס. די בהמה קומט אַהיים נאַס, דערפרוירן, הונגעריק, אַז מ'מוז איר געבן עסן אויף ביי-נאַכט. די מילך האָט אָנגעהויבן ווערן ווייניקער, אָפּפאַלן, ווי מיט די הענט צוגענומען.

צו חצי-חשוון איז זי שוין געשטאַנען אין שטאַל, נישטאָ אין פעלד אַ גרעזל אויף אַ רפואה. ביסלעכווייז האָט אָנגעהויבן ר' זיסעלען דערעסן דאָס שלעפּן די שעפּלען צוויי מאָל אַ טאָג, קריכן אויף דעם בוידעם נאָך היי, פירן איר אין דער בלאָטע צום ברונעם אָנפּאָיען, די מילך איז געוואָרן נאָך ווייניקער פון טאָג צו טאָג, קוים צו פאַרווייסן דעם קרופּניק.

איינמאָל, פרייטיק אינדערפרי, אין אָנהייב כסליו, נאָר-וואָס די קינדער האָבן זיך געזעצט מעביר-זיין די סדרה, איז שרה-ביילע אַריין אין שטוב און האָט געזאָגט:

— די בהמה האָט זיך פאַרלאָזט! — מער האָט זי נישט געקענט אויסרעדן.

ר' זיסעלע איז געבליבן אַפּאָר מינוט ווי געליימט, און ווען ער איז צו-זיך געקומען האָט ער פאַרמאַכט די חומשים און געהייסן די קינדער גיין אַהיים.

די ידיעה האָט זיך באַלד צעטראָגן איבערן שטעטל. אַז ר' זיסעלע איז פאַרנאַכט געקומען אין שול אַריין מקבל-שבת זיין, איז ער אַריין אומעטיק מיט אַן אַראָפּגעלאָ-נעם קאָפּ, ווי אַן אבל.

אַלע האָבן געקוקט אויף אים מיט מיטלייד — שלימזל. נאָר-וואָס געקויפט, דאַרף האָבן דאָס ביסל מילך, ווי לעבן. עס האָט זיך נאָר-וואָס געשטעלט דער ווינטער, און שוין זיך פאַרלאָזן די בהמה...

ווארשע, 1907

ניט אָנגעצויגן

— אַ שטשאָ, סרוליו, ספיש?

— אַ כיבא ווטי ווסטאַלי?

— ווסטאַלי, ווסטאַלי אי סקאָטיני וויפּוסטילי, — גרויסט זיך דער ערשטער, — מאַ בוד דישטש בודע.

— בודע, בודע, — איז מסכּים דער צווייטער.

דער שמועס איז פאָרגעקומען צווישן דעניס טיאַפּקאַ, אַ גוי אַ בעל־הבית אין די מיטעלע יאָרן, פעסט געבויט אין אַ לייוונטן העמד און גראָבע לייוונטענע הויזן, באָרוועס מיט פאַרהאַר־טעוועטע פּאָדעשוועס אויף די געזונטע פיס, און ישראל דעם קצב, אַ שטאָטישער ייד, וואָס פאָרט אַרום כּל ימיו מיט זיין פערד־און־וועגעלע פון דאָרף צו דאָרף און האַנדלט מיט די גויים. ער איז מיט דעניסן גרויסע גוטע־פריינט און האָט גע־געכטיקט די נאַכט ביי אים אין שייער.

פאָרגעפאַלן איז דער שמועס אין אַ זומערדיקן פרייטיק פאַרטאָג, אין וועלכן עס האָט זיך געפילט אַ דושנעקייט און אַ פאַרשטיקטע לופט — אַן אָנזאָג אויף רעגן.

נאָכדעם ווי דעניס האָט געבראַכט אין אָרדענונג דעם הויף און האָט מיט דעם באָרוועסן שיקסל אין אַ רויט קורץ קליידל אוועקגעשיקט אין פעלד אַריין: אַ מעלקעדיקע בהמה, אַ ביקל אין דער ערשטער פּאַשע, אַפּאָר יונגע עקסלעך, אַ גרויסע מאָגערע חזירטע מיט אַ טוץ שוואַרץ־ווייסע חזירימלעך נאָך איר, דריי גרויסע געגנדז, וואָס פירן פופצן געלינקע קליינע געגנדזעלעך. ער האָט נאָך זיי פאַרמאַכט דעם טויער און מיט אַ בעל־גופי־שע רויקייט האָט ער זיך געלאָזן גיין צום שייער — געמצן האָבער פאַר דעם פערד.

מיט זייער שמועס האָבן זיי איינער דעם אַנדערן קיין נייעס נישט דערציילט. ישראל איז שוין לאַנג אויף געווען. עפּעס אַ מאָדנע שווערקייט האָט ער די נאַכט געפילט אויפן האַרצן. ער האָט זיך געדרייט אויפן געלעגער און נישט געקאָנט איינ־שלאָפן. און אַז אַ מענטש שלאָפט נישט, ליגט מען און מען קלערט, מישן זיך געדאַנקען, קומען, גייען אַוועק און לאָזן אָרט פאַר אַנדערע.

און די געדאַנקען זענען פאַרשידן — אָט וועגן דעם, וואָס דאָס שטיקל איז טייער געוואָרן, פון זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּאַשע איז זי ממש מיט גאָלד צו גלייך, וועגן דעם, וואָס דאָס טריפה איז אין וואָרשע געפאַלן, די היצן זע־נען גרויס און דאָ קומען באַלד אָן די „פּאָסט״-טעג—כאָטש נעם און וואַרף עס אויפן גאַס, וועגן דער פאַרשאָלטענער פרנסה זיינער. אויסער שבת זעט אַ מענטש נישט די שטוב אין די אויגן. קינדער וואַקסן ווילדע, ווי זיי וואָלטן חלילה קיין טאַטן נישט געהאַט. נישטאָ ווער עס זאָל אַ קוק טון, וואָס קינ־דער לערנען אין חדר, אַכטונג געבן, אַז אַ קינד זאָל נישט היפּן אין דאַווענען.

און אַז ער קומט צו דער היים, נעמט אים אַרום אַזאַ בענקשאַפט און עס באַשלאָגט אים אַ קאַלטער שווייס. דעם גאַנצן לעבן וואָלט ער אַוועקגעגעבן ער זאָל קאָנען ערשט זיין אין דער היים. ווערט אים די היים אַזוי ליב, טייער און נאָענט, און צוזאַמען דערמיט מאָדנע ווייט, אָפּגעריסן, איינגעהילט אין אַ וואָלקן, אַז ער הייבט אינגאַנצן אָן צווייפלען, צי ער האָט נאָך ערגעץ אַ היים און צי ער וועט נאָך אַמאָל אַהין אָנציען.

*

מיט די ערשטע זון-שטראַלן, וואָס האָבן זיך דורך די שפּאַרעס אין שייער אַריין געריסן, איז אים לייכטער געוואָרן. און ליגנדיק אַזוי אויף דעם היי האָט ער אָנגעהויבן באַטראַכטן דעם שייער, די צונויפגעפלאָכטענע קראָקוועס פון אויבן. די

טויטע וואָראָנע, וואָס איז פון אַ בעליק געהאָנגען אויף אַ שנירל פאַר אַ סגולה, פאַרוועבט מיט שפּינוועבס און באַדעקט מיט אַסך שטויב.

פון ערגעץ-ווו האָבן זיך אַרויסגעשאָטן אַ מחנה שוואַלבן און מיט אַ שיינעם לייכטן שוועבן זיך צעלאָזן איבערן שייער, אַרויף און אַראָפּ, פאַרשווונדן דורך אַ שפּאַלט און באַוויזן זיך צוריק.

ער האָט געהערט ווען דעניס איז אַרויס פון שטוב, זיין רעדן צו זיך אַליין, דאָס מעלקן די בהמה, דאָס גאָרגאָטשען פון די גענדז און דאָס פּליעסקען זיך פון די קאַטשקעס אין דעם קליינעם לוזשקעלע אַרום ברונעם.

ער האָט געהערט דעם שפּאַרבער אַדורכפליען איבערן הויף, די קולות פון דער קוואָקע ביי איר אַנטלויפן מיט די הינערלעך.

אָט האָט דעניס אַרויסגעלאָזן די טשערעדע פון הויף און פאַרמאַכט נאָך זיי דעם טויער, אַ לאַנגער אויסגעצויגענער מו פון עקסל אין דער פוסטער ווייטקייט און דעם פאַרדומפּענעם עכאָ, וואָס איז צוריק פון ווייט געקומען.

ער איז זיכער געווען, אַז היינט וועט זיין אַ רעגן. אָט די פאַרשטיקטע לופט, דער איבל אַרום האַרצן, די אָפּגעלאָזנ-קייט, דער אומעט, דאָס שטאַרקע בענקען, און דאָס פליען פון די שוואַלבן אַזוי נידעריק, נידעריק, אַז זיי דערלאַנגען מיט די פליגל די פּאָדלאָגע פון שייער—דאָס אַלץ האָט פאָרויס-געזאָגט, אַז עס וועט היינט זיין אַ רעגן.

ווען דעניס האָט געעפנט דעם טויער האָט זיך אַ שטראָם ליכט און פרישע לופט אַריינגעריסן פון דרויסן. ישראל האָט זיך אויפגעהויבן, געוואַשן די הענט ביים ברונעם, אָנגעטרונקען דאָס פערד, פאַרשאָטן עסן און מען איז זיך צעגאַנגען יעדע-רער זיין וועג.

ישראל האָט זיך צוריקגעקערט צום שייער, געלייגט טלית-און-תפילין, זיך געשטעלט מיטן פנים צום מזרח און מיט אַסך

בענקשאַפט און שווער געמיט האָט ער אויסגעגאָסן זיין האַרץ פאַר גאָט.

דעניס איז אַוועק צו דער שטוב, האָט זיך האַסטיק גע־וואָרפן אויף דער ערד פאַר דער איקאָנע מיטן רויטן לעמפּל, וואָס אין ווינקל, ניין מאָל זיך געצלמט אין דער גאַנצער ברייט פון ברוסט, זיך אויפגעהויבן, מיט אַ שטאַרקן שאָקל מיטן קאָפּ פאַרוואָרפן די לאַנגע טשופרינע אויף הינטן און זיך געזעצט צום טיש.

געענדיקט דאָס דאַווענען איז ישראל געקומען ז.י. שטוב מיט אַ „גוט מאָרגן” און צום טיש מיט אַ „כליצב-סאָל”.

דעניס האָט זיצנדיק זיך אַ נייג געטון צו דער ברכה און מיט אַ פולן מויל אים פאַרבעטן צום טיש.

דעניסיכע האָט מיט אַ פריינטלעך פּנים געענטפערט אויפן „גוט-מאָרגן” און אויף דעם בעל-הביתס שטומע איינלאַדונג האָט זי צוגעגעבן:

— „טשים כאַטאַ באַהאַטאַ, טים אי ראַדאַ”.

ישראל האָט זיך יידישלעך געוואַשן פאַר דער טיר מיט אַ פולער קוואָרט וואַסער און געמאַכט אַ ברכה אויף דעם ברויט. דעניסיכע האָט אים דערלאַנגט אַ פריש שוימיק גלאָז מילך און זיצנדיקביים טיש האָט מען זיך צעשמועסט וועגן וועלט-זאַכן, ווי אַלטע גוטע-פריינט. דעניס האָט שטאַרק גע־לויבט ישראלס פערד און האָט אים צום צענטן מאָל געפרעגט, ווי ער האָט אים געקויפט און וויפל ער האָט באַצאָלט פאַר אים.

ישראל האָט אים צום צענטן מאָל דערציילט, ווי ער האָט אים געקויפט און וויפל ער האָט באַצאָלט פאַר אים און צופרידן מיט דעניסעס גוטע ווערטער האָט ער צוגעגעבן: אָן עין-הרע.

און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דעניס האָט שוין גע־האָט אַריינגעשטעלט אַ היפּש שטיק ברויט מיט אַ גרויסע שיסל קאַרטאָפל מיט שאָלעכץ, ווען ישראל האָט זיך געזעצט צום טיש, האָט ישראל געענדיקט די סעודה דער ערשטער, האָט געבענטשט נאָכן עסן, איבערהיפּנדיק אַפּאַר „הרחמנס” צוליב

דעם כבוד פון אָרט... און ווייל דעניסעס בענטשן האָט גע־דויערט ווייניקער זענען זיי צוזאַמען אויפגעשטאַנען פון טיש, געדאַנקט דער בעל־הביתטע און אַרויס פון שטוב.

דעניס האָט איינגעשפּאַנט אין דער באַראַנע די מאָגערע בייכיקע שקאַפּע מיט דעם גרויסן קאָפּ, ישראל — דאָס יונגע שלאַנקע פערדל אין דער געשמידטער בריטשקע מיט די אייזערנע אַקסן און זיי זענען אַרויס יעדער אין זיין וועג.

די זון איז העכער אַרויפגעקומען. די לופט איז געווען פאַרנע און שטיל. עס האָט זיך נישט גערירט קיין בלעטל. די גרעזלעךביים זייט וועג האָבן דורשטיק די קעפּ אַראָפּגעלאָזן און איינגעדרימלט אין דער איינגעהאַלטענער שטילקייט.

די פעלדער האָבן געגרינט. צווישן קאָרן און ווינטער־ווייץ האָבן ווו־נישט־ווו געטונקלט שוואַרצע פּאַסן זומער־תבואה, גאָר־וואָס פאַרזייט און פאַרבראָנעוועט.

גויים מיט גראָב־אייזנס אין די הענט האָבן אַרומגעשאָכן בייטן, פאַרגלייכט אויסגעגלייכט און פאַרגראַבליעט גרייט צום גריינס זייען.

ישראל האָט זיי באַגעגנט מיט א גוט־מאָרגן און — „באָג פּאָמאָשטש".

די גויים האָבן געענטפערט אויף דער ברכה, איבערגע־ריסן די אַרבעט, זיך אויסגעגלייכט, אָנגעשפּאַרט אויף די גראָב־אייזנס און זיך פאַרקוקט צום הימל:

— אַ בודע דישטש?

— אַ מאַ בוד בודע.

אין אַ דאָרף האָט ישראל געהאַט צו נעמען אַ ביקל. ווען ער איז אַריין אין דאָרף האָט געהערשט אַ מאָדנע שטילקייט, ווי דער גאַנצער דאָרף וואָלט אויסגעשטאָרבן; אויסער אַביסל קליינוואַרג אין לאַנגע העמדער, עטלעכע אַלטע, ווי שאָטנס פון יענער וועלט, איז אין דאָרף נישט געווען קיין לעבעדיקער נפש.

ער האָט צוגעבונדן דאָס פערד לעבן אַ באַקאַנטע שטוב, פאַרנומען מיט זיך אַ שטריק און אַרויס פון דאָרף.

די טשערעדע איז געווען צעזייט ווייט הינטער דעם בערעזאָוון וועלדל. ביים אַריינגאַנג אין וואַלד זענען געזעסן עטלעכע פּאַסטעכער אין קורצע סערמיגעס מיט ברייטע שטרויענע קאַפּעליושן — אייגענע אַרבעט און פונאַנדערגעפירט אַ פייער. די לייוונטענע גראָבע סערע הויזן זענען אונטן געווען שטייף פאַרבונדן און נאַס ביז איבער די קני.

פון פרימאָרגן האָבן זיי נישט ווייט אין אַ גראָבן זיך געפּאָרעט מיט פיש-כאַפּן, אויף אָנבייסן. זיי האָבן גאָרנישט געכאַפּט, זענען בייז געווען, אַדורכגענעצט און האָבן צעפירט אַ פייער זיך צוצוטריקענען.

ווען ישראל איז צוגעקומען און האָט זיי דערציילט וועגן ביקל, איז זיי דער ענין געפעלן. זיי האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן און האָבן זיך צעלאָזן איבערן וואַלד זוכן דאָס ביקל.

אין אָנהייב האָט מען אים צו זיך גערופן מיט ווייכע און גוטע ווערטער. איינער האָט געפּרוווט אים פאַרנאַרן מיט אַ שטיקל ברויט. דאָס ביקל האָט זיך געצויגן צום ברויט — לאַנגזאַם, פאָרזיכטיק, אויסגעצויגן דעם האַלז און געשמעקט פאַר זיך. נאָר ווען ער איז צוגעקומען נענטער און דער שייגעץ האָט אים געוואָלט אָנכאַפּן ביי די הערנער, האָט ער זיך צוריקגעוואָרפן מיט אַ רעווערײַ און זיך געלאָזן לויפן.

אַ לאַנגע צייט האָט ער זיי געפירט נאָך זיך. געשפּרונגען איבער שטיקער האָלץ און פאַרבליבענע וואָרצלען. וואָס מער מען איז אים נאָכגעלאָפן אין ער געוואָרן ווילדער. פון די נאָענטע פעלדער איז מען געקומען צו הילף. און ווען אַלע זענען שוין מיד געווען, די העמדער נאַס פון שווייס, און ביי אים האָט געשלאָגן אַ ווייסער שוים פון מויל, האָט ער זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, זיך אומגעדרייט צו די שקצים, שווער געאָטעמט, ער האָט זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן צו זיי פול מיט צוטרוי און איבערגעגעבנקייט.

א שייגעץ האָט אים אָנגעכאַפּט ביים האַלז, ישראל האָט אים פאַרוואָרפן אַ שטריק אויף די קליינע הערנערלעך, ער האָט זיך נישט געווערט, נאָר מאָדנע נייגעריק, מיט אַ לייכטן

ציטער זיך צוגעהערט צו דעם אַלעם, וואָס עס ווערט געטון אַרום אים.

און באַלד האָט מען זיך געלאָזן גיין מיט דעם וועג צום דאָרף. אין אָנהויב האָט ער זיך געוואָרפן, זיך אַוועקגעשטעלט און איינגעעקשנט — נישט פון אָרט. דאָס ערשטע מאָל אַ שטריק אויף די הערנער איז אים געווען אומבאַקוועם און דער גאַנצער ענין עפעס מוקשה. דערנאָך האָט ער זיך באַרויקט און ווי אַן איינגעגאַנגען פערד האָט ער זיך געצויגן מיט דער שמאָלער „מעזשע״ צום דאָרף צו.

ישראל איז אים געגאַנגען פון דער זייט — אין איין האַנט די שטריק און מיט דער צווייטער האַנט אים געפירט איבערן רוקן, באַטאַפּט דעם האַלז, די ברוסט און האָט נאָכאַ־מאָל איינגעזען, אַז ער איז פעט און אַז די דריי און אַ האַלבן פוד, וואָס ער האָט אים געשאַצט, וועט ער האָבן. ער זאָל נאָר חלילה נישט טרייף ווערן.

געקומען אין דאָרף, האָט אים ישראל פאַרלייגט אַ פעטליע אויף די פאָדערשטע פיס, פאַרצויגן איינע אַ הינטערשטע, אַ צי געטון און אים אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד, ווי אַ שווערע משא — מיט אַ קלאַפּ און מיט אַ קרעכץ. דערנאָך האָט ישראל אָנגעבויגן דעם וואָגן, אים אַרייַנגעוואָרפן, און זיך געלאָזן אין וועג אַריין.

ווען ישראל איז אַרויס מיטן וועג, וואָס פירט אַהיים, איז שוין באָענט געווען צו האַלבן טאָג. דער טאָג איז געווען אַ הייסער. אין דער לופט האָט זיך געטראָגן אַ פאַרשטיקטע דושנעקייט, וואָס האָט שווער געמאַכט דעם אָטעם. דאָס פערד האָט זיך געצויגן לאַנגזאַם אין דעם הייסן זאַמד, האָט פלייסיק און אומגעדולדיק געשמיסן מיטן עק, געמיינט אַוועקצוטרייבן עטלעכע איינגעגעסענע פליגן, וועלכע האָבן זיך נאָך פון אינ־דערפרי ביי אים אויפן פלייצע אָנגעזעצט. דער עק האָט זיי נישט דערלאַנגט. האָט ער פון צייט צו צייט געמאַכט ציטערן דעם רוקן־פעל, פון וואָס זיי האָבן זיך אויף אַ מינוט אויפגע־הויבן און באַלד זיך צוריקגעזעצט. נאָר דאָס קליינע רינגעלע,

וואָס אויף דער שפּיץ דוע, האָט זיך פליייסיק אויפן ציטער אָפּגערופן און לאַנג־לאַנג האָט עס נאָכגעקלונגען.

גויים האָבן אוועקגעלייגט די אַרבעט און זיך געקליבן צום „פּאָלודיען". אַדורכפּאַרנדיק האָט ישראל פונדערווייטנס צו זיי אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ: דאָס האָט געזאָלט הייסן „כליעב-סאָל". און זייער שטומע תשובה איז געווען: — גאָט האָט געמאַכט וואַקסן, ווער עס איז הונגעריק זאָל קומען און מיטעסן...

*

ביסלעכווייז האָבן זיך די הימלען אָנגעהויבן פאַרוואָלקע-נען. פון ערגעץ איז אַ קליין וואָלקנדל ווי אַ הויפן אַרויס-געשווומען און האָט צו זיך געצויגן די בליקן פון די גויים.

פון דעם אַנטקעגנדיקן וואַלד האָט זיך צו זיי אַ ריח פון אָנגעברענטע סמאָלע אַנטקעגנגעטראָגן.

אין וואַלד איז די לופט נאָך ענגער געווען. די הויכע סאָסנעס זײַנען געשטאַנען שטיל מיט פאַרריסענע קעפּ צום הימל, ווי זיי וואָלטן זיך צו עפּעס אײַנגעהערט.

און באַלד איז פון ערגעץ אַ לייכט ווינטל געשטיגן, האָט זיך אויף די שפּיצן פון די בוימער אַרויפגעכאַפּט און האָט זיי געמאַכט לייכט באַוועגן. דערלאַנגט איינער צום אַנדערן, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַלזט, געקושט און איינער דעם אַנדערן די רעגן-בשורה אײַנגערוימט.

איבערן וואַלד איז אַ שטיל סודותדיק שעפּטשען אַדורך. אַמאָל בייז, אַמאָל מילד. פערד און קעלבּ האָבן פאַרריסן די קעפּ און צוגעהערט. און עס איז צוריק שטיל געוואָרן.

דער קליינער שוואַרצער פלעק אויפן הימל האָט אָנגעהויבן וואַקסן, זיך צעוואַקסן און זיך צעשפּרייטן, האָט די לייכטע ווייסע וואָלקנדלעך פאַרדעקט און אין זיך אײַנגעשלונגען — אַלץ ברייטער, ברייטער; און באַלד האָט ער זיך איבערן גאַנצן הימל פאַרשפּרייט און האָט צוגעדעקט די זון.

אין וואַלד איז פינצטער געוואָרן, און אין דער שטומער

פינצטערניש האָט זיך געפילט עפּעס פאַרדומפּן אין שווערס. ווי דעם וואַלד וואָלט עפּעס געלעגן אויפן האַרצן, וואָס ער וויל אָפּהוסטן און קאָן נישט.

נישט לאַנג האָט געדויערט און אַ פייערדיקער בליץ האָט די פינצטערניש פּלוצלינג אַדורכגעשניטן און אַ רגע באַלויכטן דעם וואַלד. נאָך דעם בליץ האָט זיך דערהערט אַ קר... קר... קר... קורץ און בייז, וואָס קומט פון גאָר ווייט, ווי ער וואָלט זיך אָראָפּגעקייקלט ערגעץ פון אַ שפּיץ באַרג אַראָפּ.

ישראל האָט מיט גרויס כוונה געמאַכט די ברכות אויף בליץ און דונער, האָט אויפגעזוכט דעם טלית-און-תפילין פון אונטער דעם שטרוי און עס אַוועקגעלייגט לעבן זיך.

דער וואַלד האָט זיך צעבונטעוועט, ווי עס וואָלט אים עמעצער אַ פאַרדריסלעכן סוד איינגערוימט, וועלכער האָט אים פון געדולד אַרויסגעבראַכט. וואָס אַ מינוט איז ער געוואָרן פינצטערער און בייזער. נאָכן צווייטן, דריטן דונער האָבן זיך פון די הימלען אָנגעהויבן אַראָפּרייסן איינציקע גרויסע טראָפּנס. זיך אָנגעקלאַפּט אָן די צעבייזערטע בוימער און פון זיי אויף דער ערד — געזונקען מיט טיפע גריבעלעך אין זאַמד.

אין דער לופט איז עטוואָס לייכטער געוואָרן, ווי מען וואָלט דעם וואַלד די שווערע משא פון האַרצן אַראָפּגענומען.

אַ מינוט האָט זיך געדאַכט, אַז דער וואַלד האָט זיך באַרויקט און הערט זיך איין צום רעגן. פּלוצלינג האָט אַ שטאַרקער בליץ ווי אַ פייערדיקער שלאַנג אַדורכגעשניטן דעם גאַנצן הימל. אַלץ האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטן און געבליבן וואַרטן. נאָך אים האָט זיך דערהערט אַ דונער, ווי ער וואָלט געקומען פון גאָר ווייט, פון אַן אַנדער וועלט, און ציט זיך אַלעמאָל נענטער און שטאַרקער.

דער וואַלד האָט אַ ציטער געטון. דאָס פערד האָט זיך אָפּגעשטעלט, דאָס בקיל האָט אין וואָגן אַ שפּרונג געטון און איז צוריקגעפאַלן.

ישראל האָט אָנגעהויבן אַ פּסוק פון תהילים און איז נישט פאַרענדיקט. אַ רגע איז ער פאַרטויבט געווען, דער דונער

האָט זיך דערנענטערט גאָר נאָענט, זיך פאַרטשעפּעט אָן וואָגן, אַדורך דעם אַקס, און ווען ער איז פון דעם אַקס איינגעזונקען אין דער ערד, האָט שוין ישראל נישט געלעבט. מיט אַ פאַר-קרימט פּנים האָט ער זיך געגעבן אַ צי אויס אין וואָגן, נאָר איין קריץ מיט די ציין און דער קאָפּ איז אים געבליבן הענגען פון לייטער אַרויס...

*

עס האָט אַ גאָס געטון אַ שטאַרקער רעגן. דאָס פערד מיט דעם ביקל, וואָס זענען אויף אַ ווײַלע געווען צעטומלט, האָבן אָפּגעטעמט און צו זיך געקומען.

נאָך אַ בליץ און נאָך אַ דונער און דער רעגן האָט זיך געשטעלט רעגלמעסיק, ריטמיש, ווי אַ גוט צוזאַמענגעשטעלטער אָרקעסטער. און די לופט איז לייכטער געוואָרן און עפּעס ווי אָפּגעפרישט.

דאָס פערד האָט דערפילט פריי די לייצעס, האָט ער אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און אָנגעהויבן אַרומצופּן אַ גרעזל ביים זייט וועג, און ווי ער וואָלט גאָרנישט געווען איינגעשפּאַנט, האָט ער זיך ביסלעכווייז אַראָפּגעלאָזן פון וועג צום גראָבן זוכן אַ בעסער גרעזל.

דער וואָגן האָט זיך פון צייט צו צייט פאַרהאַלטן אָן אַ גריבל, אָן אַ פאַרבליבן וואָרצל, איז אָפּגעשפּרונגען און אַרי-בערגעשפּרונגען. דער טויטער האָט זיך נאָכגעטרייסלט מיט דעם וואָגן און האָט צוגעשאָקלט מיט דעם קאָפּ.

דאָס ביקל האָט זיך אַ מינוט פאַרקוקט ישראלן אין פּנים אַריין, טעמפּ און קעלבעריש, עס איז אים קאַלט געווען, נאַס און נישט באַקוועם האָט ער דעם קאָפּ איבערן לייטער אַריבער-געבויגן און זיך געצויגן צום פרישן גראָז.

אין אַפּאָר שעה אַרום האָט דער רעגן מיטאַמאָל אויפגע-הערט. די הימלען האָבן זיך אויסגעלייטערט און האָבן אויס-געזען ווי אַ קינד נאָכן אויסוויינען. אַ גרויסע רויטע סוף-

טאָגעדיקע זון, ווי פּריש אויסגעצוואָגן, האָט זיך אויף די אויס־געלייטערטע הימלען דערזען.

איבער דער ערד, וואָס האָט פונדאָסניי אָפּגעלעבט, האָט זיך אַ ריח פון פרישע פעלד־בלומען צעטראָגן און אָנגעפילט די לופט.

פון די בוימער זענען די טראָפּנס אַראָפּגעהאָנגען קרישטאָל־קלאָר און גרויס, האָבן זיך איינציקווייז אַראָפּגעריסן און מיט אַ קלאַנג אויף דער ערד געפאַלן. ערגעץ־ווו זענען די טראָפּנס נאָך געבליבן זיצן אין אַ בלאַט־גריבל, אין אַ גרעזל־שפּאַלט און אין אַ בלום־בעכערל, ווי גרויסע קינדערשע טרערן — קלאָר און זילבערדיק, און האָבן אין זיך אָפּגעשפּיגלט די לעצטע טאָג־שטראַלן, ווי אַ לייכטע פורפור אויף זילבער.

אַ קלאָרער, לייכטער און פרישער פאַרנאַכט האָט זיך צעגאָסן און פאַרשפּרייט אויף דער גאַנצער ערד.

ישראל איז ווי פריער אין וואָגן געלעגן. דער אָפּגערעקטער קאָפּ אַראָפּגעהאָנגען, דאָס אָפּגעוואַשענע פנים האָט געהאַט אַ ברוינע געלקייט, די נאַסע באָרד האָט זיך צוגעקלעפּט צום האַלז, די אויסגעלאָשענע אויגן זענען אָפן געווען און האָבן געקוקט פאַר זיך אין איין פּינטל, אין די דאַרע קינבאַקן און אויגן־גריבלעך זענען די טראָפּנס געשטאַנען, ווי נישט אויסגעווישטע טרערן, און האָבן אין זיך אָפּגעשפּיגלט דעם וואַלד און דעם סוף זון פון זיין לעצטן טאָג...

די זאַכן זענען געווען צוגעקלעפּט צום לייב. פון צע־שפּילטן קאַפּטן האָט זיך געזען אַ ברודיקער טלית־קטן, אַפּאָר קני פון מאָגערע פיס האָבן צום הימל אַרויסגעקוקט. איין האַנט האָט אָנגעהאַלטן דעם טלית־און־תּפילין און די צווייטע איז אַראָפּגעהאָנגען און זיך נאָכגעשאָקלט מיטן וואָגן.

דאָס פערד און קאַלב זענען געווען אַדורכגענעצט און איינגעשרומפּן. דאָס פערד האָט מיט אַ טרייסל דאָס וואַסער פון זיך אַראָפּגעשאָקלט און צופנדיק אַלץ אַ גרעזל ביים זייט וועג און אין גראָבן האָט ער זיך געצויגן מיט דעם וועג, וואָס פירט צו דער היים.

*

אויף שבת האָבן זיי שוין נישט אָנגעצויגן. ווען זיי זענען צום שטעטל צוגעקומען, איז שוין די שבת-קדושה געווען פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן שטעטל...

די שיין פון די בענטש־ליכט האָט זיך געגאָסן פון די הייזער איבערן גאַס און מיט אַ שבתדיקע ווייכקייט האָט זי געוווּנקען צו די ווייטע נאַכט-פעלדער.

ישראלס אַלטער הונט האָט פונדערווייטנס דערפילט זייער אָנקומען, האָט ער דעם קאָפּ צו די אויסגעשטערנטע הימלען פאַררייסן און זיך צעוואָיעט אין אַן אומעטיקן האַרצרייסנדיקן יאָמער.

און לאַנגזאַם זענען זיי אין גאַס אַריינגעשטיגן און מיט שטילע לאַנגזאַמע טריט האָט דאָס פערד צוגעפירט צום שטוב דעם טויטן בעל-הבית און אַ לעבעדיק קאַלב...

— — — — — — — — — — — — — — —

ד ע ר ב ש ר ף

ווען ביי חיים-זעלדעס האָבן זיך אָנגעהויבן די זיבן הונ־געריקע יאָר, — נאָכדעם ווי די גרויסע שטוב מיטן שפּייכלער זענען אָפּגעברענט געוואָרן, — זענען אים פאַרבליבן אַ זיכּרון פון די גוטע צייטן צוויי שיינע בהמות, אַ שווערע קאַנאַפּע באַצויגן מיט רויט, עטלעכע לאָדנס און פענצטער, וואָס מ׳האָט אַראָפּגעכאַפּט, ווען די שטוב האָט שוין געברענט, אַן אָפּגע־ברענטער פּלאַץ מיט האָלאָווערשקעס און נאַקעטע אויוונס, און אַן אָפּגעסמאַלעטער „זשוראַוועל", וואָס זעט אויס אַזוי עלנט און נאַריש און וואָרנט פאַרן ברונעם, וואָס איז געבליבן לעבן אים נישט קיין פאַרצוימטער...

געשען איז עס זומער-צייט, און עטלעכע טעג האָבן זיך די שטוב-זאַכן געוואַלגערט אינדרויסן.

די שכנים זענען נאָך געווען אָדורכגענומען מיט שרעק פון יענער נאַכט — האָבן נישט געקענט איינשלאָפן, און כּל-זמן דער פּלאַץ האָט נאָך גערויכערט, איז מען גאַנצע נעכט געזעסן קאָמפּאַניעסווייז — צוגעקוקט צום בלייכן רויכל, וואָס האָט זיך שטיל און אומעטיק געשלענגלט אין דער זומערדיקער נאַכט אַריין — געקוקט און געשוויגן...

אויף די בלייכע פּנימער פון נישט דערשלאָפן האָט גע־שוועבט אַ טרויער — ווי מ׳וואָלט דאָ געזעסן ביי אַ פרישן

קבר, אין וועלכן עס איז באַגראָבן אַסך מי, יונגע כוחות און בעל-הביתישער שטאָלץ...

דערווייל האָט זיך דערנענטערט דער שבת, דער עולם האָט זיך באַרויקט, און חיים — ביז עפּעס וואָס האָט ער זיך אַריינגעקליבן אין אַ דירה, אַ קליינער אַלקער, קוים צוויי בעטן. די שווערע קאַנאַפּע מיט די איבעריקע כלים האָבן זיך פאַרוואַלגערט אויפן בוידעם.

דער סופיט איז געווען נידעריק און אין צימער ווייניק לופט... און גאַנצע נעכט איז חיים געלעגן און שטיל מיט לאהן צווישן זיך געשמועסט וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט זיי באַר-וואָס געטראָפן, וועלכער איז אַזוי דייטלעך און ביטער און זעט דאָך אויס ווי אַ חלום.

אָדער מ׳איז געלעגן פאַרטיפט יעדער איינער אין זיינע געדאַנקען, צוגעהערט צום עטעמען פון די קינדער אין שלאָף, אויסגעבעט אויפן קאַסטן, און זיך געמאַטערט מיט דעם שווייגן.

נאָך אַזעלכע נעכט פלעגט חיים פאַרטאָג אַרויסגיין צום פלאַץ — אין גרינעם שלאָפּראָק — שאַרן צווישן די האָלאָ-וועשקעס, אויפזוכן אַ שטיקל צעשמאָלצן מעש, אַ שלאָס פון אַ טיר, אייזערנע רייפן פון הילצערנע כלים, אַ שטיקל ברעזענט, אויף וועלכער מ׳פלעגט טריקענען תבואה. און יעדעס מאָל פלעגט ער זיך פונדאָסניי דערוויסן, וואָס פאַר אַן איינגעפונדעוועטער בעל-הבית ער איז געווען, און ווי אַלץ איז אין איין נאַכט אַוועק מיטן רויך...

צווישן לייטן האָט ער זיך נאָך געהאַלטן פאַר אַ בעל-הבית. עס איז נאָך געבליבן אַביסל צוגעסמאַלעט קאָרן פון שפייכלער, עטלעכע רובל ביי לייטן. לאה האָט אָנגעטון די בריליאַנטענע אויערינגלעך אינדערוואָכן — אויפן האַלז דעם מע-דאַליאָן... און די צוויי בהמות טרעטן אַריין פאַרנאַכט אין גאַס אַריין, ווי זייער שטייגער, מיט גאווה און פאַרריסענע קעפּ, ווי זיי וואָלטן געוווסט, אַז זיי זענען די שענסטע אין טשערעדע און אַלע קוקן אויף זיי, און ערשט האָבן זיי גענומען אויף זיך צו באַשיצן חיימס כבוד:

— נישקשה, כל-זמן מיר ווען לעבן, בלייבט נאָך חיים בעל-הבית !...

וועגן דער סטראַכאָוואָקע זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע מעשיות. חיים אַליין האָט וועגן דעם פאַרשוויגן, און אָנגענומען זיך מיט מוט, פלעגט ער זיצן אויף אַ צוגעברענטן קלאָץ לעבן פּלאָץ און מיט אַ ברייטקייט זיך עצהנען מיט לייטן — ווי ער זאָל בויען די שטוב, מיט וואָס זאָל ער דעקן דעם דאַך. מיטן שטעקל אין זאַמד געמאַכט פּלענער, ווי די שטוב וועט אויסזען, און האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט אָוועקגעלייגט דעמבבעס אין וואַלד, פאַרגעמען זיי אַן אויג. ער איז נאָר מסופק, צי מ׳וועט זיי קאָנען אַריבערפירן זומער אויף רעדער...

דערווייל איז אַדורך דער זומער. דאָס ביסל קאָרן האָט זיך אויסגענומען, לאה האָט אין קאַסטן באַהאַלטן דעם מעדאַליאָן מיט די אוירינגלעך. און די דעמבבעס זענען נאָך אין וואַלד—עס האָט זיך נאָך אַלץ נישט געשטעלט דער גוטער ווינטער-וועג...

און ביסלעכווייז איז דער סוד אַרויס אין גאַס...

אַזאַ טבע האָבן שוין לייט — אַלץ ווייסן זיי, קיין זאַך איז פון זיי נישט פאַרבאָרגן, און ביסטו אין קלעם, קוקט מען דיר גלייך אין די אויגן:

— עס מאַכט נישט — האָסט זיך נישט מיט וואָס צו שעמען.

און אַז דו גייסט אָוועק, טייטלט מען דיר נאָך מיט די פינגער:

— נעבעך, אַ גראָשן סטראַכאָוואָקע נישט באַקומען...

דערנאָך ווילט זיך נישט אַרויסגיין אין גאַס. מ׳זיצט אין שטוב און מ׳שווייגט. און מ׳ווייסט, אַז דאָס איז אומזיסט, נאָך אַ וואָך וועט מען דאַרפן אַרויסגיין אין גאַס עפּעס פאַרדינען, זיך נאָכיאָגן נאָך אַ גוייש ווערעלע:

— טשעלאָוויטשע, שטשאָ מאַש פּראָדאַטי ?*)

און דער פויער זיצט זיך רחבותדיק אין ווערעלע, איינגעוויקלט אין דער סערמיגע, דאָס שעפּסן היטל איבער די אויערן—

*) מענטש, וואָס האָסטו צו פאַרקויפן ?

ווייסט, אַז ער האָט נאָך קאָרן נישט קיין געדראָשענע, אַ סטויג היי, וואָס וועט זיין גענוג ביז פּאַשע, גרויסע גריבער קאַרטאָפל אויפן גאָרטן, — וועט ער צוטרייבן די שקאַפּע און וועט שפּאָטן:

— נימאַש ניץ פּראָדאַטי!*)

און לאה וועט מעלקן די בהמות אין דער פרי און אויף דער נאַכט און אַוועקגעבן לייטן די מילך. ווערט אים דאָס האַרץ פול מיט פאַרדרוס און באַליידיקונג, און אַז ער צגעגנט זיך מיט לאהס בליקן, פרעגט מען איינער דעם אַנדערן:

— פאַרוואָס, פאַרוועןְ? האָבן מיר עמעצן שלעכטס געטון, האָבן מיר נישט געגעבן אַ ייד אַ רובל צו פאַרדינען?...

*

עס איז אָנגעקומען דער ווינטער, דער אָפּגעברענטער פלאַץ איז געווען באַדעקט מיט אַ ווייסן שניי, די בהמות זענען געבליבן אין פרעמדן נידריקן ענגן שטאַל, אַז זיי האָבן נישט געקענט רעכט זיך אַוועקלייגן.

חיים האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אין גאַס זוכן עפּעס צו פאַרדינען, און דאָס ביסל ליידיקע צייט, וואָס איז דאָ אין דעם קורצן ווינטער-טאָג, צווישן דאַוונען, מיטאָג און מנחה, האָט ער אַוועקגעגעבן די בהמות—דאָס איינציקע, וואָס איז אים געבליבן פון יענע גוטע יאָרן... און געדאַכט האָט זיך, אַז די שטומע באַשעפענישן פאַרשטייען אַלץ און שווייגן.

און געהאַט האָבן זיי איין אויסזען, ווי אייגענע שטובישע איבערגעגעבענע, וואָס געדענקען גוט, וואָס עס איז געווען, פאַרשטייען, וואָס עס איז געוואָרן, און פאַרלאָזן נישט אין אַ שלעכטער צייט...

*

דער ווינטער האָט זיך שלעכט אָפּגערופן אויף די בהמות.

---

*) דו האָסט גאָרנישט צו פאַרקויפן!

„ראַשאַ״ — אַ בהמה אַ ברייטע, אַ געזעצטע, העל־ברוין קאָליר מיט אַ גרויסן אייטער, וואָס טראָגט שטענדיק אַ זעקעלע זאַלץ אויפן האַלדז קעגן אַ גוט־אויג, אַ בייזע און אַ שטעכעדיקע, ווען זי האָט געהאַט אַ קאַלב, איז אַ סכנה געווען אַריינצוגיין אין שטאַל, — אָט די ראַשאַ איז געוואָרן מאָגער, באַוואָקסן, רויק, אונטערטעניק מיט בולטע ביינער און אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

און „פּאַניענקע״ — אַ רויטע, אַ לאַנגע, אַן איידעלע מיט אַ לאַנגן דינעם האַלדז, שיינע קורצע הערנערלעך און לעבעדיקע קלוגע אויגן, — אַן אייגענע האָדוליע פון אַן אַלטע יחוסדיקע משפּחה—איז געוואָרן אומעטיק, דאַר און דוכט זיך קלענער...

אַז חיים עפנט אויף אין דער פרי די שטאַל און פּאַניענקע ציט אַרויס דעם קאָפּ מיט דעם דינעם האַלדז און מוקעט צום דרויסן מיט אַ בענקשאַפט — זעט זי אויס מיט דעם האַלדז, ווי אַ יונג פייגעלע, וואָס האָט נאָך נישט קיין פעדערן, אויף וועלכן עס האַלט זיך קוים דאָס שוואַכע קעפל...

ווען חיים האָט איינמאָל אין אַ פאַר־פּורים, אין אַ זוניקן שיינעם טאָג, אַרויסגעלאָזן די בהמות אין דרויסן, האָבן זיי זיך געטוליעט איינע צו דער אַנדערע, ווי שוועסטער, אַרומגעלעקט איינע די אַנדערע, זיך געפּיעשטשעט און געוואַרעמט קעגן דער זון.

און קוקנדיק אויף זיי האָט זיך חיים דערמאָנט אין דער שטוב, ווען דער שפּייכלער איז פול געווען, און אַ גויע איז שטענדיק געשטאַנען מיט אַ רעשעטע אין האַנט, אונטערגעזיפּט די תבואה און אָנגעשאָטן פולע זעק פּסולת, אַז די בהמות פלעגן נישט באַוויייזן אויפצוועסן. די ביידעמער פול מיט גרינע היי, און אַז מען פלעגט סוף־ווינטער אַרויסלאָזן די בהמות אין דרויסן, פלעגן זיי אויפרודערן די גאַס, איבערקערן פּלויטן, אויסגראָבן גריבער קאַרטאָפל מיט די הערנער, און ער פלעגט זיך שטיין פון דער זייט, די לולקע אין מויל, די הענט אין וואַטאָווון לייבל און אויף די ליפּן אַ שמייכל:

— וואָס עס געהער צו בעל־ביתישקייט מעגט איר זיך שוין אויף מיר פאַרלאָזן!...

און אַז ער דערמאָנט זיך אין דעם אַלעמען פאַרקלעמט

אים ביים האַרצן, עפנט ער די שטאַל און לאָזט צוריק אַריין די בהמות...

*

עס זענען אַדורך אַפּאָר יאָר, ראַשאַ איז שוין נישטאָ — שווער צו האַלטן אַ גוטע בהמה אין קבצנות.

אויף חיימס פּלאַץ שטייט אַ פרעמדע שטוב אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן פּלויט, און אַ ...„זשוראַוועל״ קוקט איבערן פּלויט צום הימל אַרויף...

די שווערע קאַנאַפּע צענומען און אויסגענוצט צום הייצן.

און חיים אַליין איז עפּעס קלענער געוואָרן, אויפן שטערן קנייטשן, דאָס גרויע בערדל שמאָל און ברודיק.

און לאה, אַ יידענע אין די בעסטע יאָרן, איז אויף איר אָנגעפאַלן אַ חושכדיקע, צאָרנדיקע אַלטקייט.

פּאַניענקע, תמיד הונגעריק, פלינק און דרייסט. אַז מען לאָזט איר אַרויס אין דער פרי פון שטאַל, אין די ווינטערדיקע טעג, זוכט זי און געפינט אַליין איר פּרנסה...

און אַז חיים זעט מיט וואָס פאַר אַ פלינקייט זי גיט זיך אַ שטעל אַוועק מיט די פאָדערשטע פיס אויף אַ ראָד פון אַ וואָגן און זוכט עפּעס אין דעם שטרוי, אָדער זי רייסט אַראָפּ ביי אַ פערד די טאָרבע פון קאָפּ, שיט עס אויס אויף דער ערד און עסט צוזאַמען מיטן פערד, און מיט וויפל חכמה זי קוקט זיך אַרום, אויב דער גוי ברעכט זיך נישט אַרויס צו איר פון שטוב מיטן בייטש.

און אַז ער זעט דאָס אַלץ פרייט אים דאָס האַרץ, ווי זי וואָלט אים באַרויקט:

— זאָרג נישט, איך וועל מיר שוין אַליין ביישטיין מיין שטעטל...

און ביסלעכווייז האָט זיך חיים צוגעוווינט צו זיין ביי לעבן, צום פרעמדן און ענגן צימער.

נאָר די גאַס, וווּ עס איז אַמאָל געווען זיין שטוב, האָט ער אויסגעמיטן, און די שטוב האָט ער נישט געבראַכט פאַרן מויל.

*

איינמאָל אין אַ מאַרק-טאָג האָט זיך פּאַניענקע פּלוצים אינמיטן טאָג אומגעקערט אַהיים אַ צעשראָקענע, געציטערט און גערופן פון שטוב אַרויס — און אַז זי האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, האָט זי זיך געוווּנדערט, אַרומגעשמעקט און נישט פאַרשטאַנען...

פאַר איר איז דער שניי געווען רויט פון פריש און וואַ-רעם בלוט.

אַז לאה האָט זיך אַרויסגעבראָכן פון שטוב און דערזען וואָס דאָס איז, האָט זי פאַרבראָכן די הענט און אויסגעשריגן:

— ווי איז מיר, מ'האָט דאָך מיר געהרגעט די בהמה!...

אין גאַס איז געוואָרן אַ טומל און אַ גרויס איינגעלויף, חיים איז אויך פון ערגעץ אָנגעקומען. אַלע האָבן באַטראַכט, אַרומגעקוקט און אַז מ'האָט אָנגעטאַפּט אַ צעבראָכענע רעברע — האָט חיים פאַרקריצט מיט די ציין:

— רבונו-של-עולם, זאָל זיי די הענט אָפּפאַלן!

אויף זיין פּנים האָט זיך צעגאָסן אַזאַ ווילדער צאָרן — עס האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער ווייסט ווער ס'האָט דאָס געטון, וואָלט ער, דער שטילער, דער דערשלאָגענער חיים, געכאַפּט, וואָס עס זאָל אים נישט קומען צום האַנט, און געשפּאָלטן יענעם דעם קאָפּ.

עס איז געווען זיכער, אַז אימיצער האָט איר פאַרקירצט די יאָרן, נאָר קיינער ווייסט נישט ווער...

פון יענעם טאָג איז פּאַניענקע געבליבן אין שטאָל און גאַנצע טעג האָט מען זיך אַרום איר געפּאָרעט, געטון וואָס אין דער וועלט. פון טאָג צו טאָג איז איר געוואָרן ערגער. האָט טיף געהוסט און אויסגעצויגן זיך אינגאַנצן, ווי זי וואָלט וועלן עפּעס אויסהוסטן עס זאָל איר גרינגער ווערן...

געגעסן האָט זי ווייניק. אַפּאָר געקאָכטע קאַרטאָפל, אַביסל קלייען און לעבלעך וואַסער, אַ הויפן גראַנדאָווע היי.

און ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פרעסט האָט זי געמפּילט אַ טויט קאַלב.

אין אָנהייב האָט מען געפּרוּווט מעלקן, נאָר די מילך איז געווען בלוי און האָט געשמעקט מיט נבלה. האָט מען באַלד אויפגעהערט. און נישט לאַנג האָט געדויערט און פאַניענקע האָט זיך אַוועקגעלייגט און זיך נישט געקענט אויפהייבן...

יעדן פרימאָרגן, אַז חיים, לאה און שכנים פון גאַס פלעגן איר הייבן, אויפהייבן און צוהאַלטן, פלעגט זי שטיין אַ מינוט, ציטערן און זיך צוריק [illegible] — פלעגן אַלע שעלטן פון טיפן האַרצן:

— רבונו־של־עולם, אַזאַ סוף זאָלן האָבן דעם רוצחס בהמות..

און אַז מ׳קוקט אויף פאַניענקען, דאַכט זיך, אַז עס איז גאָר קיין בהמה — אַ הויפן ביינער און אַ שמוציק באַוואַקסענע פעל, נאָר דער קאָפּ, די שיינע הערנער און קלוגע אויגן האָבן נאָך געלעבט און דערמאָנט אָן פאַניענקען, און געדאַכט האָט זיך, אַז די אויגן ווילן עפּעס זאָגן, נאָר קיינער פאַרשטייט נישט די שפּראַך...

*

עס איז געווען אָנהייב פרילינג, אַ וואַרעם ווינטל איז פון ערגעץ־ווו געשטיגן און האָט איבערן שטעטל פאַרשפּרייט אַ ריח פון פעלד און פריש גראָז. מ׳האָט די בהמות צונויפגענומען און אַרויס אויפן פעלד...

פאַניענקע איז געבליבן אין שטאַל, דורך די ווענט האָט זי געפילט דעם פרילינג, זיך געצויגן און גאַנצע טעג געמוקעט צום דרויסן. און ווען זי האָט זיך געפילט אַביסל פעסטער, פלעגט חיים אַרויסגיין מיט איר אויפן „וויהאָן"—אַ שטיקל פּלאַץ אונטער די גערטנער צעגראָבן אויף ליים, ווו מ׳פלעגט אָפּשינדן די נבלות.

און אַז פאַניענקע קריכט אַרום איבערן וויהאָן זוכן אַ

גרעזל, וועלכעס איז נישט בנמצא, און חיים מיט דעם געבויגע־נעם רוקן לעבן איר, דאַכט זיך, אַז אַלע — דער וויהאָן, פאַניעבקע און חיים — זענען איינס, האָבן איין אויסזען און אַלע ווייסן עס און שווייגן...

און אַז פאַניענקע גייט אַדורך די גאַס קוים וואָס זי שלעפּט אַ פוס, מיט די איינגעפאַלענע זייטן און שאַרפן רוקן, ווי אַ מעסער, און חיים מיט דעם פרוטל אין האַנט הינטער איר — דאַכט זיך, אַז עס איז פון קבר אויפגעשטאַנען אַ שאָטן — אַ שאָטן פון יענע יאָרן — און דרייט זיך אַרום דאָ אין גאַס צו פאַרמאַטערן היימען און פאַרצאַפּן אים דאָס בלוט...

װאַרשע 1910

ט ש ו ד ע ג נ ב

I

א גנב אין מיל — הנער און זייערע געוויינהייטן.

אַ צייט לאַנג האָט זיך דאָס אַזוי געצויגן.

יעדע נאַכט זענען פאַרשווונדן געוואָרן אייער פון די געזעסן, וואָס די הינער האָבן געהאַט ביי אונז אין מיל.

אין אָנהייב האָט מען זיך נישט געמאַכט דערפון, נאָר אַז עס האָט זיך ווייטער אַזוי פאָרגעזעצט, איז די מאַמע איינמאָל אינדערפרי אַריינגעקומען פון מיל און האָט געזאָגט:

— קינדער, צו אונז האָט זיך אַ גנב פאַרקליבן, מען דאַרף דאָס נאָכקוקן.

„מען דאַרף דאָס נאָכקוקן". קיינעם פון אונז האָט זיך נישט געעפנט דאָס מויל צו זאָגן עפּעס דאַקעגן. גנבים האָט מען פיינט, און דעם וואָס גנבעט ביי אונז האָט מען זיבן מאָל פיינט.

און די זאַך איז געוואָרן טשעקאַווע.

אַ שטיקל הקדמה:

ביי אונז אין מיל האָבן זיך שטענדיק אויפגעהאַלטן עטלעכע צענטליק הינער. אַ ריכטיקע צאָל האָט מען קיינמאָל נישט געוווּסט, ווייל זיי זענען אַרומגעגאַנגען פריי און גענעכטיקט, ווו זיי האָבן געוואָלט.

אָפט זענען צוגעקומען. עס פלעגן זיך צושלאָגן פרעמדע

הינער און בלייבן אין מיל, ווייל אַזויפיל צו עסן האָבן זיי נישט געהאַט אין גאַנצן שטאָט.

נאָר מערסטנס האָט געפעלט. עטלעכע האָט מען איבער ווינטער געקוילעט. אַ הון, אַז זי הערט זיך אויף צו לייגן, ווערט פעט קוים וואָס זי שלעפּט די פיס, נו, ווי קוילעט מען זי נישט? זי בעט זיך דאָך מען זאָל זי קוילענען...

אַנדערע האָבן געמאַכט אַ שלעכטן טראָט, זיך פאַרטשע־פּעט אָן אַ פּאַס, אַרונטער אונטער אַ ראָד און געהרגעט גע־וואָרן, און אַנדערע זענען גלאַט פאַרשוווּנדן. דאָס איז שוין אַ נאַכט־סוד פון אַלע מילן און פאַבריקן, און גאָר זעלטן גיט זיך דאָס איין צו אַנטדעקן — ביז נאָך־פּסח ווערן זיי ווייניקער און ווייניק, אַז זיי לאָזן זיך שוין ציילן און דער־קענען. און אַזוי ציט זיך דאָס ביז עס קומט אָן דער נייער דור.

דאָס, וואָס איך האָב אָנגעהויבן צו דערציילן, איז געשען אינמיטן ווינטער. אַלע הינער זענען אַרומגעגאַנגען מיט שוואַרץ־אָפּגעבערנטע קעמלעך און זיך נישט געלאָזט אַריינגעמען אין דער וואַרעם.

געלייגט האָט מען זיך ווייניק. פרעגט יעדע בעל־הביתטע, וועט זי אייך זאָגן, אַז ווי עס פאַלט אַרויס דער ערשטער שניי, ווערן אייער ווייניקער.

די, וואָס האָבן זיך געלייגט, האָבן אָפּגעזוכט לעכער און באַהאַלטענע ווינקלען עס זאָל זיי זיין וואַרעמער. און אפשר האָבן זיי געמיינט זיך אויסצובאַהאַלטן פון מענטשנס אויג און דערלעבן נחת כאָטש אינמיטן ווינטער...

ווער עס קען דאָס הינער־פאָלק, ווייסט וואָס פאַר אַ מאָדנע אָפּטימיסטיש פאָלק דאָס איז. ווען די הון דאַרף זיך אָנהייבן לייגן, ווערט זי נאָך מיט אַ צייט פריער גוט אויפגעלייגט, הייבט אָן זינגען לידער און לויב־געזאַנגען דעם דור, וואָס זי קלויבט זיך ברענגען אויף דער וועלט. זי זוכט אויף באַהאַלטענע ערטער — דאָס פאַמיליען־גליק איז אין דעם פאַרבאָרגענעם.

פונדעסטוועגן קען זי זיך נישט איינהאַלטן, זי זאָל נישט

אריינגיין יעדן טאָג מיט אַ פריילעכן קאָ-קאָ-קאָ! — וועלט און אַלע באַשעפעניש פון דער וועלט, זייט וויסן, אַז איך האָב היינט געבראַכט אַן איי. און עס איז נאָך דאָ אַ האָפענונג אויף מאָרגן!

זי איז זיכער, אַז דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, וואָס האָט אין דעם טאָג געקאָנט פּאַסירן.

נעסטן מאַכט מען באַזונדער. צוויי גליקן קענען נישט הויזן צוזאַמען, אויסער פוילע און קלוגע, וואָס לייגן זיך ווו עס קומט אויס. האָט איינע אויסגעבעט אַ נעסט, קומען זיי און לייגן צו זייערע אייער.

פוילע — פשוט, גרייטס איז באַקוועמער. און קלוגע ווייסן פון דער פּראַקטיק, אַז וויפל זיי זאָלן נישט לייגן, וועלן מענטשן מאַכן פאַר-זיך פיינקוכנס און אייער אין שיטערן און זיי וועלן צו גאָרנישט דערלעבן.

מרה-שחורה איז אַפילו נישט שטאַרק געוווינטשן, בפרט ביי דעם הינער-פאָלק, וואָס אין דער לעצטער מינוט, ווען דעם שוחטס חלף ליגט זיי אויפן האַלז, קענען זיי זיך צעשרייען אין אַ קוקוריקו און וואַרפן אַ חנדל אויף אַ פאַרבייגייענדיקע הון. — נאָר פון דעם אמת קען מען נישט אָפּגיין אַפילו אויף אַ האָר.

די גרויסע מאַסע, ווי געזאָגט, גלייבט, גלייבט שטאַרק און זעט אין דעם קומענדיקן דור דאָס אַבסאָלוטעס. און אָט מיט דעם גלויבן לייגט מען אייער יעדן טאָג, מען נעמט ביי זיי צו, און זיי לייגן ווידער.

גייט אַזוי די מאַמע אַרום יעדן פרימאָרגן צונויפנעמען די אייער פון די געזעסן. הינער לייגן זיך אינדערפרי, אַזוי אַז מיטן ערשטן דריטל טאָג האָבן שוין אַלע אָפּגעלייגט.

ווען-זשע קומען פאָר די גנבות? לאָזט זיך אויס, אַז ביינאַכט. די נאַכט איז די מאַמע פון גנבים.

פרעגט זיך דאָך, וואָס איז דאָ צו גנבענען, אויב מען נעמט צו יעדן פרימאָרגן, וואָס עס איז צוגעקומען?

אויף דעם איז דאָ אַ תירוץ: „פאַקלאַדן“. פאַקלאַדן

זענען די איינציקע אייער, וואָס געפינען זיך שטענדיק אין די נעסטן, די הון זאָל וויסן איר אָרט און נישט פילן, ווי מען באַעוולהט איר.

אָט די פּאָקלאַדן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן נאַכט אויף נאַכט. און אַז די הינער געפינען נישט די פּאָקלאַדן אויף זייערע ערטער, ווערן זיי אומרויק און גייען אַרום זוכן, טאָמער האָט מען פאַרבלאָנדזשעט. און אַז עס הייבט זיי אָן שטאַרק נעמען צום לייגן, הייבן זיי אָן אַ „קאָ-קאָ-קאָ"...

זענען דאָך הינער אַ פאָלק פון אַחדות, און בפרט אין אַזאַ צייט... איז אַפילו די, וואָס האָבן גאָרנישט אין זין זיך צו לייגן, העלפן מיט, און עס ווערט אַזאַ מין טומל, אַז הימל עפן זיך. דערווייל פאַרלירט איינע דאָס איי אַרומגייענדיק. אַנדערע עסן אויף זייערע אייגענע אייער, און אַ הון, וואָס האָט אָנגעהויבן עסן אירע אייגענע אייער, וועט שוין פון איר קיין לייט נישט זיין.

מען קען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט געמאַכט די ידיעה: אַ גנב נעמט צו די פּאָקלאַדן.

פּאָקלאַדן! — דאָס איז אַ גנב אָן אַ פונק געוויסן. און ביי אונז אין מיל, און נאַכט אויף נאַכט!

און אַז די מאַמע האָט געזאָגט: — קינדער, מען דאַרף דאָס נאָכקוקן, האָבן מיר אַלע געענטפערט: יאָ, מ'דאַרף עס נאָכקוקן, און יעדערער האָט ביי זיך געקלערט: — הערסטו, טשודע גנב, איז מיין נאָמען נישט, ווי איך הייס, אויב איך וועל דיר נישט אונטערשטעלן אַ פיסל.

און מען איז זיך צעגאַנגען מיט געדאַנקען טונקעלער ווי די נאַכט און כיטרער פאַרן טייוול...

II

די אַרבעטער אין מיל — מען זוכט די גנבֿים — שלעגער אין דער לופט.

מיר האָבן זיך גענומען פאַר דער אַרבעט גאָר פלייסיק, אין דרייען — איך מיט נאָך צוויי ברידער. אַזוי פאַרזיכטיק, אַז מען האָט זיך אַליין די טריט נישט געגלייבט.

צעטיילט האָט מען דאָס צווישן זיך אויף אַזאַ אופן: ביי אונז אין מיל האָבן געאַרבעט צוועלף מענטשן, געטוישט ביי־טאָג און ביינאַכט.

און אָט אויף דריי פון די צוועלף האָבן מיר געוואָרפן אַן אויג און געבויט אונזערע געפערלעכע פּלענער.

איינער איז געווען אַ גוי פון דאָרף, אַ שייגעץ פון אַ יאָר דרייסיק, אַ דאַרער אַ הויכער מיט אַ שיטער בערדל און אַ שפּיציקן גאָרגל, און אונטערן גאָרגל אַ גרין שפּיגעלע, וואָס שפּילעט צונויף דאָס העמד. אָנגעטאָן אַ פּעלצל, אַפּאָר ווייסע שטיוול, אַ טוכן היטל, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַ גראַנאַטן קאָליר מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק.

יעדן פרייטיק נאָכמיטאָג פלעגט ער גיין אַהיים אַ וויאָרסט פּופּצן און זיך צוריקקערן זונטיק פרי און מיט אים אַ צען־פונטיק ברויט, וואָס איז אים גענוג געווען אויף אַ גאַנצע וואָך. צום ברויט האָט ער קיינמאָל גאָרנישט געבראַכט — נישט קיין גריפּן, נישט קיין קאַרטאָפל, נישט קיין פעטס. אָט דערפון איז ביי אונז קלאָר געווען, אַז ער, נאָר ער, נעמט צו די אייער.

צווייטנס, האָט ער גענעכטיקט אין מיל און איז געווען נאָענט צו דער גנבה.

דריטנס, איז ער געווען פון אַ דאָרף ליטער גנבים. נישט חלילה פערד-גנבים, אָדער שלעסער-ברעכער, פּאַרקערט, מיט סחורה האָט מען זיך געקענט אויף זיי פאַרלאָזן, וועט נישט פעלן אַ האָר. נאָר גרויסע בעלנים אויף קליייניקייטן — אַ פּעקל שוועבעלעך, אַ שטיקל ווייצנס, אַ מעסער, אַ לעפל. האָט מען זיך נאָר פאַרקוקט, האָט עס שוין פאַרבלאָנדזשעט צו זיי אין פּאַזוכע.

כוועדער, — אַזוי האָט געהייסן אונזער גוי, — האָט אַפילו געשמט פאַר אַן ערלעכן און מיר האָבן זיך פּאַר אים נישט געהיט, נאָר פון אַזאַ דאָרף — אַ וואָלף ציט אין וואַלד.

דאָס איז געווען דער ערשטער.

דער צווייטער איז געווען בעזרוטשיק. דעם נאָמען האָט ער געקראָגן, ווייל עס האָבן אים געפעלט דריי לעצטע פינגער אויף דער לינקער האַנט, וואָס ער האָט אָפּגעשטעלט ערגעץ אין אַ מיל, נישט ביי אונז.

דאָס איז געווען אַ טאַטנס קינד, מיט אַן ערלעכע יידענע אַן אַלמנה פאַר אַ מאַמען, נאָר מיט אַ שלעכטן נאָמען אין שטעטל. די פאָר גנבישע אויגן און דאָס היטעלע מיט דעם גלאַנציקן דאַשעק אויף אַ זייט, און דאָס צעראַטענע סטענגעלע איבערן דאַשעק, האָט דעם שלעכטן נאָמען באַשטעטיקט.

אים איז, למשל, ווייניק געווען, וואָס ער גיט אַ ברעך אָפּ אַ שטיק ברויט, אַ טונק איין אין דעם וואַרעמען אייל, אַ שטאָפּ אָן ביידע באַקן אומגעוואַשן, אָן אַ יידיש וואָרט,— פלעגט ער נאָך ליב האָבן זיך צו רייצן מיט ר׳ מאירן, אַן עלטערער אַרבעטער, אַ ייד מיט דיקע פאות און אַ בן-תורה.

— ר׳ מאיר, איר זעט, איך ווערג זיך נישט

פלעגט דאָס ר׳ מאירן פאַרקלעמען ביים האַרצן און האָס זיך געטרייסט דערמיט, וואָס גאָט וואַרט לאַנג און צאָלט גוט.

אין שטעטל פלעגט בעזרוטשיק אַראָפּקומען צו די ימים-נוראים אויף איבערווינטערן, אין אַפּאָר נייע שטיוועלעך און אַ שיין זשילעט. און אסרו-חג נאָך-פסח, מיט דעם ערשטן קריי

פון האָן, ווערט ער פֿאַרשווּונדן. ווו ער פֿאַרבּרענגט די זומערן, האָט קײנער נישט געוווּסט. ער האָט געזאָגט, אַז ער היט ער־געץ אַ סאָד. לײַט האָבּן דערצײלט, אַז מען האָט אים געזען ערגעץ „קושן די מזוזות“*)... נאָר אַלע זענען געווען זיכער, אַז ער האָט לינקערע געשעפֿטן...—אויף אים האָט מען אַלץ געקענט גלייבּן.

דאָס איז געווען דער צווייטער.

דער דריטער איז געווען אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר פֿופֿצן, אַ „געקרוינטער“ פֿון אַ בּאַרימטער געקרוינטער משפּחה... אַלע־דער טאַטע אַ שוסטער און אַ שטיק זעקס בּנים האָבּן פֿון געבּוירן בּיז מען האָט בּאַדאַרפֿט אומקערן די זינדיקע נשמה צוריק צו גאָט, סײַ זומער, סײַ ווינטער, געטראָגן גרויסע בּאַ־ראַשקאָווע היטלען איבּער די אויערן, טיף בּיזן קאַרק. אַפֿילו פּורים, ווען זיי האָבּן געשפּילט די בּאַרימטע אחשוורוש־שפּיל, האָבּן זיי די אמתע פּאַפּירענע קרוינען אָנגעטאָן אויף די היטלען.

געגנבעט האָבּן אַלע און אַז מען האָט עמעצן געכאַפּט אין אַ גאָרטן אָדער אויף אַ בּוידעם, האָט מען נישט געשלאָגן. מ׳האָט נאָר געוואָלט אַראָפּרײַסן די היטל פֿון קאָפּ...

פֿלעגן זיי זיך וואַרפֿן אויף דער ערד, רעווען און קושן די פֿיס. אַלץ אין דער וועלט, נאָר נישט צו רירן די היטלען פֿון קאָפּ.

אָט דאָס איז געווען דער דריטער.

יעדער פֿון אונז האָט פֿאַר־זיך אויסגעקליבּן אײנעם. און אין אַפּאָר טעג אַרום האָט זיך יעדער אײנער אַזוי פֿאַרפּלאָנטערט אין זײַן גנבֿ, אַז וואָס ער האָט נישט געטאָן, ווו ער איז נישט געשטאַנען און ווו נישט געלעגן — איז אַלץ געווען פֿאַר־דעכטיק, און אין אַלץ האָט מען אַרײַנגעלערנט פּשטים. און געפֿונען רמזים.

און צווישן יעדן אײנעם מיט זײַן גנבֿ האָט זיך אויסגעפֿלאָכטן אַ מאָדנער אינטימער שנירל. און יעדער אײנער איז גרייט געווען פֿאַר זײַן גנבֿ, וועלכן ער האָט אַליין אויס־געכאָוועט אין זײַן פֿאַנטאַזיע, און אַרומגערינגלט מיט אַזויפֿיל פֿאַרזיכטיקייט — זיך לאָזן אָפּשניידן אַ פֿינגער...

*) ארומגיין איבער די הייזער.

ווען מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן און אַרויסגעלייגט און אַרומגערעדט דעם סך-הכּל פון אונזער אַרבעט, איז יעדער איינער געווען ביי זיך אַזוי זיכער — אַלע דריי די זעלבע זיכערקייט, אַז מען האָט בשום-אופן נישט געקענט זאָגן ווער האָט מער רעכט. און ווער ווייסט מיט וואָס דאָס וואָלט זיך ענדיקן, ווען עס זאָל זיך נישט מאַכן אַ מעשה.

אָט וואָס האָט זיך געטראָפן:

פרייטיק נאָכמיטאָג האָט מען פאַרשלאָסן די מיל. דער גוי איז אַוועק אין דאָרף, די יידן אין מרחץ זיך מאַכן שבת-דיק. דעם גאַנצן שבת איז אין מיל קיין לעבעדיק באַשעפעניש נישט אַריינגעקומען. לויט אונזערע פּלענער האָט די נאַכט קיין איינער נישט געקענט פעלן.

לויפן מיר דאָך שבת אינדערפרי גלייך פון די בעטן זען וואָס עס איז געוואָרן, און בע—ע...

פונקט ווי נעכטן, ווי אייער-נעכטן, ווי אַלע נעכט.

מיר זענען געבליבן מיט אָפענע מיילער און האָבן געהאַט אַ געפיל, ווי מיר וואָלטן געהאַלטן עפּעס אין האַנט און פּלוצ-לינג איז דאָס פאַרשוווּנדן...

און יענער איינער, אַז ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע פּלענער און אין זיינע לופט-שלעסער, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דווקא זיינע זענען געווען די נאַרישסטע און אומגעלומפּערטסטע.

מען האָט זיך געשעמט און נישט געקענט שענקען, ווי אַזוי מען קומט אַרויף אויף אַזעלכס...

ווי די זאַך זאָל נישט זיין, האָבן מיר געמוזט מודה זיין, אַז דער וועג מיט וועלכן מיר זענען ביז איצט געגאַנגען איז נישט דער ריכטיקער און מען מוז זוכן נייע וועגן.

און אָט צו די נייע דאַרף מען נעמען צוהילף די אַר-בעטער. זיי זענען עלטער פון אונז און האָבן שוין עפּעס געזען אין זייער לעבן.

און וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

III

די גרויסע אסיפה אין מיל,—דער וויכוח,—גישטאָ קיין עצה...

זונטיק אין אָוונט זענען מיר געשטאַנען לעבן דער זשאַראָוונע, צוגעקוקט צו דער אַרבעט און אַרויפגעטראָגן אויפן טיש אָט די פראַגע, וואָס האָט אונז געמאַטערט און אויף וועלכער מיר האָבן נישט געפונען קיין ענטפער.

די מעשה האָט דעם עולם פאַראינטערעסירט און איז גלייך געוואָרן וואַרעם באַהאַנדלט.

דער חשד אויף מענטשן איז געוואָרן אינגאַנצן אָפּגעשטופּט. אַלע האָבן געמוזט מודה זיין, אַז דאָס איז די אַרבעט פון פיר-פיסיקע. נאָר ווער?... אָט וועגן דעם איז נישט לייכט געווען זיך אויסצוגלייכן. געהאַנדלט האָט זיך וועגן אַ מאַרדער, אַ טכויר און אַ שטשור.

אין אָנהויב איז אַפילו אַרויפגעשווומען אַ געדאַנק וועגן אַ הונט, נאָר דער געדאַנק איז גלייך אָפּגעוואָרן אָפּגעוואָרפן צוליב דעם טעם: קיין אייגענעם הונט האָבן מיר נישט געהאַט און ווען אַ פרעמדער הונט גראָבט זיך אונטער, וואָלט מען דאָס גלייך באַמערקט. דעריבער האָט זיך גערעדט וועגן די דריי.

מאַנכע מייגונגען זענען געווען געניינגט פאַר אַ שטשור, ווייל איין פראַגע האָט זיך געשטעלט אויף וועלכער עס איז געווען שווער צו געבן אַן ענטפער.

אויב מיר ווילן זאָגן, אַז דאָס איז אַ מאָרדער אָדער אַ טכויר, פאַרוואָס-זשע טשעפּעט ער נישט קיין הינער?

איז אָבער געקומען אַ צווייטע פראַגע, אַ גאַנץ לאָגישע, און אָפּגעענטפערט דער ערשטער:

— ווער האָט דאָס געזען, אַז אַ שטשור זאָל קענען אַריבערטראָגן אַ גאַנץ איי?...

נפתּלי דער מילנער האָט געהאַלטן פאַר אַ טכויר, ווייל איידער די אַלטע מיל איז אָפּגעברענט געוואָרן האָבן זיך דאָ אויפגעהאַלטן טכוירן און זענען אַרומגעגאַנגען איבער די דעכער, ווי די קעץ. אָט דער קאַלנער, וואָס ער טראָגט אויפן פּעלצל, איז פון יענע טכוירן. מיט אַ מאָרדער איז ער נישט מסכּים. דאָ אין מיל איז נאָך קיין מאָרדער קיינמאָל נישט געווען. מערסטנס געפינט ער זיך אין וואַלד. די אייער נעמט ער צו גאַנצערהייט. אויף אַזאַ אופן דאַרף ער קומען דורך דער נאַכט עטלעכע מאָל — קומען און אַוועקגיין, און דאָס איז שווער צו גלויבן. דער עיקר — עס וואָלטן געבליבן שליאַדן, דער ווינטער איז אַ שנייאיקער.

די מיינונג האָט נישט געפונען קיין סך אָנהענגער, צוליב אָט דער פריערדיקער לאָגישער פראַגע: — ווו האָט איר געזען, אַז אַ טכויר זאָל איבערטראָגן גאַנצע אייער? דערמיט וואָס נפתּלי טראָגט אַ טכוירענעם קאָלנער איז נאָך נישט געדרונגען, אַז אַ טכויר זאָל טראָגן אַ גאַנץ איי אין מויל.

אָפּגעשטעלט האָט מען זיך פאָרט אויף אַ מאָרדער. ערשטנס קען ער איבערטראָגן אַן איי. צווייטנס האָט ער אַ נאַטור, אַז וואָס ער געפינט עסט ער נישט אויפן אָרט, נאָר טראָגט עס איבער אין נאָרע.

און מען וויל האָבן, אַז ער געפינט זיך טאַקע אָט דאָ אין מיל, אונטער דער פּאָדלאָגע, ווייל עס זענען דאָ מאָרדערס, וואָס וווינען אין ישוב.

פאַרוואָס-זשע טשעפּעט ער נישט קיין הינער? — מן הסתּם איז ער נישט הונגעריק.

און פונוואַנען ווייסט מען, אַז ער טשעפּעט נישט? געוויס טשעפּעט ער, אַ סימן, אַז עס פעלט אַמאָל אַ הון.

אַ טכויר נעמט נישט צו, אַ טכויר דערשטיקט, טרינקט זיך אָן מיט בלוט און לאָזט אָפּ.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע וואָרט, וועלכעס איז געוואָרן אַזוי אויסגעטייטשט: די אייער נעמט צו אַ מאַרדער גאַנצע-הייט, געפינען געפינט ער זיך אין מיל אונטער דער פּאָדלאָגע, קומט אַרויס פון צווישן די רעדער און פאַרשווינדט צוריק.

די החלטה האָט אַלעמען אויפגעלעבט. ביי בעזרוטשיקן האָבן זיך אָנגעצונדן די אויגן: אַזאַ בחור אין אַזעלכע פרעסט איז אַוודאי ווערט אַ דריי-רובל-שטיק... ער בלייבט נעכטיקן. ער ווייסט, ווו צו קריגן אַ לאָוושקע.

אַ לאָוושקע — זאָגט כוועדער — ווייסט נאָר ער אַליין ווי צו שטעלן. ער האָט שוין געכאַפּט פוקסן מיט אַ לאָוושקע, אָט אַזעלכע גרויסע (ער צעגעמט די הענט, כדי צו ווייזן, ווי גרויס זיי זענען געווען). ביי גאָט, ווי ער זאָגט נישט קיין ליגן. ער קען אַפילו ווייזן וועמען ער האָט זיי פאַרקויפט. אהאַ... אַ לאָוושקע דאַרף מען ווייסן ווי צו שטעלן. מאַרדערס זענען נאָך קלוגער פון פוקסן. און טאָמער האָט מען נישט גוט גע-שטעלט, וועט ער שוין נאָכאַמאָל נישט קומען.

נו, און סם? בעזרוטשיק ווייסט, ווי מען גרייט צו סם. צוערשט וויקלט מען דאָס איין אין אַ שטיקל שמאַלץ, דערנאָך צעהאַקט מען אַ שטיקל פלייש און מען מאַכט קיילעכלעך, אַסך קיילעכלעך, מען טוט עס אַריין אין די קיילעכלעך און מען צע-לייגט דאָס אין די נעסטן.

— ווו-זשע וועסטו אים דערנאָך געפינען?

אַ מינוט בלייבט בעזרוטשיק אָן לשון, נאָר ער געפינט זיך באַלד. ער וועט אים, זאָגט ער, נאָכשפּירן, וויסן ווו ער האָט די נאָרע און אויפרייסן די פּאָדלאָגע.

האָבן אָבער די איבעריקע אַרבעטער נישט אַזעלכע היץ-קעפּ ווי בעזרוטשיק.

— שאַ, שאַ! נישט געבערענט. קיין פּאָדלאָגעס רייסט מען

נישט, אויף דעם איז דאָ אַ בעל-הבית און אַ בעל-הבית לאָזט נישט רייסן קיין פּאָדלאָגע צוליב אַ געפּגרטן מאַרדער. און צווייטנס, וועלן די שטשורעס פאַרשלעפּן דעם סם און פאַר־סמען די מיל. צום בעסטן וואָלט געווען אַ לאָוושקע. גייען אָבער אום אַ פולע מיל מיט הינער. און ביז דעם מאַרדער וועט זיך פאַרוועלן אַריינגיין אין דער לאָוושקע וועלן זיין די הי־נער די ערשטע כפרה.

וואָס זשע טוט מען?

— מען טוט גאָרנישט. מען דאַרף נאָר זען, אַז עס זאָלן נישט בלייבן נעכטיקן קיין אייער.

— און די פּאָקלאַדן?

— אָט דאָ שטעקט די צרה. אויף דעם דאַרף מען קלערן.

און צוועלף מענטשן,—עלף יידן און, להבדיל, אַ גוי, און מיר, דריי קינדער,— זענען געבליבן שטיין מאָדנע אומבאַהאָלפן. מען האָט געזוכט פּלענער, ווי אַזוי צו מלחמה האַלטן מיט אַ קליין חיהלע, וועלכע קעניגט אַזוי אומגעשטערט אין אונזער מיל, און אין דער זעלבער צייט האָט אפשר דאָס ברעקל חיהלע מיט די גלאַנציקע פייערדיקע אויגן ערגעץ פון אונטער די רע־דער כיטרע אַרויסגעקוקט צו אונז און געטראַכט:

— אומזיסט אייער מי. איך בין אַסך קלוגער ווי איר מיינט...

IV

איך מאַך פאָקלאַדן,—זומערדיקע נעכט,— געפונען דעם רעטעניש.

מען האָט געקלערט און געקלערט און געפאַלן אויף אַן עצה. די עצה איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מען זאָל פאַר פאָקלאַדן אוועקלייגן אויסגעבלאָזענע אייער.

די אַרבעט האָב איך אויף זיך גענומען און האָב עס אויסגעפירט גאָר קונציק. אָט ווי אַזוי:

גענומען אַן איי, אָנגעשטאָכן מיט אַ נאָדל אויבן און אונטן, צעבאָלטעט, אויסגעבלאָזן דאָס אינעווייניקסטע, צוריק עס אָנגעפילט מיט וואַסער דורך אַ דינער שטרויעלע און פאַרשמירט פון ביידע זייטן די לעכלעך, אַזוי, אַז קיין לעבעדיק באַשע־פעניש האָט דאָס נישט געקענט דערקענען; אויסער — דער מאַרדער.

מערקווירדיק, פון אַלע פאַלשע אייער האָט איינס נישט געפעלט, און טאָמער האָט מען אָפּגעשטעלט אַ גוט איי האָט ער עס צוגענומען. אָבער די באַזוכן האָבן אָנגעהויבן ווערן ווייניקער. געוויס האָט ער אָנגעשמעקט, אַז דאָ האָבן צו טון מענטשלעכע הענט און פאַר מענטשן דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק. קיין גוטס וועלן זיי געוויס נישט צו טראַכטן.

אין אַפּאָר וואָכן אַרום האָט ער אינגאַנצן אויפגעהערט צו קומען. עס איז אונז זייער וויכטיק געווען צו וויסן, און

מיר האָבן אָנגעהויבן אונטערוואַרפן שטיקלעך פלייש. דאָס פלייש האָט געפעלט. געוויס האָבן דאָס די שטשורעס צוגענומען. אָבער קיין אייער האָט מען מער נישט גערירט...

עס האָט אונז אַרומגענומען אַ מאָדנער פאַרדרוס און מיר האָבן געהאַט אַ געפיל, ווי אימיצער אַ גרויסער, אַ קלוגער און אַ שלעכטער שטייט איבער אונז, קינדער, ווייסט אַלע אונזערע מחשבות און מאַכט אונז צו נאַר.

עס האָט אונז פאַרדראָסן און צוזאַמען דערמיט עפּעס געצויגן צו אים און געהאַט דרך-ארץ. ווען ער פאַלט יעצט אַריין אין אונזערע הענט, וואָס אַשטייגער וואָלט איך מיט אים געטון?

ניין! מיר דאַכט זיך, אַז איך וואָלט אים גאָרנישט געטון. איך וואָלט אים נאָר גוט באַטראַכט, אַ זעץ געטון מיטן פוס און אָפּגעלאָזן — נאַ, גיי און ברעך האַלז-און-געניק!

בלוט-דורשטיק בין איך נישט און דאָס, וואָס די פעלכל איז יעצט אין בעסטן פרייז, וואָלטן מיר אויך נישט גענומען.

אָבער פאַרוואָס פאַרשווינדט ער דוקא ווען מען וויל ער זאָל נאָך בלייבן. און פאַרוואָס איז ער ביי אונז אין מיל מעשה בעל-הבית — קומט און גייט אַוועק, ווען אים ווילט זיך און ווען ער געפינט פאַר נויטיק.

מיר זענען נוטה געווען צו גלויבן, אַז ער איז דאָ. נישט מער, ער היט זיך.

וואָס-זשע עסט ער? מיר האָבן געוואַרט ער זאָל אָנהייבן נעמען הינער. געוואַרט האָבן אַלע. און איך ווייס נישט פאַרוואָס — נישט מיט שרעק, נאָר מיט נייגיריקייט. דאָס וואָלט געווען דער בעסטער סימן, אַז ער איז נאָך דאָ. און אַז ער זאָל נאָכנישט האָבן פאַרלאָזן דעם מיל האָבן אַלע געוואָלט.

קיין הינער האָבן אָבער נישט געפעלט, ווייניקסטנס איז נישט געווען צו באַמערקן. מיר האָבן געמאַכט סימנים און געהאַט זיי אַלע אויפן אויג. קיין בלוט-צייכנס האָט מען אויך ערגעץ נישט געזען...

❀

אַזוי האָט זיך געענדיקט דער ווינטער און אַרייַנגעצויגן אַ שטיק אין זומער.

דאָס יאָר זענען ביי אונז אַרומגעגאַנגען פינף קוואָקעס מיט הינדעלעך. צוויי האָבן מיר אַליין געזעצט און דריי האָבן זיך אָפּגעגנבעט, אָנגעלייגט אייער, אויסגעזעצן און אַראָפּגעקומען מיט פּאַרטיקע הינדעלעך.

אָנטווייַנט האָבן זיי זיך אַלע אין איין צייט. און צוזאַמען מיט די, וואָס די מאַמע האָט אָנגעקויפט אויפן גרויסן דעסאַטיכע יריד, האָבן זיך אַרומגעדרייט ביי אונז אין מיל אַ מחנה רב און פאַרפולט די וועלט.

צום נעכטיקן האָט מען פאַר זיי איינגעאָרדנט צוויי לאַנגע שטאַנגען נישט גאָר הויך, אַזוי, אַז עס זאָל זיי לייכט זיין אַרויף און אַראָפּשפּרינגען, נאָענט צו דער טיר פון שטוב מען זאָל הערן, וואָס עס קומט פאָר צווישן זיי, נאָר אויסער די שטאַנגען זענען זיי געזעסן, ווו נאָר מען האָט זיך געקענט זעצן — אויף די זאַשיקעס, אויף די זעק, אויף דער וואָג, אויף אַ לייטער, אויף אַ שאַפע און ווו נישט?

די זומערדיקע נעכט זענען קורץ, און ווען די קינדער האַלטן נאָך אין ערשטן געשמאַקן שלאָף וועקט זיך שוין דער יונגער מאָרגן. און צוזאַמען מיט אים טראָגט זיך צו אונז אין שלאָף אַ מאָדנע ליב שעפּטשען און פּישטשען און אַ גאָרגאָטשען פון מיל אַרויס.

— קי—קי—קי !!—פאַררייסט אַ יונג הענדל דאָס דין העלדזל און פאַרמאַכט די אייגעלעך.

— קיאַ—קיאַ—קי ! — ענטפערט אים אַ צווייטער.

— גי—גי—גיקיאַ ! — איז גורס אַ דריטער.

איינער פרעגט, דער צווייטער ענטפערט, און איינער פאַלט אַריין דעם אַנדערן אין די רייד, און איינער רייסט איבער דעם אַנדערן אין סאַמע אָנהויב. און פּלוצלינג האָט מען זיך

פאַרגלייכט און אַלע אינאײנעם האָבן עס אָנגעהויבן איינחזרן און באַלד צוריק איינציקווייז, אַזוי צאַרט און זאַפטיק, ווי דער יונגער אומשולדיקער מאָרגן, וועלכן זיי האָבן נאָר-וואָס מיט זייער גי-גי-גי און קיאַ-קיאַ-קי אויפגעוועקט.

דער מאַמעס שלאָף איז אַ לייכטער. איינמאָל אינדערפרי, דערציילט זי, אַז ביינאַכט זענען די הינדלעך געווען אומרויק.

— אומרויק? מאַכט מען זיך נישט דערפון. רעכנט מען, מן הסתם איז אַדורכגעפלויגן אַ פלעדערמויז, אַ קאַץ איז פאַר-בייגעשפרונגען. אַמאָל מאַכט זיך, אַז אַ הינדל ווערט אָן דאָס גלייכגעוויכט, כאַפט זי אַרום שטייפער דעם שטאַנג אויף וועלכן זי זיצט און גיט אַ פּאַטש מיט די פליגל, כּדי צוריק צו קריגן דאָס גלייכגעוויכט, וועקן זיך אויף די שכנים ביי די זייטן, שכנים און שכנים פון שכנים, ווערט אַ פּאַטשעריי פון די פליגל, בייט מען איבער די פיס, מען זעצט זיך בעסער איין, מען באַהאַלט דאָס קעפל אונטער אַ פליגל און מען שלאָפט ווידער.

די צווייטע נאַכט, דערציילט נאָכאַמאָל די מאַמע, אַז די הינער זענען געווען אומרויק.

ערשט אויף דער דריטער נאַכט, מיר זענען נאָר-וואָס איינגעשלאָפן, דערהערט זיך פּלוצלינג אַ פאַרצווייפלטער געשריי פון אַ יונג הענדל — אַ רוף צו הילף: „גאַי—גאַי—גאַי!!“

נישט טויט, נישט לעבעדיק זענען מיר אַראָפּגעשפרונגען פון די בעטן און האַסטיק געגעבן אַן עפן אויף די טיר, וואָס האָט געפירט פון שטוב אין מיל אַריין.

און ווי מיר האָבן נאָר געעפנט די טיר איז מיטאַמאָל דער געשריי געוואָרן איבערגעריסן. עס האָט אונדז פאַר די אויגן עפּעס ווייסעס אַ שווינדל געטון. איבער אונזערע קעפּ האָט זיך פון דער שאַפע אַ ווייס הענדל אַ טראָג געגעבן און אַריין אין שטוב צו דער ליכט.

פון דער צווייטער זייט שאַפע איז האַסטיק אַראָפּגעשפרונ-גען אַ קליין חיהלע, אַ געלס ווי אַ גרויסע קאַץ אויף נידע-ריקע פיסלעך און האָט זיך געלאָזן לויפן צו די רעדער.

צוקומענדיק צו די רעדער האָט עס זיך אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטון אויף אונז מיט צוויי רויט־גרינע פּלעמלעך.

אַ היפּשע ווײַלע האָבן מיר זיך אַזוי אָנגעקוקט. איך אין אַ קורץ העמדל, אין איין האַנט דאָס לעמפּל און מיט דער צווייטער האַנט צוגעהאַלטן די טיר, ווי מען האַלט אַ „שטשיט", און גרייט געווען יעדע מינוט געבן אַ קלאַפּ צו און בלײַבן פון דער זיכערער זײַט.

און דאָס חיהלע גאַנץ רויק, אָן אַ פונק שרעק, מיט בייגיר און פאַרוואונדערונג — איך ווייס נישט ועמען פון אונז ביידן האָט דאָס מער פאַרוואונדערט.

אַ סוף צו דער שטומער סצענע האָט געמאַכט דאָס שטומע חיהלע. עס האָט זיך געגעבן אַ דריי אויס צו מיר מיט דעם הינטן און פאַרשוואונדן.

מיר זענען שוין צוריק געווען אונטער די איבערדעקן און האָבן זיך אַלץ נישט באַרויקט. איך בין מאָדנע צופרידן געווען, וואָס איך האָב זי געזען. געווען אויפגערעגט און האָב לאַנג נישט געקענט איינשלאָפן. פון מיל האָט זיך ביזן גרויסן טאָג געטראָגן אַ גאַרגאָטשען, אַדורכגעוואָרפן מיט אַ ווילדן געשריי פון אַוועלכן עס איז הענדל. זיי האָבן זיך אַלץ נישט געקענט באַרויקן און זיך איינזעצן.

און דער, וואָס האָט מיט זיינע אויגן געזען דעם טויט, האָט איבערן שטוב אַרומגעפּלאָנקעט מיט בלינדע אָפענע אויגן און אַ בלינד נאַכטיק גאַרגאָטשען. ער האָט געהאַט אַן אויסזען אין דער נאַכט, ווי פון אַ צווייטער וועלט, ווי עס וואָלט דאָ אַלץ געווען אין חלום.

די רעטעניש, פאַרוואָס די הינדלעך זענען די לעצטע טעג געווען אומרויק איז פאַרענטפערט געוואָרן. און ווייטער? — ווייטער גאָרנישט. מער האָט מען זי נישט געזען.

מיר האָט דאָס נישט געוואונדערט. ביי אונזער באַגעגעניש האָבן די רויט־גרינע פּלעמלעך אַזוי כיטרע געגלאַנצט, ווי זיי וואָלטן זאָגן:

— פּעטערל, אונזערע ברידער לאָזן זיך נישט אַרײַננאַרן.

V

דער פרילינג קומט, — „ערב־פסח“, — ווידער דער מארדער, — די לאָווישקע ארבעט.

געענדיקט האָט זיך דער זומער און נאָכן זומער, דער הארבסט און נאָכן הארבסט, דער ווינטער, און נאָכן ווינטער איז אַ נייער פרילינג אָנגעקומען.

ווי אַזוי איז אָנגעקומען דער פרילינג? אַ טאָג נאָך פורים איז דער גרויסער גאַלגאַנסקער האָן מיט די צוויי שאַרפע „שפּאָרן“, וואָס קוקן אַרויס צווישן די פיס איינע קעגן דעם אַנדערן און מיט דעם גרויסן פיל־צייניקן קאַם שקאָציש פאַר־וואָרפן אויף דער רעכטער זייט, — אַרויפגעשפּרונגען אויפן הויכן פּאַרקאַן און האָט איבערן גאַס און פון גאַס איבערן גאַנצן שטעטל הויך אויסגעקרייעט — קוּ—קוּ—ריקוּ!! דאָס מאָל אַזוי זיכער און מיט ווירדע, אַז ווען ער איז צוריק אַראָפּגעשפּרונגען האָט דאָס האַרץ פון דער ווייסער הון מיט דעם שיינעם טשוב און באָרד שוין אינגאַנצן געהערט צו אים...

און באַלד איז פון דרום־זייט אַ וואַרעם ווינטל אָנגעקומען מיט אַ גרוס:

— ער גייט, ער גייט. דער פרילינג איז שוין אין וועג, הינטערן שטאָט, און טראָגט מיט זיך מיליאָנען האָפענונגען.

האָט דער שניי גלייך געקריגן אַ מרה־שחורהדיקן אויס־זען און דער ווינטער אויף די דעכער האָט זיך פונאַנדערגע־וויינט. לאַנג האָט ער אַזוי געוויינט. דערנאָך האָט זיך דאָס

געווײַן אין לוזשקעלעך געשלענגלט, געשלענגלט אַ גאַנצן טאָג, ביז עס איז צוגעפאַלן די נאַכט און מיט אַ ווײַס פּרעסטל עס באַצויגן און באַזילבערט מיט דער שײַן פון דער האַלב-חודשדיקער לבנה.

און אויף מאָרגן איז די זון אויפגעגאַנגען גאָר הויך, העכער ווי אַלע מאָל און האָט אויסגעזען אַזוי קלאָר, ווי נאָך קיינמאָל נישט געווען. דאָס ערשטע, וואָס זי האָט באַגעגנט, זענען געווען די ווײַס-באַזילבערטע דעכער, ווי באַשאָטן מיט בריליאַנטענע זעגעכץ, און פון די דעכער קרישטאָלענע מיליאָנען-פאַרביקע ליכטלעך — דער נאַכטס אַרבעט.

צוגעגאַנגען איז די זון צו דער נאַכט און צו אַלץ וואָס עס געהער דער נאַכט, אַזוי ווייך און וואַרעם, ווי נאָר די זון קען עס מאַכן.

און אַזוי קושנדיק און גלעטנדיק איז פון דער נאַכט און פון אַלץ וואָס האָט געהערט צו דער נאַכט נישט געבליבן קיין סימן...

און צו האַלבן טאָג האָבן זיך שוין הינער געשאַרט אין דעם מיסט. פערד און בהמות און אַלע פיר-פיסיקע זענען געווען אין דרויסן, זיך געוואַרעמט אונטער דער זון, האָבן זיך געבאַרשט, געלעקט און אַרויסגעוואָרפן די ווינטערדיקע האָר.

צוזאַמען מיט דעם ערשטן אָנזאָג פון פרילינג האָט בײַ אונז אין שטוב אַ שמעק געטון מיט פסח. וואָס מען האָט נישט געטון און צו וואָס מען האָט זיך נישט צוגערירט, איז געווען לכבוד פסח...

צוערשט האָט מען געלאָזט כשרן די מיל. דערנאָך האָט מען אַרויסגענומען די טאָפּעלע פענצטער, דערנאָך האָט מען געשטעלט בוראַקעס צום זויערן, און געלאָזט באַקן מצה, און באַשטעלט מלבושים פאַר די קינדער. און ווען עס איז געבליבן ביז פסח נאָך דרײַ וואָכן האָט מען אָוועקגעזעצט צוויי הינער צום קאָרמענען. און אָט וועגן דעם האָב איך דאָס געוואָלט דערציילן.

אָוועקגעזעצט האָט מען איינע אַ גרויסע, אַ גאַלאַגאַנסקע מיט גראָבע הויכע פיס, אַ לאַנגן האַלז, אַ שמאָל-שפּיציק קעפּל

אָן אַ סימן פון אַ קאַם, אַ מאָגערע, נאָר עס איז געווען אויף וואָס אָנצוגעמען פלייש...

די צווייטע איז געווען אַ פּראָסטע, נישט קיין גרויסע, איינגאַנצן געל ווי וואַקס מיט גוטע קניידלעך אונטער די פליגל. פעט האָט זי שוין נישט געהאַט וואָס צו ווערן. מען האָט נאָר באַדאַרפט זען, אַז זי זאָל נישט אָפּקומען.

איינגעזעצט האָט מען זיי אין אַ שטייג, אין אַ שטילן אָרט אין שפּייכלער. אַוועקגעשטעלט אַ שיסעלע וואַסער, אַביסל פּראָסע און אַ גרויכע שיסל קניידלעך, אָנגעריבענע קאַרטאָפל אין מעל, אָפּגעזאָגט אַ שפּריכוואָרט, פאַרמאַכט דעם שפּייכלער — זיצט, עסט און לאָזט זיך ווױלגיין.

די טעג אַרבעט מען פיל. די נעכט זענען פּראָסטיקע, געזונטע און פרישע. שלאָפט מען אָפּ אַ גאַנצע נאַכט אויף איין זייט און אינדערפרי, איידער מען נעמט זיך צו עפּעס, גייט מען זען, וואָס אין שפּייכלער טוט זיך; צוגיסן וואַסער און צו-שיטן פּראָסע.

גייט מען צו צום שטייג — שטיל, מען הערט קיינעם נישט. אין שפּייכלער איז טונקל, זעצט מען זיך אַראָפּ אַ קוק טון, ערשט טיף אין שטייג פאַרשלאָגן אין אַ ווינקל ווערושעט זיך עפּעס. טוט מען אַריין די האַנט און מען טאַפּט אָן די גרויסע הון נישט טויט, נישט לעבעדיק — די צווייטע איז נישטאָ. און אַז מען האָט אָנגעהויבן שטאַרק זוכן און אַרומקוקן האָט מען געפונען פעדערן אין שטייג און אַרום שטייג סימנים פון בלוט...

אין דער מינוט האָט אונז אַלעמען איין געדאַנק אַרומגע-נומען — מען מוז עפּעס טון. דאָס איז געווען צו לייענען ביי אַלעמען אויף די פּנימער, נאָר וואָס זאָל מען טון?

און עס איז געבליבן מען זאָל שטעלן אַ לאָווושקע. אַ לאָווושקע האָט מען געקראָגן צו באָרגן ביי בערל דעם רופא — אַ ייד, וואָס האָט די בעסטע בעל־הביתישקייט אין שטעטל, די ערשטע פּלוים און די שענסטע באַר. און איר געפינט ביי אים אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו בעל־הביתישקייט, נאָר קריגן ביי אים עפּעס צו באָרגן איז געווען נישט אַזוי לייכט.

דערהערט פון דער געשיכטע האָט ער אַליין געבראַכט די לאָווושקע, אויף מיר איז געפאַלן דער גורל צו זיין זיין תּלמיד, און מען האָט זיך גענומען צום לערנען.

צוויי טעג האָט געדויערט דאָס לערנען. מען האָט געשטעלט און פאַרמאַכט, ווידער געעפנט און ווידער פאַרמאַכט, אַרום אונז זענען געווען אַלע שטוביקע, שכנים פון גאַס און די אַרבעטער פון מיל.

איך האָב געהאַט אַ געפיל פון גאווה, וואָס קיין מענטש אין דער וועלט טאָר זיך נישט צורירן צו דער לאָווושקע, אויסער מיר. נאָר טאָמער האָב איך אַ האָר געמאַכט נישט ווי ער האָט געוואָלט, האָט ער זיך געכאַפּט שלאָגן מיט דעם יאַמשאָוון שטעקן:

— שייגעץ, דו האָסט דאָך געקענט אַריינכאַפּן די האַנט. מיט אַ לאָווושקע דאַרף מען זיין אָסטראָזשנע.

ער האָט מיר אַזוי פיל אָנגעאָסטראָזשנעט, אַז מיר האָט געקלונגען אין ביידע אויערן.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויכוח, ווי אַזוי זי אוועקצושטעלן, ווו זאָל מען אוועקשטעלן די לאָווושקע, אַז דער מאַרדער זאָל זי נישט באַמערקן?

— מען קען זי מיט עפּעס צודעקן.

— מיט וואָס קען מען זי צודעקן?

— קען זיין מיט פּליעווע.

דאָס אַלץ איז געוואָרן איבערגערעדט דורך די מענטשן פון מיל, אַפּאָר שכנים פון גאַס מיט בערל דעם רופא אין דער שפּיץ.

— ווי זשע מאַכט מען אָבער, אַז די פּליעווע זאָל אים נישט ווערן פאַרדעכטיק?

דערצו איז דאָ אַן עצה — מען זאָל דאָס אָנשיטן ביסלעכווייז יעדן טאָג, יעדן טאָג אַביסל.

און כּך הווה. פון דעם טאָג אָן האָט אָנגעהויבן אין שפּייַכלער וואַקסן אַ סטעזשקע — פון טיר ביזן שטייג. און אויף יעדע

נאַכט האָט מען אַוועקגעלייגט אין שטייג אַן איי אָדער אַ שטיקל פלייש.

דערווייל איז דאָס געגאַנגען גוט. דאָס איי און דאָס שטיקל פלייש איז יעדן נאַכט פאַרשוווּנדן געוואָרן און די סטעזשקע איז געוואַקסן. ביז איינמאָל פאַרנאַכט, ווען די הינער האָבן זיך גע־האָט איינגעזעצט אויף די געזעסן און אין שפייכלער איז שוין געווען גוט טונקל, האָט מען עס אַוועקגעשטעלט, צוגעבונדן, צוגעדעקט מיט דער פליעווע און צוואָנציק מאָל באַטראַכט און אַרומגעקוקט, און צוואָנציק מאָל צוגעגאַנגען און אָפּגעגאַנגען... און כדי עס זאָל מער ציען האָט מען דאָס מאָל אַוועקגעלייגט אַ שטיקל געקאָכט פלייש באַשמירט מיט שמאַלץ.

און זיכער, און מאָדנע אויפגערעגט פון דער זיכערהייט, אַז מאָרגן, מאָרגן וועט ער זיין אין אונזערע הענט, האָבן מיר פאַרלאָזן דעם שפייכלער...

איך געדענק נישט ביי אונז אין שטוב אַזאַ שטילקייט, ווי אין יענעם אָוונט. אַלע האָבן געשוויגן און צוגעהערט. געגעסן וועטשערע און געשוויגן, געגעסן וועטשערע און איינגעהערט, געלייענט קריאת־שמע און זיך איינגעהערט, געבעט די בעטן און געשוויגן. מען איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער. און אַז מען האָט עפּעס געדאַרפט זאָגן, האָט מען עס געזאָגט שטיל און קורץ. מען האָט געוואַרט עס זאָל זיך הערן אַ קלאַפּ פון שפייכלער און געוואָלט עס נישט פאַרהערן...

שלאָפן איז מען געגאַנגען גאַנץ שפּעט און איינציקווייז, ביז דער לעצטער איז אויך איינגעשלאָפן און זיך נישט דערוואַרט.

אינדערפרי, אַז מען האָט נאָר די אויגן געעפנט, איז ביי יעדן אין די אויגן געשטאַנען די פראַגע — נו?... און ווייל די פראַגע איז געשטאַנען ביי אַלעמען גלייך און קיין ענטפער האָט קיינער נישט געהאַט, האָבן זיך אַלע געגעבן אַ לאָז צום שפייכלער זען וואָס דאָרט איז.

וואָס מיר האָבן דאָרט דערזען איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, דאָס שטייגט איבער יעדע פאַנטאַזיע.

די לאָוושקע איז געווען פאַרמאַכט און אין איר?.. אין איר איז גאָרנישט געווען. זי איז געווען אינגאַנצן ליידיק.

מיר זענען געבליבן שטיין, ווי געליימט און נישט אויס־גערעדט קיין וואָרט. דערנאָך האָט אימיצער אויסגעשאָטן אַ קללה. אַלע האָבן אין האַרצן געזאָגט אָמן אויף דער קללה. נאָר געפילט האָט זיך, אַז דאָס איז אַ קללה פון אַ שוואַכן, פון אַן אומבאַהאָלפענעם.

מיר האָט פון פאַרדרוס פאַרקלעמט ביים־האַרצן — ביי מיר אַבי עפּעס כאַפּט מיר באַלד דאָס האַרץ...

*

שפּעטער, אַז די געשיכטע איז געוואָרן באַהאַנדלט דורך דעם עולם, זענען וועגן דעם אַרויסגעזאָגט געוואָרן עטלעכע סברות. איין סברה איז געווען, אַז עס האָט אים געקענט אַריינ־כאַפּן אַ פּיסל אָדער דעם עק, נאָר ער האָט עס באַלד אַרויס־געצויגן — מן הסתם איז די ספּראָנדזינקע צו שוואַך. פאַר אַזאַ סברא האָט בערל דער רופא זיך געכאַפּט שלאָגן.

נאָך אַ סברא איז געווען, אַז אויף דעם בריעטל, וועלכעס מען דאַרף אָנריירן, כּדי די לאָוושקע זאָל זיך פאַרמאַכן, איז אָנגעטראָטן אַ מייזל, האָט זיך עס פאַרמאַכט און דאָס מייזל נישט פאַרטשעפּעט.

און די לעצטע סברא איז געווען, אַז עס האָט זיך פאַר־מאַכט פון זיך אַליין.

ווי אַזוי איז דאָס פון זיך אַליין?

אָט ווי אַזוי: ביינאַכט איז געווען אַ פראָסטל און אַז אַ פור איז אין גאַס שנעל פאַרבייגעפאָרן האָט אַ ציטער געטון די ערד, און מיט דער ערד דער שפּייכלער, און מיט דעם שפּייכלער די פּאָדלאָגע, מיט דער פּאָדלאָגע די לאָוושקע — און עס האָט זיך פאַרמאַכט.

וועלכע סברא עס זאָל נישט זיין די ריכטיקע, איז איין זאַך פאַר אַלעמען קלאָר געווען, אַז אין דער שפּיל האָבן מיר פאַרלאָרן...

VI

איך בין אַ פאַרביסענער, — שבת ערב־פּסח, — גע־
לאַפּט...—סוף פּסוק.

אַ מענטש און אַ מעשה ווייסן קיינמאָל נישט מיט וואָס זיי וועלן ענדיקן.

למשל, וואָס וואָלט איר געטון אויף מיין אָרט? איר וואָלט געוויס אַ שפּיי געטון אין דער זייט, אָפּגעווישט די ליפּן און געזען, וואָס גיכער עס צו פאַרגעסן.

איך בין אָבער אַ פאַרביסענער — הלוואי וואָלט איך עס נישט געווען — און לאָז נישט אָפּ אַזוי גיך.

אין אָוונט איז די לאָוושקע ווידער געשטאַנען פאַרשאָטן מיט פּליעווע, אָוועקגעלייגט אַ שטיקל פלייש, פּונקט ווי עס איז גאָרנישט פאָרגעקומען.

צו וואָס האָב איך דאָס געטון, ווייסט איין גאָט, און אויף מאָרגן האָב איך זי געפונען, פאַרשטייט זיך, פּונקט ווי איך האָב זי אָוועקגעשטעלט און איך האָב זי צוגעמאַכט. און אין אָוונט ווידער אָוועקגעשטעלט. און אַזוי טאָג אויף טאָג — אין אָוונט אָנגעשטעלט און אינדערפרי—פאַרמאַכט. מיט אַ מאָדנע נאַרישע פאַרביסנקייט, ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך אָנגעקלאַפּט אָן אַ שטיין און שלאָגט דערנאָך דעם שטיין ביז דאָס הענטל הייבט אים אָן ווי צוטון.

ווער ווייסט ווי לאַנג עס וואָלט זיך אַזוי פאַרצויגן, ווען עס טרעפט נישט דאָס, וואָס האָט געמוזט טרעפן...

ווי געזאָגט, פלעג איך יעדן אינדערפרי די לאָוושקע צומאַכן. געטאָן האָב עס, כּדי אויסצומיידן אַ געפאַר, טאָמער קומט ווער אַריין אין שפייכלער, און דער עיקר פאַר די הינער, ווייל עס זענען געווען ערטער דורך וואַנען די הינער האָבן געקענט אַריין אין שפייכלער און אַרויס. שבת טאָר מען דאָך די לאָוושקע נישט צומאַכן, דעק איך איר איבער מיט אַ זיפּ, אָדער מיט אַ רעשעטע.

פאַלט אויס שבת ערבֿ-פּסח, אין שטוב איז אַ בהלה, דער טאַטע רייסט אונז פון די בעטן און טרייבט דאַוונען. דריי פערטל נייַן טאָר מען שוין נישט עסן קיין חמץ. פאַרגעס איך דאָך אײַנגאַנצן אין שפייכלער מיט דער לאָוושקע.

קומענדיק פון דאַוונען איז די מהומה נאָך גרעסער. צו דריי פערטל נייַן פעלט אינגאַנצן צוואַנציק מינוט. דאָס חמץ האָט מען ביסלעכווייז אַרויסגעשטופּט פון שטוב. ערשט האַלט ער שוין אין קיך ביי דער טיר. און נאָך אַ מינוט וועט פון אים קיין זכר נישט בלייבן.

דער טאַטע איז אויפגעראָמט און קאָמאַנדעוועט. צום עסן איז דאָ נישט פיל און נישט ווייניק, טשאָלנט האָט מען געשטעלט אין אַ פּסחדיקן טאָפּ, קאַרטאָפל מיט פלייש, דאָס וועט מען אַרויסנעמען שפּעטער. יעצט בייסט מען נאָר צו. עס זענען דאָ קוכנס מילכיקע און פאַרווע, צו וועלכע מען דאַרף זיך נישט וואַשן, פלאָדן מיט מאָן-קיכלעך נאָך פון פּורים, ווישניאַק מיט סלאָיען אייַנגעמאַכץ און מען דאַרף עס אַלץ אויפעסן, אַז נישט וואַרפט מען עס אַרויס.

די מאַמע האָט אַ נאַטור, אַז זי פּרעגלט אייַנגעמאַכץ ווינטשט זי, אַז מען זאָל דאָס עסן געזונטערהייט. נאָר אַ גאַנץ יאָר האָט נאָך ביי אונז אַ געזונטער מענטש קיין אייַנגעמאַכץ נישט פאַרזוכט.

צו דריי פערטל נייַן פעלט שוין אַכט מינוט. איך האָב געכאַפּט אַ קעלישאָק ווישניאַק און עס דרייט זיך מיר שוין דער קאָפּ.

פלוצלינג האָט זיך פון שפייכלער דערהערט אַ קנאַל, ווי

פון אַ רעוואָלווער. אַ רגע איז מען געבליבן זיצן מיט דעם עסן אין מויל, נאָר באַלד איז מען צו זיך געקומען און אַלע האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פון שטוב צום שפּייכלער.

און דאָרט האָבן מיר פאַר זיך דערזען אַזאַ בילד:

אין לאָוושקע איז געשטאַנען אַ הון, געכאַפּט ביי אַ פּיסל. דאָס פּיסל איז געווען איבערגעבראָכן אונטערן קני און האָט זיך געהאַלטן אויף אַן אָדער, די אויגן זענען ביי איר געווען האַלב פאַרמאַכט, ווי פון אַ זונענשלאַג. זי האָט זיך לאַנגזאַם געשאָקלט און אַלץ געצויגן דאָס שטיקל פּיסל, מיינענדיק, אַז זי וועט איר אַרויסציִען...

וואָס מיט מיר איז אין דער מינוט פאָרגעקומען, קען איך זיך עד-היום נישט געבן קיין רעכענונג. עס האָט מיך פּלוצלינג פאַרכאַפּט ביים האַרצן און באַלד האָב איך דערפילט אין האַלז אַן ענגשאַפט דערשטיקט צו ווערן. און פון האַלז איז דאָס מיר אַרויף צו די אויגן, זיי זענען געוואָרן, ווי מיט עפּעס אי-בערגעצויגן, אַז איך האָב נישט געזען, וואָס אַרום מיר טוט זיך.

און פּלוצלינג האָט דער טאַטע מיט אַ געמאַכטן פריילעכן טאָן אויף מיר אָנגעוויזן און אַלע האָבן זיך אויף מיר פאַרקוקט:

— נאַט, קוקט! דער בחור וויינט דאָך.

— איך וויין נישט. — האָב איך אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין און מיט חוצפּה, און בין אַרויסגעלאָפן פון שפּייכלער.

*

קיין זאַך אין דער וועלט גייט נישט פאַרלוירן און יעדע באַשעפעניש האָט איר סוף, וועלכער איז איר אָנגעהתמעט געוואָרן.

אַוועק דער זומער, נאָכן זומער, ווי עס פירט זיך, אַ האַרבסט. דער ווינטער האָט זיך געשטעלט אַ פריעריקער. פון חצי כסליו איז שוין געלעגן אַ טרוקענער שניי.

איינמאָל אינדערפרי גייט אַרויס בערל דער רופא אין שטאַל צו די בהמות און באַמערקט אויפן גאָרטן אין שניי אַ שליאַד צום שייער צו.

אויף דער נאַכט איז שוין געשטאַנען די לאָוושקע

צוגעבונדן צום פּלויט, באַקראָפּעט מיט שניי און אַוועקגעלייגט אַ שיין שטיקל געגנדזנס. און איידער עס האָט אָנגעהויבן נעמען אויף טאָג — און ער איז דאָ!

ווען די ידיעה האָט דערלאַנגט צו אונז און מיר זענען אַהין אַוועקגעלאָפן, זענען שוין אַ האַלבע גאַס מענטשן לעבן אים געשטאַנען.

ער האָט נאָך געלעבט. געכאַפּט איז ער געווען ביי די צוויי פעדערשטע פיסלעך, זיי האָבן שטאַרק געבלוטיקט. ער האָט זיך נישט געריסן, ער האָט נאָר זייטיק געקוקט צום עולם און האָט געצ׳טערט.

די ווינטערדיקע האָר האָט ער שוין געהאַט אויף זיך, פון כעס און ווייטיק זענען זיי געווען אויפגעשטעלט און האָבן גע־האַט אַ פּראַכטפולן אויסזען, ווי אַ גאָלדענער טעפּיך באַשפּריצט מיט זילבער.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר דער גאַנצער כעס, וואָס עס האָט זיך ביי מיר צו אים יאָרן אָנגעקליבן, איז אין איין מינוט פאַרשוווּנדן — אַ יידישער גזלן. אין דער מינוט האָט מיך נאָר איין געפיל אַרומגענומען, אַ געפיל פון רחמנות, פאַרוואָס ער מאַטערט זיך.

דעם זעלבן געפיל האָבן אויך געהאַט אַלע, וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים, נאָר קיינעם האָט זיך נישט אויפגעהויבן די האַנט צו מאַכן אַ סוף פון זיינע יסורים...

תל־אביב, שבט, תרע״ד.

אינהאַלט

	זייט
איך און מיין קאַץ	9
אַ בהמה	75
די געלע הון	85
לבן־הארמי	97
אַ מעשה מיט אַ חזיר	125
יואל און ציפּע	137
וואַרקאַ	151
אין האָלץ־הויף	173
ר' זים.לע	187
נישט אָנגעצויגן	197
דער נשרף	211
משודע גנב	223

משה סטאַווסקי

געקליבענע ווערק

באַנד II

ווען טאָג פאַרגייט

גאַוועלן.